STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00966

GEKLIBENE VERK

F. Bimko

Permanent preservation of this book was made possible by
Marjorie Starr Osman
in memory of
her father, Edward Starr

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ציקא ביכער פארלאג
ניו־יארק

פ. בימקא

געקליבענע ווערק

פינפטער באנד

קאמעדיעס

פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא, 1936

דר׳ פליעז!

קאמעדיע אין דריי אקטן

פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא, 1936

ס׳איז בפירוש נישט דערלויבט צו שפילן אין יידיש
אָדער אין אַן אַנדערער שפּראַך — דורך קיין שום
טעאַטער אָדער וועלכער ס׳איז אָרגאַניזאַציע אויף
דער גאַנצער וועלט, — איידער מ׳פאַרשטענדיקט זיך
מיטן מחבר.

די רעכט אויף אַלע פּיעסען זענען געשיצט דורכן אויטאָר.

Copyright by F. Bimko, New York.

אָנפרעגן אין איירָאָפּע ביי:
Łazar Kahan, Warszawa, ul. Nowolipki 32, m. 13.

און אין אַמעריקע:
M. Ceshinsky, 2720 W. Division Street, Chicago ILL.

Printed in Poland

F. Bimko. Dramaty.

Druk. A. Rozensztajn, W-wa, Mławska 5, tel. 11-53-62

עס שפּילן :

דער דאָקטאָר

ערשטער אַסיסטענט

צווייטער אַסיסטענט

ס׳מיידל

די אלמנה

ס׳דינסטמיידל

ערשטער אקט

ביים דאָקטאָר אין קאַבינעט.

ס׳מיידל

װיל זיך אױעקרײסן פֿונם דאָקטאָר

ס׳אַן עװלה פֿון אײַך, דאָקטאָר.

דאָקטאָר

כ׳האָב ליב צו טון עװלות יונגע מײדלעך, װאָס האָבן אַזױנע זיסע ליפּן.

ס׳מיידל

װילט איר זײַ מיר אָנבײַסן?

דאָקטאָר

נישט אָנבײַסן, נאָר, — אײַנבײַסן...

ס׳מיידל

אַז כ׳װעל מיך לאָזן...

דאָקטאָר

נעמט איר אַרום

כ׳װעל דיר...

ס׳מיידל

די נשמה אַרױס־קװעטש־ן...

דאָקטאָר

בלױז אַ ביסעלע זאַפט... אַ קלײן ביסעלע זאַפט... אַ טראָפּעלע...

ס׳מיידל

װאָס בין איך, אַן עפּל? אַ פֿלױם? אַ בירן?

ד אָ ק ט אָ ר

אַלץ איינס, אַ לעבעדיקע זאַך; ס'וואַקסט נישט אויף קיין בוים, קומט נישט פון דרערד, און ס'לאָזט זיך...

ס ' מ יי ד ל

מאַכט אים אַוועק

ס'לאָזט זיך נישט...

ד אָ ק ט אָ ר

שטאַרבט עס פאַר דער צייט...

ס ' מ יי ד ל

וויל אַוועק

נישט מער קומען צו אייך.

ד אָ ק ט אָ ר

כ'מיין, פאַרקערט; דו וועסט עס גיכער טון, אַז כ'וועל זיין אַ שלעכטער, און דיך צורולאָזן; זיין אַ גוטער...

ס ' מ יי ד ל

דערמיט זענט איר אַ גוטער?

ד אָ ק ט אָ ר

נעמט איר קושן

נאָר, אַ שלעכטער?

דער טעלעפאָן קלינגט.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אין טיף

מ'פרעגט פאַרן דאָקטאָר.

ד אָ ק ט אָ ר

צוריקגעהאַלטן

ס׳זאָל זיין פון קליניק ?

ס ׳ מ יי ד ל

אָפּגעשראָקן

און, אַז פון קליניק ?

ד אָ ק ט אָ ר

קאָן מע מיך גאַנץ שיין אַריבערבעטן.

ס ׳ מ יי ד ל

כ׳וואָלט דאָס זייער נישט געוואָלט...

ד אָ ק ט אָ ר

ס׳גיט זיך פון די העלע הויט אַ מאַך, – מ׳ברויך עמעצן אָפּערירן...

ס ׳ מ יי ד ל

גיט אַ ציטער

ב־ר־ר־ר... נעמען אַ לעבעדיקן מענטש און שניידן...

ד אָ ק ט אָ ר

וועלכער משוגענער וועט דאָס מיר אָנגעטרויען אַ לעבעדיקן מענטש צו שניידן ? אַ טויטער איז ווייניק ?

ס ׳ מ יי ד ל

אַ טויטער ?

ד אָ ק ט אָ ר

ווי לאַנג ס׳אי נישטאָ קיין לעבעדיקע, מוז מע זיך באַניגן לאָזן מיט טויטע ; און שניידן מוז מע דאָך... ס׳אי דאָך עפּעס אַ קליניק...

ס׳מײדל

כ׳האָב שוין באַלד מורא נעבן איך צו שטיין: איר שנײַדט מענטשן...

דאָקטאָר

לעבעדיקע האָבן פאַר מיר גאָרנישט וואָס קײן מורא צו האָבן.

דינסטמײדל

אין טיר

זאָל איך ענטפערן: איר זענט נישטאָ?

דאָקטאָר

ניין, כ׳וועל עס אַליין טון. אַ.

ס׳מײדל

מאַכט זיך צורעכט ס׳פּנים

אַז אַ מײדל איז נאָך קלײן,
וויל זי שוין זײַן שײן;
אַז אַ מײדל איז נאָך יונג, —
וויל זי שוין וויסן אַלצדינג.

דאָקטאָר

קומט צוריק

בחינם געהאַט שרעק; ס׳אי פון אַ קראַנקן.

ס׳מײדל

נישט ברויכן באַלד אַרויספּאָרן אים זען?

דאָקטאָר

דאָ בין איך בײַ זיך אין די האַנט, אָבער אַז מ׳רופט פון קליניק, — בײַ אים אין די האַנט.

ס׳מײדל

און ס׳אי זיך שווער אַרויסצודרייען פון אים?

דאָקטאָר

ווי אַמאָל; סרוב מוז איך נעמען די פיס אויף די פּלייצעס, און גיין...

ס׳מיידל

וי אַ זעלנער.

דאָקטאָר

פון פריער

ווען אפילו כ׳זאָל האָבן וועמען, וואָס כ׳זאָל דווקא וועלן זיין מיט אים: אַ קראַנקן, צי גלאַט אַזוי אַ ליבן גאַסט... אַלצאיינס...

ס׳מיידל

פאַרזאָרגט

ווי לאַנג וועט נאָך דער קליניק אַזוי הערשן איבער אייך?

דאָקטאָר

ביז מ׳וועט זיין זיכער, אַז כ׳קאָן נעמען אַ מעסער אין די האַנט אַריין, און זיך מיט אַלעם האָבן אויסגעלערנט די מלאכה פון שניידן...

ס׳מיידל

קאָנט איר דאָך נישט זיין זיכער אפילו מיט אַ קראַנקן, איר זאָלט אים נישט ברויכן צו לאָזן זיצן ווי ער גייט און שטייט, — אַז ער וועט געבן אַ רוף, דער בייזער קליניק...

דאָקטאָר

אויף אַזוי פיל, כ׳זאָל שוין ביי אים זיין פאַרקויפט... געוויינלעך, קען מע זיך אָפּנאַרן...

ס׳מיידל

כאַפּט אָפּ נ׳אָטעם

אויך אַ גליק...

דאָקטאָר

זעצט זיך צו איר צו

און דו ביסט דאָך נישט ערגער אַלץ פאַר אַ קראַנקן, מיט וועלכן כ׳זאָל מיך מוזן אָפּגעבן...

ס׳מיידל

שמייכלדיק

און זיך אויך זוכן אָפּצונאַרן פון אים...

ד אָ ק ט אָ ר

אַ נאַר וועל איך זיין?

דער טעלעפאָן קלינגט.

ס׳ מ יי ד ל

שפרינגט אויף

שוין ווידער?

ס׳ ד י נ ס ט מ יי ד ל

אין טיר

מ׳פרעגט פאַרן דאָקטאָר.

ס׳ מ יי ד ל

אַ מזל איך האָב...

ד אָ ק ט אָ ר

דער טעלעפאָן רוט הייַנט נישט...

ס׳ מ יי ד ל

מ׳ברויך אים אָפּדרייען.

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס פאַר אַ דאָקטאָר וועל איך זיין אָן אַ טעלעפאָן?

ס׳ מ יי ד ל

ער שטערט מער ווי ס׳האָט אַ נוצן פון אים...

ד אָ ק ט אָ ר

באַלד נישט אומגערעכט.

ס׳ מ יי ד ל

וואו צוויי, איז ער אין מיטן.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אין טיר, שטייענדיק

זאָל איך פּילייכט ענטפערן?

ד אָ ק ט אָ ר

נישט נייטיק... אַפּ.

ס ' מ יי ד ל

מאַכט װידער צוגעפּסט ס'פּנים

אַז אַ מיידל איז נאָך קליין,
װײסט זי שוין צו מאַכן די ברעמען ;
אַז אַ מיידל איז נאָך יונג, —
הערט זי זיך אויף צו שעמען.

ד אָ ק ט אָ ר

קומט צוריק

נישט גוט.

ס ' מ יי ד ל

דער קליניק ?

ד אָ ק ט אָ ר

נאָך ערגער.

ס ' מ יי ד ל

װאָס קאָן שוין זיין ערגער ?

ד אָ ק ט אָ ר

נישט גלייך אַריבערקומען, — װעלן זיי אָנקלינגען נאָך אַ צװייטן דאָקטאָר.

ס ' מ יי ד ל

אַזוי געפערלעך זיין, אַז איר װעט נישט באַלד אַריבערקומען ?

ד אָ ק ט אָ ר

נישט װייניקער װי דאָ, אַז כ'װעל איך פאַרלאָזן...

ס ' מ יי ד ל

צװישן װעלכע קלויבט איר אויס ?

ד אָ ק ט אָ ר

דאָ זיין, דאָרט אַוועקגיין אַ מענטש פון די וועלט ; דאָרט זיין, — דאָ אַוועקגיין אַ מענטש פון די וועלט...

ס׳ מ יי ד ל

ווער פון ביידע איז עלטער?

ד אָ ק ט אָ ר

ס׳אי קלוג.

ס׳ מ יי ד ל

אויב יענע איז עלטער, — בין איך נייטיקער ; אויב איך, — מוזט איר יענע העלפן...

ד אָ ק ט אָ ר

יעדן איינעם זען צו העלפן, נאָך אַליין ברויכן די פיס אויסציען...

ס׳ מ יי ד ל

אָנגעברוגזט

כ׳גיי אַוועק.

ד אָ ק ט אָ ר

ס׳אי נישט אַזוי?

ס׳ מ יי ד ל

די קראַנקע קאָנט איר דאָך פאַרלירן, און מיך — אַלעמאָל האָבן...

ד אָ ק ט אָ ר

פון דעם וואָס ס׳וועט מיר דאָרט אַריינברענגען, שוין קאָנען צאָלן, — כ׳זאָל דאָס אַלץ, אָ, אָנהאַלטן?...

ס׳ מ יי ד ל

די קראַנקע, און... יענע.

ד אָ ק ט אָ ר

נישט דער ערשטער, וואָס כ׳לאָז צוליב דיר אַדורך...

ס ׳ מ ײ ד ל

און צוליב מיר ברויכן אויסזען ווי פּוטער אויף די זון...

ד אָ ק ט אָ ר

נו, דו ברענגסט מיר נאָך אַלץ מער אַריין, וויפיל ס׳קומט מיר אויס צו פּאַרלירן...

ס ׳ מ ײ ד ל

אַזוי רעכענען: ברויכט איר דאָס אײנגאַנצן נישט אויפהאַלטן, נאָר לעבן פון גרייטן, וואָס איך ברענג אייך אַריין...

ד אָ ק ט אָ ר

אַז כ׳זאָל דאָס נישט אויפהאַלטן, וואָלט איך קנאַפּ פון דיר אויך געהאַט; דו גיסט דאָך מיר בלויז דערפאַר, ווייל... כ׳קאָן מיך אין דעם אויס־דרייען, און ס׳איז אַזוי...

ס ׳ מ ײ ד ל

ס׳אי נאָך נישט אַזוי...

ד אָ ק ט אָ ר

נאָר, ווי אַזוי דען?

ס ׳ מ ײ ד ל

איר ווילט וויסן?

ד אָ ק ט אָ ר

שאַרט זיך צו

נאָך אַ ביסל צו פּרי?... כע־כע... וואָס שפּעטער כ׳וועל דערגיין, אַלץ שפּעטער מיר ברויכן ס׳האַרץ אָפּצוּעסן, און האָבן אַ קלענערן חשק צו לעבן...

ס ׳ מ ײ ד ל

אָנגעברוגזט

כ׳גיי אַוועק.

ד אָ ק ט אָ ר

זיך שוין איבערגעביטן?

ס׳מיידל

כ׳קאָן זיין דיזעלביקע, כ׳זאָל מיך נישט ברויכן איבערצובייטן...

דאָקטאָר

פריער צוגעלאָזט, און איצט...

ס׳מיידל

וואָלט איך אויך צוגעלאָזט...

דאָקטאָר

נאָר ?

ס׳מיידל

כ׳האָב מורא: איר וועט מער קיין חשק נישט האָבן דערנאָך צו לעבן...

דאָקטאָר

אַז דאָס זאָל וואָר זיין ?

ס׳מיידל

איז גלייכער, באַלד אַצינד...

דאָקטאָר

פאַרלירן דעם חשק ?

ס׳מיידל

און פאַרשפּאָרן דערנאָך צו וויינען...

דאָקטאָר

אויפגעלעבט

איך קלער באַלד גאָרנישט אַזוי טיף אַריין...

ס׳מיידל

אויך אויפגעלעבט

און איך מיין אַלץ: אַז ס׳וועט אייך צוליב דעם דערנאָך מער אַ הנאה טון, און מיט זיך מער די שמחה באַשיינען...

דאָקטאָר

נעמט איר הענטל אין זיינע

פון אַ וואָרט מאַכט זי גלייך אַ קוואָרט.

ס׳מיידל

אויפגעלייגט

וואָס גייט איר טאָן?

דאָקטאָר

נעמט אַרויס דעם זייגער

נאָכזען ביי אייך דעם פּולס.

ס׳מיידל

דערמיט, איר זאָלט האָבן פאַר עפּעס באַצאָלט?

דאָקטאָר

איינגאַנצן בחנם, קאָן איך דאָך אויך נישט פאַרלאַנגען...

ס׳מיידל

נאָך אַ ווײַלע

נו?

דאָקטאָר

נישט גוט.

ס׳מיידל

וויפיל האָב איך?

דאָקטאָר

ווייניקער ווי מ׳ברויך צו האָבן...

ס׳מיידל

וויפיל ברויך מע צו האָבן?

דאָקטאָר

האָט איר אַלץ נישט.

ס׳מיידל

דאָך אַזוי?

דאָקטאָר

שטאַרק אַרונטערגעפאַלן...

ס׳מיידל

ווי אַזוי ווייסט איר דאָס, אַז איר האָט ביי מיר פריער דעם פּולס נישט געטאַפּט?

דאָקטאָר

פריער אים געשפּירט אומעטום, וואו כ׳האָב דיך נישט געזאָלט אָנרירן; און אַצינד ברויך איך אים זוכן...

ס׳מיידל

שטופּט אין אים אַריין

שוין באַלד ערלעך פאַרדינט אייער געלט...

דאָקטאָר

מאַכט אַ קרומע מינע

ס׳לויפט-איין אַ חודש דירה-געלט; און אויף די אַלע מאַשינען מער ווי צוויי חדשים נישט געגעבן גאָר...

ס׳מיידל

נאָך אַזוי פיל געבן, אַז ס׳וועט אייך מיאוס ווערן אַזוי פיל צו נעמען...

דאָקטאָר

נו, אַז כ׳האָב שוין עפּעס פון דיר אַליין געקריגן, מעג איך מיר ס׳איבע-ריקע אַליין אָפּנעמען... *נעמט זיך צו איר.*

ס׳מיידל

לאָזט זיך גערן

נישט: ס׳זאָל מיך צו שטאַרק פאַרקלעמען...

דאָקטאָר

כ׳ווייס אַלעמאָל אויף ווי ווייט, און ביי וועמען...

ס׳מיידל

אַרומגעהאַלזט

ס׳איז מיר צו גוט: ווען כ׳בין פון דיר אַרומגענומען, כ׳זאָל קאָנען אי-בערקלערן, — כ׳וועל דערנאָך האָבן דאַרויף צו וויינען...

אַ קלונג.

ד אָ ק ט אָ ר

שפרינגט אויף

אוודאי, דער קליניק!

ס׳ מ יי ד ל

און איר וועט אַרויספאָרן?

ד אָ ק ט אָ ר

שוין אויף די מינוט: נישט קיין לעבעדיקער! אַ טויטער קאָן האָבן געדולד, און וואַרטן...

ס׳ מ יי ד ל

און וואָס הערט מע ווידער נישט אויף צו קלינגען?

ד אָ ק ט אָ ר

ווייל, ס׳טוט זיי געוויס נישט קיין הנאה: וואָס כ׳בין נישט דאָרטן...

ס׳ מ יי ד ל

וואָס וועט זיי שוין אַרויסקומען, איר וועט דאָרט זיין?

ד אָ ק ט אָ ר

מיר צו־וואַרפן דעם טויטן, און זיך אַליין ערגעץ אַוועקבאַהאַלטן; באַלעקן מיט אַ פּאָר שיינע מיידלעך...

ס׳ מ יי ד ל

און דער קליניק?

ד אָ ק ט אָ ר

איז זייער אַ גרויסע זאַך, נאָר אַזוינע מיידלעך זעען דאָך אויך נישט פון די קליינע זאַכן...

ט קלינגט.

ס׳ מ יי ד ל

אוי, דאָס קלינגען!

ט׳קלינגט.

ד אָ ק ט אָ ר

הים...

ס׳מיידל

לאָזן נישט באַקומען...

מ׳קלינגט.

דאָקטאָר

ס׳זעט אויס, ווי ס׳זאָל זיין דער גלאָק; זיך עמעץ פאַרלייגט אויף אים, און וויל אים מיט כוח אָפרייסן...

ס׳מיידל

ברעננעען זיי נישט אַמאָל אַהער דעם טויטן?

דאָקטאָר

צו מיר קומט מע נישט אַריין מיט קיין טויטע; מ׳שטאַרבט ערשט דער־גאָך, ווען מ׳גייט פון דאַנעט אַוועק...

דינסטמיידל

אין טיר

די שוואַרצע, אין טרויער.

דאָקטאָר

גוט אַרויפגעטראָפן.

ס׳מיידל

שיק איר גלייך אַוועק!

דינסטמיידל

איר שוין געזאָגט: דער דאָקטאָר איז אין הויז.

דאָקטאָר

קלוג, זייער קלוג געטון.

ס׳מיידל

ביטער

זאָל זי ווידער אַריינקומען; זיך אַ ביסל אָפפרייען מיט אייך...

דאָקטאָר

און וואו וועל איך דיך אַהינטון?

ס׳מיידל

כ׳קאָן דאָך נישט אַרויספליען דורכן פענסטער.

דאָקטאָר

צווי קעץ אין איין זאַק.

ס׳מיידל

זיך צעדראַפּען אַ ביסל...

דאָקטאָר

איך וועל אָבער ברויכן אונטערשטעלן די בצק.

ס׳מיידל

איר האָט גיכער מורא פאַרן זאַק, זיי זאָלן נישט מאַכן קיין לאָך אין אים...

דינסטמיידל

פאַרלעגן

איר הייסן צוואַרטן?

דאָקטאָר

אומבאַהאָלפן

ביז כ׳וועל מיך דאָ אָפּקומען מיט איר?

ס׳מיידל

זיך קיינמאָל נישט דערוואַרטן...

דינסטמיידל

הייסן אַריינגיין?

דאָקטאָר

איר אויפן קאָפּ אַרויף?

ס׳מיידל

נערוועז

כ׳זע דאָך שוין: ס׳פּישטשעט ביי אייך... ווילט זיך אַ ביסל פרייען מיט איר... איך וועל אייך נישט שטערן... נישט אפילו זיין דערביי, און דאָס

צוקוקן. . אפגייענדיק אין די אנדערע שטוב זעט כאטש, ס׳זאל נישט לאנג געדויערן...

ד אָ ק ט אָ ר

מאכט גלייך אויף די טיר

גלייכער: מ׳וואלט מיר דעם טויטן ארייננעברענגט...

ד י א ל מ נ ה

פארהערט

ווער האט זיך אומגעברענגט?

ד אָ ק ט אָ ר

אזוי אומגעריכט געקומען, מיך א ברירה, געהאט נישט צו טרעפן.

ד י א ל מ נ ה

פארגלאצט די אויגן

אין זכות פון מיין יונג פארשטארבענעם מאן, זיך פאר מיר געמיט...

ד אָ ק ט אָ ר

מ׳קאן דורך א טויטן טאקע א סך געהאלפן ווערן...

ד י א ל מ נ ה

ווער ווייסט דאס נאך מער ווי א דאקטאר, וואס שניידט זיי אין קליניק..
ביטער כ׳זאל אייך פריער אפקלינגען, — מיר קיינמאל נישט אויסגעקומען אייך צו טרעפן...

ד אָ ק ט אָ ר

יא... כ׳בין זייער פארנומען.. דער קליניק שטעקט מיר ווי א ביין אין האלז... ער רואינירט מיך... איר ווייסט גארנישט, וואס ס׳קומט מיר אויס צו שניידן איבער א טאג...

ד י א ל מ נ ה

גלעט אים

מיין ארימער דאקטאר! אז ער רעדט בלויז פון די שווערע ארבעט, — ווערט אים שוין דער שטערן באדעקט מיט שווייס...

ד אָ ק ט אָ ר

אַז די טויטע גייען מיר גאָר פון די האַנט נישט אַרויס, — ווי קאָן איך מיך אָפּגעבן מיט לעבעדיקע?

ד י א ל מ נ ה

גיבעך; נישט קאָנען אַוועקרייסן פאַר מיר אַ מינוט, — אַן עלנדע, וויסטע אלמנה. (גערויש פון די אַנדערע שטוב) וואָס רוישט עס דאָרט אַזוי?

אָ ק ט אָ ר

אַ מויז, אַוודאי...

ד י א ל מ נ ה

כ׳קלער טאַקע נישט אַזוי פיל וועגן קליניק, ווי איבער די מויז, וואָס האָט זיך פאַרקליבן צו אייך...

ד אָ ק ט אָ ר

זינט אייער מאַן איז אייך אָפּגעשטאָרבן, לעבט איר נאָר אין איין הוילע שרעק...

ד י א ל מ נ ה

ווייל, כ׳האָב שטאַרק מורא, — איר זאָלט מיר אויך נישט שטאַרבן; און כ׳האָב פאַרלויפיק נישט מער קיין אָרט, ווי פאַר אייגעם צו טראָגן טרויער...

ד אָ ק ט אָ ר

נישט איינמאָל געקלערט: ס׳איז מיט קיין אלמנה נישט גוט אַפילו צו האָבן; אַזוי גיך ווי זי האָט זיך מיט איינעמען אָפּגעבריט, —, שוין בסדר מורא, די אַנדערע זאָלן איר אויך נישט אָפּשטאַרבן...

ד י א ל מ נ ה

ווען איר האָט געהאַט מיט מיר צו טון, האָט נאָך מיין מאַן געלעבט; און נאָר אין אייער זכות, אויב כ׳מאַך קיין טעות נישט, — אַזוי יונג געשטאָרבן.

ד אָ ק ט אָ ר

גאָרנישט באַדאַרפט שטאַרבן, דער שוטה; גאַנץ דרייסט, צו די צרות, געקאָנט לעבן...

ד י א ל מ נ ה

זיכער נאָך געלעבט, ווען ר'זאָל זיך נישט אַזוי צום האַרץ נעמען...

ד אָ ק ט אָ ר

געוועזן פאַרנאַרט... נישט דער איינציקער מאַן וואָס ס'וויב זיינס פאַרשטעקט אים פון הינטן, ווען זי ליגט פון פאָרנט ביי אַ צווייטן אין בוזים...

ד י א ל מ נ ה

ווען ער זאָל לעבן, און מיט די אייגענע אויגן ברויכן צוזען: ווי גרויזאַם איר באַנעמט זיך צו מיר, — זיך אַליין געבראָכט דעם טויט צו מאַכן; ווייל ער האָט מיך, ווי טיף אין די נשמה אַריין ס'לאָזט זיך, — געערט; און נאָר דורך אייער גרינגשעצן, זיך דאָס קאַרגע לעבן זיינס פאַרמערט... ווישט אָפּ אַ טרער יאָ... מ'ברויך זיין שטאַרק, זייער שטאַרק אויפהיטן, נישט צו ווערן יונג קיין אַלמנה...

ד אָ ק ט אָ ר

זיך אָפּגעבן ווייניקער מיט פרעמדע מענער, — די אייגענע פאַרדראָס לענגער לעבן...

ד י א ל מ נ ה

די פרוי האָט גאָרנישט אויף אַזוי פיל די ווערט ביי יענעמען, — ווי-ווען דער אייגענער מאַן לעבט...

ד אָ ק ט אָ ר

איר זענט ביי מיר גאָרנישט אַראָפּגעפאַלן...

ד י א ל מ נ ה

נאָך באַדאַרפט אויפשלאָגן נאָך זיין טויט; קיין איין רגע נישט אויפהערן טרייסטן מיט אייערע לאַסקעס; מיך זוכן אַרויסצוברענגען פון מיין שווער געמיט, — און זיך גאָר אָפּגעקערט פון מיר, ברענגט אויס אייער גאַנצע מי אין קליניק, אויף צו שניידן טויטע, לעבעדיקע... און איך בין אַליין... אַ וויסטע אַלמנה...

ד אָ ק ט אָ ר

אַ שרעק... אַ שרעק...

די אלמנה

מיין מאן וואָלט זיך אין קבר איבערגעדרייט, ר׳ זאָל וויסן דערפון...

דאָקטאָר

און נאָך פריער פּליינבט געשטאָרבן?

די אלמנה

נישט אזוי געפּערלעך געברענט, האָט זיך אויך אין אים צעשפּילט אַ טיפּע, כמעט רעליגיעזע לײדנשאַפט, — באַרײרנדיק די שפּיץ־גאָמבע מײַ־נע... נאָגט פון אים געווען, ר׳זאָלס מיר מוחל זיין, — אַ פאַרשלאָפענע בריאה; נישט געהאַט דאָס פייער וואָס צינדט זיך אָן אין די שפּיצנפינ־גער, און לויפט אַדורך ווי אַ הייסער שטראָם איבערן גאַנצן קערפּער...

ס׳מיידל

אין די אַנדערע שטוב, נעמט הענקן כּפּלער, ברענגן גלעזער.

די אלמנה

אַזוינע גרויסע מייז... ליגן דאָך אין די שטוב ביי אייך...

דאָקטאָר

פאַרגעסן: כ׳האָב אַ קאַץ אַרייגענומען... מאַכט אויעק די טיר צו די אַנדערע שטוב אַפּ־טש־י...

ס׳מיידל

גיט אַ קוויטש.

די אלמנה

שיסט אויס מיט אַ געלעכטער

נישט געהערט נאָך: אַ קאַץ זאָל אַזוי הויך קוויטשען... לאָזט זיך אריינגיין.

ס׳מיידל

פליט ארויס, גלייך צו אים אויפן האַרץ

נישט געקאָנט שוין לענגער אויסהאַלטן...

די אלמנה

כאַ־כאַ־כאַ... וואָזשנע מייז לויפן ביי אייך אַרום; מ׳ברויך זיך גוט אויס־צוהיטן, — נישט געביסן צו ווערן פון אַזאַ מויז...

ס׳מיידל

כ׳וועל נישט צולאָזן, זיך אָפּצוגעבן מיט די אלמנה...

די אלמנה

אַזוי גאָר?

ס׳מיידל

אָן אייך, דאָקטאָר, האָב איך נישט מער וואָס צו לעבן...

די אלמנה

אַזוי שמאָל האַלט עס שוין מיט איר?

דאָקטאָר

שמאָל צי ברייט, אַבי נישט פאַרשייט...

ס׳מיידל

איר גייט בעסער אַהיים: ער האָט נישט אַזוי פיל כּוח, ווי מ׳ברויך האָבן צו אייך...

די אלמנה

איך זאָל גיין, און אים דיר איבערלאָזן? וואָרן, דו האָסטן שוין, — כ׳זאָל אים דיר ברויכן איבערלאָזן?...

ס׳מיידל

אויב כ׳האָב אים נישט, וועל איך אים האָבן.

די אלמנה

אָבער, נישט אויף אַלעמאָל...

ס׳מיידל

באָך נישט אויסגעטון דעם טרויער נאָך איר ערשטן מאַנס טויט, — און וויל שוין אַ צווייטן פאַרטיק מאַכן...

די אלמנה

דו זע בעסער: די מזמע זאָל דיר אָפּווישן די מילך פון די ליפּן; נאָך פון די אייערשאָל נישט אַרויס, און רעדט שוין אויך וועגן אַ מאַן, אַזאַ שפּילקעץ!...

ס׳מיידל

אַזאַ וויסטע אלמנה !

דאָקטאָר

נישט אויפהערן זיך אַרומצוקריגן ?

די אלמנה

און אַז נישט ?

דאָקטאָר

נעמט אַ פּלעשל

נאָר געבן איין שלינג, און דאָס נישט ; אַ הונדערטסטל פון אַ טראָפּן, און דאָס נישט ; בלויז נעמען צו די ליפּן, און דאָס נישט ; אַ שמעק מיט די נאָז, און דאָס נישט ; האַלטן בלויז אין די האַנט, און דאָס נישט...

ס׳מיידל, די אלמנה

האַקן אים דאָס פּרוס פון די האַנט

אַזאַ סם פאַר זיך אויסגעזוכט ?

די אלמנה

און איבער וועמען ? די שפּיל־קאַץ !

ס׳מיידל

די וויסטע אלמנה !

דאָקטאָר

דערנאָך מיך ביידע קאָנען האָבן, און פאַרטיילן מיט מיר ; אייך : ס׳האַרץ, איר די פיס ; יענע, — די הענט ; און נאָך איינע, – מילא, וואָס איר קאָן איינפאַלן ביי מיר צו וועלן ?...

די אלמנה

שוין, כ׳לעבן, באַלד געברויכט צו באַשטיין ; וואָרן, אַז ס׳וועט לענגער געדויערן, קאָן נאָך אָנקומען אַ דריטע אויפן קאָפּ אַרויף, און ס׳זאָל אויך אונז ביידע אויסקומען צו קלענערע חלקים...

ס׳ מיידל

ס׳זאָל אַפילו קומען נאָך צען, - גאָרנישט פונם אַראָפּגעבן; קיין האָר נישט.

די אלמנה

אים אָבער שווער זיין אַליין אַראָפּצושלינגען; אַ יונג מיידל, זיך נאָך דערוואָרגן מיט אַזאַ גראָבן ביסן...

ס׳ מיידל

כ׳וויל זיין מיט אים אַליין, און פון קיינעמען מער נישט וויסן.

די אלמנה

און אַז ער האָט מיך מער ליב?

ס׳ מיידל

איר האָט איר מער ליב, די אלמנה?

דאָקטאָר

ניין, אייך...

די אלמנה

איר האָט איר מער ליב, די שפּרינגקאַץ?

דאָקטאָר

ניין, אייך.

ס׳ מיידל

וועמען האָט איר מער ליב?

דאָקטאָר

אייך.

די אלמנה

וועמען האָט איר מער ליב?

דאָקטאָר

אייך.

ס ׳ מ יי ד ל

וועמען ?

ד אָ ק ט אָ ר

אייך.

ד י א ל מ נ ה

וועמען ?

ד אָ ק ט אָ ר

איר.

ס ׳ מ יי ד ל

וועמען ?

ד אָ ק ט אָ ר

איר.

ס ׳ מ יי ד ל , ד י א ל מ נ ה

ווע־מען ?

ד אָ ק ט אָ ר

אייך... איר... איר... אייך. כ׳ליב... כ׳ליב... צו קיי־כן פֿאַר אייך אויף די גליי־כע ווענט, און אַראָפּשפּרינגען פֿון העכסטן שטאָק אין אַ טיפֿן קעלער אַריין; ווען איר פֿאַרדרייט אַזוי דעם קאָפּ, און ס׳כאַפּט אָן אַ משוגעת, מ׳נעמט רעדן פֿאַר פֿייער און וואַסער, וואָס ס׳אי נישט געשטויגן און נישט געפֿלויגן, און אָפּטון אַזעלכע זאַכן, אַז ס׳אַ חרפּה פֿאַר די אייגענע אויגן... *נעמט זיי ביידע אַריין אין זיך* כ׳האָב אייך ליב, בלאָנדע, גרינגע, געלע, שוואַרצע, ווייסע, פֿון וואָס פֿאַר אַ פֿאַרב איר זאָלט נישט זיין, און צו ס׳אַר גאָט דינען; וואונדערבאַרע ראַסע פֿון תוהם געבירט, באַגליקונג פֿון די אָרימע וועלט, לייטזעליקער שמייכל אויף די פֿינסטערע הימלען פֿון אונזער לעבן... כ׳האָב אייך ליב, אַלע, ווי איר זייט, און נעם פֿאַרליב אייערע קאַפּריזן, ווען אַפּילו ס׳קומט מיר אַזוי שווער אָן, ווי כ׳זאָל וועלן אָנכאַפּן דעם הימל פֿאַר אַן עק; און איר דערגייט די יאָרן, אַז כ׳שפּיר ווי די געהירן אין קאָפּ הייבן־אָן צו צעגיין ווי אַ

שטיקל אייז אין וואַרעם וואַסער... און כ'האָב אָן פאַלן... פאַלן... פאַלן...

בלייבט ליגן אומבאַוועגלעך.

ס׳מיידל

וואַרפט זיך איבער אים

וואָס זענען עס פאַר אַ קונצן?

די אלמנה

טרייסלט אים פיבערהאַפט

שוין מער לעבעדיק נישט זיין; אַ האַרץ־שלאַג איז אַוועקגעלייגט, טויט.

ס׳מיידל

פאַרווייגט

אַזאַ טייערע נשמה ווי ער איז געווען...

די אלמנה

וואַרפט זיך

נישט געוואָלט פונם האָבן אַ שטיקל, — קאָנען האָבן איינגאַנצן.

ס׳מיידל

נאָך אַליין איצט נעמען אין קליניק, מ׳זאָל אים שניידן.

די אלמנה

כשר פאַרדינט; אַזוי פיל געשניטן ביים לעבן, — אים כאָטש שניידן נאָכן טויט.

ס׳מיידל

פאַרדעקט אים ס׳פנים, שטעלט אוועק ליכט צוקאָפּנס

אוי, ער איז דאָך געווען אַזוי גוט צו מיר... כ׳האָב דאָך אפילו קיין איין שלעכט וואָרט נאָך אים נישט נאָכצוזאָגן...

די אלמנה

פאַרשטיינערט

אַזאַ מזל אויף אים, ווי גוט ער האָט זיך צו מיר באַנומען; אסור, אויב כ׳האָב איין גוט וואָרט יאָ פאַר אים...

ס׳מיידל

שטייט און וויינט אין אים אריין

מיך שטענדיק דערקוויקט מיט די שיינע שמייכלען פון דיינע קלוגע אויגן...

די אלמנה

און מיר, פארגאסן ס׳בלוט מיט די פאלשע חנדלעך זיינע..

ס׳מיידל

ווען וועט נאך אויפשיינען אזא ליבע זון, און מיר מיין וועלט צוריק ליכטיק מאכן ?...

די אלמנה

און מיר פארפינסטערן דאס לעבן אויף איר ?

ס׳מיידל

אוי, ווען כ׳האב פארשפילט :

די אלמנה

דערווידער

וויפיל קלערסטו נאך אזוי אריינצוווייגען אין אים ? ער האט דיך ביים לעבן נישט אין זינען געהאט, און נאכן טויט אוודאי נישט ; מ׳ברויך ערגעץ גיין לאזן וויסן, — מ׳קאן אים דאך אזוי נישט לאזן ליגן..

ס׳מיידל

גו, וואס גייט איר נישט ? מער ווי איר, איז שולדיק אין זיין טויט ?

די אלמנה

דו האסט אויך נישט קיין קליין חלק דערין...

ס׳מיידל

אים נאך אצינד מיט אייך אליין, אויך נישט לאזן...

די אלמנה

און דיר איז יא, מיינסטו, אנגעטרויען ?

ס׳מיידל

וואָרן, ער קאָן נאָך צוריק לעבעדיק ווערן?

די אלמנה

ביי די לייט איז אַלץ מעגלעך.

ס׳מיידל

אַ דאָקטאָר זאָל האָבן אין זיך אַזאַ כוח, — ר׳זאָל קאָנען פון טויט צוריק לעבעדיק ווערן?...

די אלמנה

ביי די לייט איז אַלץ מעגלעך.

ס׳מיידל

אפשר אים אַזוי לאָזן, און ביידע אינאיינעם גיין?

די אלמנה

ביז מ׳וועט קומען צוריק, אים אַ ברירה האָבן נישט מער צו טרעפן...

ס׳מיידל

איר ווילט זיך אַלץ נישט צוגלייבן, ער זאָל זיין טויט?

די אלמנה

ס׳בעסטע וואָלט געווען, אויב מ׳וויל זיין זיכער, — אים מיטצונעמען.

ס׳מיידל

אַ טויטן?

די אלמנה

אויב ער לעבט, זיך געוויס נישט לאָזן...

ס׳מיידל

זיך שעמען צו לאָזן טויטערהייט אַרומטראָגן?

די אלמנה

איך נעם ביים קאָפּ, און דו ביי די פיס... אויפגעהויבן!

ס׳מיידל

ווי שווער ר׳איז.

די אלמנה

מ׳ברויך מיר דאָס נישט זאָגן... כ׳ווייס...

ס׳מיידל

אים שוין אַמאָל געטראָגן אויף זיך?

די אלמנה

פאַרארבעט

לייג צו די הענט... נו?... אים דאָך געוואָלט אויף שטענדיק טראָגן, אַ?... און דאָ צערייסטו דיך שוין, אַז ס׳קומט אים אויס אויף אַ מינוט צו נעמען...

ס׳מיידל

יאָ, אָבער נישט טויטערהייט; ביים לעבן גאָרנישט אַזוי שווער געווען...

דאָקטאָר

פאַלט אַרויס פון זייערע הענט, אַ לעצטיקער

גענוג, זיי האָבן מיך אומגעבערענגט; נאָך אין גאַס אַריין זיך לאָזן אַרויס־טראָגן אַ טויטן, — מיך שוין פון זיי נישט לאָזן...

די אלמנה

נישט געזאָגט, אַז ביי די לייט איז אַלץ מעגלעך?

ס׳מיידל

אפילו לעבעדיק צו ווערן נאָכן טויט? אויב אַזוי, וויל איך אים דורכאויס פאַר מאַן, אפילו אַ טויטן...

דאָקטאָר

גלייכער, — כ׳וואָלט נישט געווען אויפגעקומען; איין רגע געוואוסט, אַז כ׳לעב, — ווען כ׳בין געווען טויט...

די אלמנה

מיין געשטאָרבענעם מאַן, און מיט אים: אַלע טויטע צוגלייך, — זיך נישט ערגער געוואונטשן ווי אַזוי טויט צו זיין...

דאָקטאָר

וואָס האָט איר געוואָלט? מיך אַזוי דערהרגענען, כ׳זאָל שוין אפילו קיין תחית המתים נישט אויפשטיין?

די אלמנה

האַלט אים צרום

נישט העלפן קיין שום געוויין.

דאָקטאָר

בעט זיך

לאָזט מיך אַ ווײַלע אַליין.

ס׳מיידל

האַלט אים אַרום

דאָס קאָן קיינמאָל נישט מער זיין...

די אלמנה

אַז מ׳איז מיט אים, קאָן ער זיך וועלן אומברענגען, און אַז מ׳וועט נישט זיין מיט אים?

דאָקטאָר

וועט איר שוין כסדר זיצן איבער מיר, און מיך נישט מער אָפּטרעטן?

די אלמנה

נישט פריער, ווי כ׳וועל מיר האָבן אָפּגענומען ס׳מייניקע; און אויף אַזוי פיל זיין זאַט, אַז ס׳וועט מיר שוין קריכן פונם האַלז...

ס׳מיידל

און דערנאָך, אים ווידער מיר אָפּלאָזן.

דאָקטאָר

שיין לייט זיין, אַז כ׳וועל אַזוי ברויכן גיין אומגעפּרעגט, פון האַנט צו האַנט... זיין אָנגעשווין אויפן יושר פון די ווייסע קעץ... מיך ערשט אָפּלאָזן, ביז זיי וועלן מיט אַלעם זיין זאַט... האָבן איבערגעגעסן... און

קריכן פונם האַלז... וואָרן ס'אי דען מעגלעך, זיי זאָלן זיך אַמאָל איבער־עסן, און מיט אַלעם זיין זאַט ?... איז דאָך נישט מער, ווי זיך צו לאָזן אויסמאָרדעווען צוביסלעך... גיט זיך אַ וואָרף וואו איז ס'פּלעשל סם ?... ראַנגלט זיך מיט זיי לאָזט מיך גענבן איין שלונג... אַ הונדערטסטל פון אַ טראָפּן... נעמען אין די האַנט אַריין... אַ שמעק טון כאָטש... טעלעפאָן קלינגט אוי, דער קלינינק ! מיך איצט האָבן אָפּגעראַטעוועט פון זיכערן טויט !

ד י א ל מ נ ה

קאַלט

און דער קלינינק וועט אַצינד נישט העלפן.

ד אָ ק ט אָ ר

מ'ברויך שניידן אַ טויטן.

ד י א ל מ נ ה

נישט אַנטלויפן, דער טויטער.

ד אָ ק ט אָ ר

ס'קאָן נאָך זיין אַ לעבעדיקער, וואָס מ'זאָל ברויכן שניידן...

ד י א ל מ נ ה

אויב ס'איז יענעמען באַשערט צו לעבן, – אויסקומען אָן מעסער ; און אויב דער טויט וועט אים נישט מיידן, – ס'מעסער קנאַפּ העלפן.

ד אָ ק ט אָ ר

זאָל איך לאָזן שטאַרבן אַ מענטש, צוליב אייער ביסל פאַרגעניגן ?

ד י א ל מ נ ה

שוין איין מאַן איבער מיר געשטאָרבן, – נאָך איינעמען האָבן אויפן געוויסן.

ס ' מ י י ד ל

צעררייצט

כ'קאָן דאָס נישט מער הערן... נעמט זיך אָנטון זאָל זי זיך אָפּנעמען פונם ס'איריקע, און זיך אַזויערנאָך ראַטעווען ביי איר ס'לעבן...

דאָקטאָר

איינע כאַטש מער שכל געהאַט.

די אלמנה

זי איז נאָך יונג, און איך בין שוין צו אַלט צו פֿאַרשטיין.

דאָקטאָר

נו? זאָל איך איר נישט ליב האָבן? כ'וויל שוין נישט זאָגן: וואָס זי איז אַזוי ליכטיק, — נאָר אפילו שכל ברויך מע זיך אויך גיין לערנען צו איר...

די אלמנה

כ'ווייס: אַז זי וועט אייך קיינמאָל נישט אַזוי דערצערנען...

דאָקטאָר

פֿון וואַנעט ווייסט איר?

די אלמנה

ווייל, זי האָט אייך ליב...

דאָקטאָר

אָט, האָט איר דאָך מיך אויך ליב, און פֿאַרשאַפֿט מיר אַזוי פֿיל יסורים...

די אלמנה

ווי פֿריער

ס'אַרט מיך גראָד נישט. . איר קאָנט זיך ליבן... כ'וואָלט גאָרנישט געוואָלט, איר זאָלט זיין איר נאַר...

דאָקטאָר

נאָר זי זאָל אים אויסשטיין, דעם נאַר מיינעם?

די אלמנה

כ'ברויך אייך נישט לייגן קיין פֿינגער אין מויל אַריין.

דאָקטאָר

וואָס זענט איר פּלוצלינג געוואָרן אַזוי גוט צו מיר?

די אלמנה
שפּלמיש

דעם וואָס מ׳האָט ליב, זוכט מע שטענדיק צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן ;
אַלצאיינס : צי מיט זיך, אָדער מיט יענעמען...

דאָקטאָר

און איר האָט נישט קיין ברעקל געפיל פאַר יענע, באָטש זי איז געקומען
אויף אייערע טריט ; נאָר אַזוי־ערנאָך איר צו וועלן דערהרגענען ?...

די אלמנה

דערהרגענען ? מיר נאָך געבן אַ קוש אין פּיסקל אַריין דערפאַר...

דאָקטאָר
פאַרדרייט

אייך דערצו אַרויסגעשטעלט ? אָדער פון זיך אַליין אויסן איר אַזאַ גרויסע
טובה צו טון ?

די אלמנה

די ליאַלקע איז גאָרנישט אַזוי פרום ווי זי מאַכט זיך..

דאָקטאָר

נאָך גאָר אַ קינד...

די אלמנה

ביי די מאַמען ; מיט אַ מאַן אין איין שטוב, — געגוג גרויס אָנגעוואַקסן
ביי איר די דאַרע פיס..

דאָקטאָר

ס׳לאָזט זיך מיר נישט צוגלייבן.

די אלמנה

זי וועט קומען... איר האָבן אין די הענט.. און שוין זען...

דאָקטאָר

כ׳וויל מיר דאָס באַלד אין די געדאַנקען נישט אַריינגעמען...

ד י א ל מ נ ה

איך זאָל זיין אויף אייער אָרט, כע-כע...

ד אָ ק ט אָ ר

יעדע פרוי האָט שטענדיק אַ טענה צו איר מאַן ; און ווען זי זאָל זיין אין זיין הויט, נאָך ערגער געווען פאַר אים...

ד י א ל מ נ ה

ווייל, זיי קאָנען זיך נישט העלפן, און מוזן זיין צוריקגעהאַלטן, געצווימט ; און אַ סך מענער זענען עס, – ווען אַפילו זיי מוזן עס נישט זיין.

ד אָ ק ט אָ ר

בין איך אַזוינער ?

ד י א ל מ נ ה

ביי איר, געוויס.

דאָקטאָר

איבערגעקערט

זי האַלט שוין ביי מיר שמאָל !

ד י א ל מ נ ה

האַלזט אים אַרום

איר וויסן אַ מאָס צו נעמען ?

ד אָ ק ט אָ ר

זי וועט קומען... זיין אין מיינע הענט... און, ווי זאָגט איר ?... באַשטימט אויף איר האָבן אַן אויג... טעלעפאָן קלינגט אוודאי, דער קליניק אָפּ.

ד י א ל מ נ ה

נאָכגיכער ר'וועט זיך ביי איר אָפּנעמען, וואָס ר'האָט ביי מיר נישט געהאַט, – גיכער אים אָנקריגן...

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אקט

ניש̣ט לאַנג דערנאָך
אין דעם זעלביקן קאַבינעט.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

שטייט.

ד אָ ק ט אָ ר

רעדט אין דער צווייטער שטוב אויפן טעלעפאָן

אַזאַ קאַץ איז דאָס ? אויף וועלכן בוידעם האָט זי זיך געכאַפּט ?... אַ-האַ! היינט ביינאַכט ?... ס'וואַרט אויף מיר אַ טויטער אין קליניק ... ס'מיידל איז אוודאי חשובער, נאָר מען קומט אים מאָרגן אָפּנעמען... און מ'טאָר נישט אַרויסגעבן גאַנץ, אומצעשניטן... קומט אריין.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אזוי שטייענדיק

די אלמנה וואַרט אין דרינען.

ד אָ ק ט אָ ר

נישט, ס' מ יי ד ל ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ס'זאָל זיין ס'מיידל, — נישט אַריינגעקומען זאָגן : די אלמנה !..

ד אָ ק ט אָ ר

קוקט אויפן זייגער

ס'וואָלט מיך נישט געאַרט, ווען יענע זאָל נישט ברויכן באַלד קומען ; הידער איר אויפן קאָפּ אַרויף ?...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

זאָל איך איר הייסן אַריינגיין ?

ד אָ ק ט אָ ר

דאָס בלאָנדע מיידל האָט זיך דאָ גאָרנישט געוויזן פאַר די גאַנצע וואָך, וואָס כ'בין נישט דאָ געווען ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

האָט זי זיך נישט געוויזן ?

ד אָ ק ט אָ ר

און נאָכגעפרעגט אויף די אלמנה, — ווען זי קומט ? גייט אַוועק ? און ווי לאַנג זי פאַרברענגט דאָ ?... אַ פּאָר מינוט, צי עטלעכע שעה ?...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

האָט זי זיך נישט געפּרעגט ?

ד אָ ק ט אָ ר

און דו האָסט געזאָגט : ווי ס'איז ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

איר האָט מיר דען געזאָגט : כ'זאָל זאָגן אַנדערש ווי ס'איז ?

ד אָ ק ט אָ ר

פאַרדראָסיק

מ'ברויך דיר פריער יעדע זאַך גוט צעקייען, און אַריינלייגן אין מויל...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

כ'האָב אפשר נישט גוט געטון, אָבער קיין שום דינסטמיידל וואָלט נישט בעסער געוואוסט צו טון...

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס ווייסטו דען יאָ צו טון, ביי מיר ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

נישט עפּעס אַנדערש, וואָס יעדעס מיידל ביי אַן אַנדערן דאָקטאָר...

ד אָ ק ט אָ ר

דו ווייסט, וואָס ביי אַן אַנדערן דאָקטאָר טוט זי ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

עפּעס אַנדערש ווי ביי אייך ?

ד אָ ק ט אָ ר

ווי פריער

דו ווייסט ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אויב נישט ביי אַ יונגן דאָקטאָר ?

ד אָ ק ט אָ ר

אַ־האַ ! אַ דינסטמיידל ביי אַ יונגן דאָקטאָר, ברויך נישט בלויז וויסן אָפּצוזענטפערן אויפן טעלעפאָן, און אָפּצושטויבן די בענקלעך...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אויף איקס־מיקס, זיך צו שטעלן און מעקן, — אַז אַ דינסטמיידל טויג זיך נישט מיט אַלעם אויס. קאָן מע צו איר גאָרנישט האָבן... דאָס איז שוין געווענדט אָן איר גוטן ווילן...

ד אָ ק ט אָ ר

קום נאָר אַהער, מיידל. גיט איר אַ נעם אויף די שויס ווי אַלט ביסטו ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

זיבעצן.

ד אָ ק ט אָ ר

מיט אַ פּעטשל

אַ דינסטמיידל אין די יאָרן, האָט שוין געמעגט מער וויסן...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

מיינע חתנים זענען נישט קיין דאָקטוירים.

ד אָ ק ט אָ ר

האַלט איר אַרומגענומען

און ביי אַ דאָקטאָר וואָלסטו מער געוואָרן אויפגעקלערט ?...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אַז ער זאָל זיך איינליבן אין מיר ?

ד אָ ק ט אָ ר

ווייז אַהער ס׳פּיסקל.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ווערנדיק פון אים געקושט

ב׳שפּיר שוין ווי כ׳קריג אין מיר אַריין מער לעבן, — שכל, מיין איך...

ד אָ ק ט אָ ר

שכל איז לעבן, אַלצאיינס. .

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ארומגעגומען

כ׳וואָלט דערפאַר אַלץ אַוועקגעגעבן...

ד אָ ק ט אָ ר

און וויסן: ווי אומצוגיין מיט די מיידלעך, אַז זיי וועלן קומען?...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

כ׳בין זיכער: אַז וואָס מער דער דאָקטאָר וועט זיך אין מיר איינליבן, — אַלץ מער וועל איך וויסן...

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

זיי שטענדיק צו זאָגן: אַז איר זענט נישטאָ...

ד אָ ק ט אָ ר

אַזוי גאָר?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

וואָס ווייניקער כ׳וועל זיי צולאָזן, אַלץ מער האָבן פאַר זיך...

ד אָ ק ט אָ ר

און דאָס, ביי איין קוש? וואָס וועט נאָך זיין ביי מער?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

זיי דערנאָך אינגאַנצן אויף די אויגן נישט לאָזן; מיט שטעקענעס פון די טיר אָפטרייבן...

ד י א ל מ נ ה

אין טיר, פלוצלינג

נישטאָ עפעס רעכטס, איז ס׳דינסטמיידל אויך אַ קרן.

ד י נ ס ט מ ײ ד ל

טרעט אָפּ

און נישט בלויז די צײַן זיך מיט איר אויסצושטעכן...

ד י א ל מ נ ה

מ'לאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן... ס'זאָל זײַן אַ קראַנקער, — אים פריער גע-
קענט די נשמה 'אויסגיין...

ד אָ ק ט אָ ר

אָנגעצ יגן

געבריוכט זײַן צוריקגעהאַלטן, און נישט אַרײַנגיין אַזוי ברייט, — נאָך
געקאָנט אָנטרעפן אויף אַ קראַנקן מיט די גאָלע פיס...

ד י א ל מ נ ה

בייזערט איר זיך צוליב דעם, וואָס ס'האָט געקאָנט טרעפן, אָדער צוליב
דעם, וואָס ס'האָט געטראָפן...

ד אָ ק ט אָ ר

צוליב אַלעמאָל, מיט שפּיץ.

ד י א ל מ נ ה

טאָקע נאָך אַמאָל זיך גוט איבערלייגן, אַז כ'וועל וועלן אַרײַנגיין, —
כ'זאָל אײַך קיין עוולה נישט טון..

ד אָ ק ט אָ ר

זעצט זיך צו, אַ ברוגזער.

ד י א ל מ נ ה

ס'איז נאָך נישט געווען דאָס מאָל, וואָס איך זאָל אַרײַנקומען, — איר זאָלט
נישט אַרויספאַלן אַ טויטער...

ד אָ ק ט אָ ר

ווײַל איר טרעפט אַרײַן אַלעמאָל דערנאָך...

ד י א ל מ נ ה

אַ ביטער מזל האָב איך דאָס צו אײַך...

ד אָ ק ט אָ ר

הייבט אויף ב׳קאָפּ

וואָס זענט איר שטיין געבליבן ביי די טיר, און מאַכט נישט קיין טריט ווייטער אין שטוב אַריין?

ד י א ל מ נ ה

אַזוי צעטראָגן, אַז איר זעט נישט: ווי כ׳האַלט דעם מאַנטל פון עטלעכע סעקונדן אין האַנט, — ס׳האָט זעלטן מיט אייך געקאָנט טרעפן...

ד אָ ק ט אָ ר

נעמענדיק איר מאַנטל, גיט איר אַ לייכטן קלאַפּ איבערן אָרעם

ביטער ווי כריין, און...

ד י א ל מ נ ה

לעבעדיקער

מ׳קאָן זיך אָן אים נישט באַגיין...

ד אָ ק ט אָ ר

פאַראַן ביטערע חברה, אָן וועלכע מ׳קאָן גיכער נישט אויסקומען ווי אָן די פאַרזיסטע מיידלעך...

ד י א ל מ נ ה

גיט אים אַ יאָג

אַבי כ׳האָב געמיינט: דו האָסט דיך שוין אָפּגעקאָכט...

ד אָ ק ט אָ ר

אַמאָל בענקט זיך נאָך יענע זיסקייט אויך...

ד י א ל מ נ ה

אָבער אַ ביטער גלאָז ביר איז אַלעמאָל קרעפטיקער...

ד אָ ק ט אָ ר

נישט גוט אַזאַ פרוי, מ׳זאָל כסדר שטיין איבער איר: „פאַרוואָס גייסטו נישט? און וואָס שטייסטו? און ריר דיך שוין!" מ׳ברויך אַמאָל אַרונטערפאַלן, — זי זאָל זיין פון אויבן, אויפן פערד: „איי, כ׳קום שוין צו דיר אַריין! נישט לאַנג געדויערן! איין מינוט!" און בטל ווערן ביי איר...

די אלמנה

אויב אזוי, גיב די באַק... לייג צו די ליפּן .. הויך... ס'זאָל אָפּקלינגען... כע-כע-כע... כ'האָב פיינט צערטלעכקייטן... גראַבלען זיך... קוועטשן... אין אונטער אַ ביימל. . ס'אי גוט פאַר די יונגע ציגן... איך, כ'האָב ליב אַ גרונט... אין אַ זיכערע שטוב... אויף אַ ווייכן שטול... די אויגן זאָלן אפילו נישט זיין דערביי .. בלויז ס'האַרץ .. און ס'זאָל אָפּנעמען ביי די זיבעטע ריפּ... מאַכט אויגנבליקלעך פינסטער.

דאָקטאָר

מיט איר ארומנעמענדיק

ס'אי גוט אין דער פינסטער...

עס קלינגט.

די אלמנה

אוודאי דער קליניק, צו אַלדי גוטע יאָר, זיך דאָ האָבן אָריינגעלייגט, און קאַליע געמאַכט. ליכטיק.

דאָקטאָר

צעררודערט

נישט מער קיין מזוזן מיט מיר ; מיט מזל פונם אַרויס.

די אלמנה

אַ לעבעדיקער ? אַ טייערע זאַך, כ'לעבן ! נישט קאָנען מער אַרויפלייגן אויף אים : „דער קליניק רואינירט מיך ! שטעקט מיר ווי אַ ביין אין האַלז !“. אַזוי איז דאָך דער קליניק אַלעמאָל געווען ס'כפרה-הינדל...

דאָקטאָר

צעררודערט

ווער האָט עס געקלונגען אַריינקומען ?

די אלמנה

אַ דאגה ! אַז מ'קומט איך נישט פאַרדרייען אַ קאָפּ, – גייט בעסער נישט קוקן.

דאָקטאָר

פּיליכט, אַ קראַנקער ?

די אלמנה

אונטערוואַרטן אַ ביסל; די וועלט גייט נישט אונטער.

דאָקטאָר

די וועלט ברויך פריער אונטערגיין? ס'אי מיר נישט אַזוי דער קראַנ-קער, — מ'ברויך דאָך זיך אַליין אויך אין זינען האָבן...

די אלמנה

אַ דאָקטאָר האָט אַלעמאָל מער זיך אין זינען ווי דעם קראַנקן...

דאָקטאָר

צומרזאיק

הום... ס'דינסטמיידל קומט אַפילו נישט אַריין, זאָגן.

די אלמנה

ווי פריער

איר וועט ביי מיר מער קיין הונגער נישט שטאַרבן.. ס'אי גענוג געבליבן נאָך מיין מאַנס טויט, — איר זאָלט דאָס קאָנען אויפהאַלטן..

דאָקטאָר

אויף וואָס איז ער קראַנק געווען, אייער מאַן?

די אלמנה

וואָס מאָלט אייך עפעס פלוצלינג איין צו פרעגן? אויף וואָס ר'האָט נישט געזאָלט קראַנק זיין, אלצאיינס: שיפן אויפן קאָפּ, פרישטשיקלעך אויף די נאָז, — האָט ער אַלץ נישט געקאָנט מער אַרויס, און בלייבן לעבן...

דאָקטאָר

פאַרוואָס אַזוי?

די אלמנה

ווייל ער האָט זיך מסתמא, אָנגעגעבן צו אַזאַ דאָקטאָר ווי איר...

דאָס גלעקל קלינגט.

דאָקטאָר

כ'מוז גיין אַ קוק טון...

די אלמנה

ס'אי דען נישטאָ ווער ס'זאָל אויפמאַכן די טיר, איִנעווייניק? ס'דינסט־מיידל, נאָך דער מעשה, — זיך געזאָלט אָפּטראָגן?...

דאָקטאָר

צוויי קראַנקע שוין פאַראַן.

די אלמנה

וואָס מער איז בעסער; מיר נישט פאַלן אַזוי פיל צו לאַסט...

טעלעפאָן קלינגט.

דאָקטאָר

מ'רופט איבן טעלעפאָן... מ'קומט פּריוואַט...

די אלמנה

און דאָס אַלץ, קראַנקע?

דאָקטאָר

נאָר ווי, געזונטע?... רייסט זיך צו גיין און כ'בין אַ געבונדענער...

די אלמנה

די קראַנקע וואָס קומען צו אייך, וועלן זיך נאָך פאַר איין קליינע ווײַלע קענען באַגיין אָן אייך...

דאָקטאָר

וואָרן, ס'אי נאָר פאַר איין קליינע ווײַלע?

די אלמנה

זיי זאָלן נישט אַרײַנפאַלן אין מיטן, — קיין איין ווײַלע אויך נישט געדויערט...

דאָקטאָר

אַז איר קלויבט זיך גראָד אויס אויף אַזאַ צייט, ווען ס'קומען נאָך...

די אלמנה

ס'אי דען דאָ אַזאַ צייט, ווען זיי קומען נישט?

דאָקטאָר

געברויכט זען: מ׳זאָל דעם טאָג פאַרגרעסערן מיט נאָך אַ פּאָר שעה, — כ׳זאָל קאָנען אויסקומען...

די אלמנה

זאָלן זיי צאַפּלען, ווי איך האָב מיך דאָס פריערדיקע מאָל געצאַפּלט, — ווען יענע איז געווען, און אייך צוגעהאַלטן...

דאָקטאָר

ווילט איר אַ צווייטע מיט דעם אייגענעם אָפּטון?

די אלמנה

און, פאַרוואָס נישט?

ערשטער אַסיסטענט

קומט אַריין

ס׳וואַרט אינעווייניק אַ קראַנקע.

די אלמנה

אַ בלאָנדע.

ערשטער אַסיסטענט

ס׳זעט אַזוי אויס.

די אלמנה

כאַ-כאַ-כאַ... נישט געוואונט: צוליב וואָס ער רייסט זיך אינעווייניק אַריין?...

ערשטער אַסיסטענט

זאָל איך איר פּיליכט אויפנעמען?

די אלמנה

איך קיינער נישט אַזוי גוט העלפן, ווי דער דאָקטאָר.

דאָקטאָר

לאָזט איר נישט...

די אלמנה

בין איך פריער געקומען, און וויל פריער געהאָלפן ווערן דורך אייך; ס'אי מיין פאָרצוג...

דאָקטאָר

נישט איינמאָל שוין געהאָלפן געוואָרן דורך מיר; דאָס מאָל, איר פילט נישט ווי מ'ברויך, — זיך אפשר וועלן אָפּגעבן צו מיין אַסיסטענט, ער זאָל אייך באַהאַנדלען?...

די אלמנה

איר האָט שוין מיט מזל, אַן אַסיסטענט?

דאָקטאָר

אַז, כ'בין אַזוי פאַרוואָרפן מיט אַרבעט...

די אלמנה

אין זיך געמוזט צונעמען אַן אַרויסהעלפער?

דאָקטאָר

נישט קיין שלעכטער דאָקטאָר.

די אלמנה

כאָטש געראָטן אין אייך?

דאָקטאָר

אַזוי ווי ער ווייזט זיך, — מיך נאָך איבערשטייגן...

די אלמנה

וועלן דאָך אייך די קראַנקע דאָ באַלאַגערן...

דאָקטאָר

וועל איך זיך מוזן זען צו פאַרשאַפן נאָך אַן אַסיסטענט...

די אלמנה

און דאָס גאָר גרויס אַרויפאַרבעטן, כע-כע-כע... איר זאָלט נאָר נישט זען ברעכן נ'קאָפּ ביי זיי...

ד אָ ק ט אָ ר

כ׳דערליייג עפּעס אַ סך צו אייך ?...

ד י א ל מ נ ה

און איך וועל דאָס אַלץ אַזוי ברויכן אויסצוהאַלטן ?... אַזוי פיל אַסיס-טענטס, ווי איר קלויבט זיך אָנצושטעלן ?

ד אָ ק ט אָ ר

זען : איר זאָלט נישט זיין אַליין ; האָבן נאָך שותּפים צו זיך, — צוועלפע, און עלעבע קראַנקע...

ד י א ל מ נ ה

נישט יעדע איינע, וואָס דער מאַן וועט איר האָבן איבערגעלאָזן אַזאַ פאַרמעגן, — וועט באַלד ביי זיך קאָנען פועלן צו ווערן אַן אלמנה... און אייך וועלן אונטערשטופּן... יונגע חברה איז געוואוינט צו נעמען... און נישט צו געבן...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אין טיר

דאָס מיידל !

ד אָ ק ט אָ ר

ענדלעך.

ד י א ל מ נ ה

קען נישט איינרוען, אַ ?... ס׳ברית איר...

ד אָ ק ט אָ ר

כ׳וועל אייך איבערגעבן צום אַסיסטענט, און זיך אויכעט נישט זאָפּנאַרן ביי אים ; אַ גוטער דאָקטאָר, ווי כ׳האָב אייך געזאָגט ; און זיך אָרנטלעך באַגיין מיט אייך...

ד י א ל מ נ ה

קען זיך אויף אַ קרענק ?

ד אָ ק ט אָ ר

נישט צוטרעפן גאַנצע הונדערט פּראָצענט, בין איך דאָך אַלע מאָל זאָ...

א ל מ נ ה

כ'ווייס? וואָס כ'קאָן דאָ דערלייגן צו אים?...

ד אָ ק ט אָ ר

צו אים

זיך דאָ אָפּגעבן מיט דער פרוי; זייער אַ קראַנקע. אָפּ צין די אַנדערע שטוב.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

נעמט איר פולס

לאַנג, ווי איר גיט זיך אָפּ צום דאָקטאָר?

ד י א ל מ נ ה

זינט נאָך מיין מאַנס טויט.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

איז די קראַנקהייט צו אייך געקומען, נאָכדעם ווי אייער מאַן איז אייך געשטאָרבן?

ד י א ל מ נ ה

פריער נאָך; נאָר אַז ער האָט געלעבט, — האָב איך זיך נישט אַזוי שטאַרק געבייטיקט אינם דאָקטאָר; אָבער, געברויכט האָב איך אים...

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אויף וואָס באַקלאָגט איר זיך?

ד י א ל מ נ ה

ס'לויפט אין מיר אַרום אַ ווייטיק.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

נישט מעגלעך אים אַרויסצוטרייבן פון אייך

ד י א ל מ נ ה

קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מ'ט אים, דער דאָקטאָר; יאָגט זיך שוין מיטן אַרום זינט יאָרן, און אים נאָך אַלץ נישט אַרויסגעיאָגט; אַזוי גיך ווי ער טרייבט אים אַרויס פון איין אָרט, אַנטלויפט ער אויף אַ צווייט אָרט, און ער איז אַלץ דאָ אין מיר...

ערשטער אַסיסטענט

ווי לאַנג האָט איר שוין אַזוי?

די אלמנה

זינט מיין מיידלשאַפט.

ערשטער אַסיסטענט

עפּעס געזוכט פאַר אייך פריער נאָך צו טון?

די אלמנה

אַז כ׳פלעג אין יענע יאָרן גיין מיט די מאַמע צום דאָקטאָר, — האָט מע פאַר מיר גאָרנישט געוואָלט זאָגן; דער דאָקטאָר האָט אַלעמאָל דעריבער נאָר גערעדט מיט דער מאַמען; און אַז כ׳האָב איר איבערגעפרעגט, פלעגט זי נאָר זאָגן: דו וועסט חתונה האָבן, — וועט עס דיר אַוועקגיין, און געזוכט מיט מיר אַ שדוך צו טון...

ערשטער אַסיסטענט

און אַז איר האָט חתונה געהאַט?

די אלמנה

זענען מיר טאַקע די ווייטאָקן אַוועקגעגאַנגען, אָבער נישט אינגאַנצן; האָב איך געמיינט: אַז ס׳מוז זיין דערפאַר, ווייל ער איז אפשר צו שוואַך זיי צו פאַרטרייבן, מיין מאַן; און זיך אָפּגעגעבן צום דאָקטאָר...

ערשטער אַסיסטענט

יאָ...

די אלמנה

דער דאָקטאָר, כ׳קאָן מיך נישט באַקלאָגן אויף אים, — ער האָט געטון אַלעס מעגלעכע וואָס ער האָט געקאָנט טון, און כ׳האָב געפילט בעסער; אָבער זינט אַ יאָר, ווי ער איז מיר אָפּגעשטאָרבן, — פיל איך ווידער נישט גוט.

ערשטער אַסיסטענט

אונטער די באַהאַנדלונג פונם דאָקטאָר?

די אלמנה

ס׳ווענדט זיך: ווי אָפט כ׳קום צו אים.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

כ'וואָלט אייך וועלן זען.

ד י א ל מ נ ה

אַז אַ דאָקטאָר וויל זען. אָפּ מיט אים וואָס איז זיך דאָ צו שעמען?... פון די אַנדערע שטוב ווי זאָל איך מיך אויסטון, ביז אין די העלפט? מיט אַלעם?... שטיל.

ד אָ ק ט אָ ר

קומט אריין מיטן מיידל

וואו ביסטו ערגעץ געווען איבער די גרויסע פרעסט? איינגעפרוירן געוואָרן?

ס ' מ יי ד ל

איינגעפרוירן זענט איר; איך בין נאָך אַלץ געבל בן אַזוי אייגן, וואַרים..

ד אָ ק ט אָ ר

מער ווי אַ וואָך זיך נישט געוויזן פאַר מיר... ערשט געברויכט רופן... אוודאי דערפאַר, ווייל דו האָסט דיך צונויפגעטראָפן מיט דער אלמנה, און פון איר קיין נחת נישט געהאַט...

ס ' מ יי ד ל

כ'האָב, דורך דער גאַנצער וואָך, נישט פאַרפעלט קיין איין טאָג דאָ צו זיין; אָבער יעדעס מאָל וואָס כ'האָב אָנגעקלונגען, אָדער צוגעקומען, — האָט פאַר מיר אַלץ דאָס דינסטמיידל געהאַט איין און דעם זעלביקן ענטפער: נישטאָ אין דער היים...

ד אָ ק ט אָ ר

דאָס דינסטמיידל, גאָר?

ס ' מ יי ד ל

און ביז כ'האָב אייך נישט געהערט רעדן אויפן טעלעפאָן מיט מיר, — שוין געהאַט איבערגעקלערט: אַז איר הייסט איר אַזוי זאָגן, ווייל איר ווילט מיך געוויס נישט זען...

ד אָ ק ט אָ ר

רופט אַריין דאָס דינסטמיידל

איך האָב דיך געהייסן זאָגן: כ׳בין נישטאָ אין דער היים?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אריינגעקומען

קיינמאָל נישט.

ד אָ ק ט אָ ר

ווי פּאַסטו דאָס אויס צו זאָגן פון זיך אַליין?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ווען איך האָב עס געזאָגט, איז דער דאָקטאָר ווירקלעך אין דער היים נישט געווען...

ס ׳ מ יי ד ל

ס׳אי נישט מעגלעך.

ד אָ ק ט אָ ר

ווען זענט איר דאָ אַלע געווען?

ס ׳ מ יי ד ל

ווען בין איך דאָ אַלץ נישט געווען? באַלד אויף צומאָרגנס, — גלייך, אין דער פרי, אַז ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

איז דער דאָקטאָר נאָך נישט געהאַט אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל.

ס ׳ מ יי ד ל

איבערמאָרגן: שוין שפּעטער אַ ביסל, אַרום צען אַ זייגער.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

איז דער דאָקטאָר נאָר וואָס געהאַט אַוועק אין שפּיטאָל.

ס ׳ מ יי ד ל

איבערמאָרגן: נאָך אַ ביסל שפּעטער, אַרום צוועלף בייטאָג.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

איז דער דאָקטאָר נאָר וואָס געהאַט אַראָפּ. עסן, מיטאָג.

ס ׳ מ יי ד ל

איבערמאָרגן : שוין מיט אַ גאַנצע שעה שפּעטער, — אַרום איינס אַ זייגער.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

איז נאָך דער דאָקטאָר נישט געהאַט צוריקגעקומען פון מיטאָג.

ס ׳ מ יי ד ל

וואָס איז געווען איבערמאָרגן, אַרום דרייע ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

געהאַט אַוועקגעפאָרן צו אַ קראַנקן...

ס ׳ מ יי ד ל

און איבערמאָרגן אַרום פירע ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען פון קראַנקן.

ס ׳ מ יי ד ל

און איבערמאָרגן, אַרום פינף אַ זייגער ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

איז דער דאָקטאָר געהאַט אַוועק עסן אָוונט-ברויט.

ס ׳ מ יי ד ל

און איבערמאָרגן, אַרום זעקס אַ זייגער ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

איז נאָך דער דאָקטאָר נישט געהאַט צוריקגעקומען פון אָוונט-ברויט.

ס ׳ מ יי ד ל

און נעכטן : אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג, נישט אויפגעהערט גיין אַריין און אַרויס, מיך אָפּגעריסן פון דער היים, נישט געקאָנט אין ערגעץ קיין אָרט געפינען... און, אַלץ געוואָלט טרעפן דערנעבן ?... כסדר : נישטאָ .. נישטאָ... און נישטאָ...

ד אָ ק ט אָ ר

נעכטן האָב איך נישט אַרויסגעשמעקט אויף קיין איין מינוט פאַר די טיר, און אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין הויז...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

האָב איך דעם טאָג געוואָלט האָבן פאַר מיר, — אַז דער דאָקטאָר איז באַכאַנאַנד געווען אַזוי פיל טעג פאַרנומען, קומט מיר עפּעס דערפאַר..., נאָ.

ד אָ ק ט אָ ר

צעלאַכט זיך

וואָס אַ דינסטמיידל קאָן איינפאַלן ?...

ס׳ מ יי ד ל

ברוגז

ער לאַכט, און מיך שטעכט.

ד אָ ק ט אָ ר

פאַרוואָס זאָל איך נישט לאַכן ? *נעמט זיך צו איר* אַז דאָס דינסטמיידל האָט געקאָנט האָבן פון דיר ס׳גענאַר...

ס׳ מ יי ד ל

איז זי נישט בלויז קיין דינסטמיידל ביי אייך...

ד אָ ק ט אָ ר

גיב מיר אַ קוש... אַ זיס קישעלע...

ס׳ מ יי ד ל

מיט די אלמנה כ׳האָב געהאַט צו טון, — איז זי כאָטש מיינס גלייכן ; אַ ביסל עלטער... אַ פּאָר יאָר מער... געהאַט אַ מאַן... אַ פאַרמעגן... אָבער, אַ דינסטמיידל ?...

ד אָ ק ט אָ ר

לייג צו די ליפּן, נו ?

ס׳ מ יי ד ל

שאַף איר אָפּ.

ד אָ ק ט אָ ר

אַז די אַלמנה האָט זיך געבייזערט, האָב איך געוואוסט: אַז זי קאָן קיינ־מאָל נישט גוט זיין; און אויף דיר, ווידער, ווייס איך: ביסט שטענדיק גוט, — און קאָנסט קיינמאָל נישט שלעכט זיין...

ס׳ מ יי ד ל

איינגעשפּעקשנט

שיק איר אַוועק!

ד אָ ק ט אָ ר

הערן, זי וועט זיך לאָזן?... מ׳בּרויך איר פריער פרעגן, אויב זי וועט וועלן גיין?...

ס׳ מ יי ד ל

אַזוי?... איז דאָך קיין חידוש נישט, אַז זי האָט זיך געקאָנט אויף אַזוי פיל צרויסשטעלן... מיך גאַנצע צען טעג נישט צולאָזן צו דיר...

ד אָ ק ט אָ ר

שטעל אויף די בעקלעך... זיי זענען בלייך היינט ביי דיר... ס׳נעזל, לענגער און שמעלער... די ליפּן עטוואָס העלער... ארומגענומען, זיך קושנדיק.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אין טיר

שטאַרק פאַרנומען?

ס׳ מ יי ד ל

אַז מ׳זעט, פרעגט מען נישט

ד אָ ק ט אָ ר

זיך עפּעס מיט מיר אַדורכצורעדן?

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

ווי געוויינטלעך.

ד אָ ק ט אָ ר

צום מיידל

קאָנסולטאַציע! פירט איר ארויס אויף אַ פּאָר מינוט, בלויז.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

קוים געקאָנט אַדורכקריכן ביי איר....

ד אָ ק ט אָ ר

פאַררייכערט

מיך האָט זי שוין באַלד פאַרמאַטערט; געבליבן אָן כוחות...

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

בלאָזט רויך

אַ שטיק דינאַמיט!

ד אָ ק ט אָ ר

דער אייגענער מאַן אירער נישט געקאָנט איבערהאַלטן; און אים דער־מיט דערהרגעט...

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

מיך צו דערהרגענען, וועט איר אַזוי גרינג נישט אָנקומען...

ד אָ ק ט אָ ר

גיט אייך נאָר איבער צו איר...

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

כ'בין ביי פרויען, וואָס האָבן פיל מער געפלאַקערט, — נישט אַרויס אָפּגעברענט...

ד אָ ק ט אָ ר

כ'ווייס נישט, וויפיל וואָלט איר האָט אין זיך...

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אוודאי, אַריבער די טויזנט.

ד י א ל מ נ ה

מאַכט אויף די טיר, האַלב אויסגעטון

לאָזט מיך שטיין אין מיטן, און מאַכט זיך אַרויס, — דאָס קאָן נאָר אַ דאָקטאָר...

ד אָ ק ט אָ ר

פאַרנייגט זיך זייער העפלעך

קאָנסולטאַציע!

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

באַשטימען די דיאַגנאָז פון דער קראַנקהייט.

ד י א ל מ נ ה

זעט מיך כאָטש לאַנג נישט אויפצוהאַלטן. פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

ד אָ ק ט אָ ר

ס׳קומט שווער אָן צו פועלן ביי זיך?

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

כ׳קלער איר צופיל איבער.

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס איז איר דאָ איבערצוקלערן?

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

נאָך גאָר אַ יונגע... בלוט מיט פייער אויסגעמישט אינאיינעם, און וואָס רייסט אַלץ אינאיינעם אויף...

ס ׳ מ יי ד ל

מאַכט אויעק די טיר

מיך צען טעג נישט צוגעלאָזט, דאָס דינסטמיידל, און ער באַרעכנט מיך נישט...

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

פאַרנייגט זיך זייער העפלעך

קאָנסולטאַציע!

ד אָ ק ט אָ ר

איבער זייער אַ שווער קראַנקן...

ס ׳ מ יי ד ל

וואָס מ׳ברויך אַלץ ביי אַ דאָקטאָר אויסצושטיין... פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אויף וואָס איז זי קראַנק ?

ד אָ ק ט אָ ר

אויף דעם זעלביקן, נאָר נישט מיט אַזאַ הויכע טעמפּעראַטור.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אַזוי יונג נאָך...

ד אָ ק ט אָ ר

ווי וועלכע ס׳באַפאַלט: אין די יינגערע יאָרן, אויף די עלטערע...

ד י א ל מ נ ה

מאַכט ווידער אַוועק די טיר

איז דאָס שיין אַזוי פון אַ דאָקטאָר ?

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

ב׳גיי שוין זיין מיט אייך. אָפּ צו איר.

ס ׳ מ יי ד ל

מאַכט אויף די טיר

כ׳שעם מיך גלאַט פאַר די פיר ווענט.

ד אָ ק ט אָ ר

באַלד נישט האָבן מיט גאָר צו שעמען. אָפּ מיט איר.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

קומט אַריין, נעמט זיך טון

אַ שטוב רויך, ווי אין אַ שענק.
כ׳בין מיר אַ מיידל.
אַ דינסט אין אַ קורץ קליידל,
און מוז קוקן,
און דרוקן,
און שווייגן.

די באַרשט און דער פלעדערוויש,
האָט אַ הוש פאַר יעדן קוש, —
נאָר איך מוז קוקן,
און דריקן,
און שווייגן

קוקט זיך איין אין שליסל־לאָך פון א טיר און גיט אַ זעץ אַוועק די באַרשט אין דרערד מ׳ברויך זיין שטאַרק ווי אייזן, מ׳זאָל דאָס קאָנען איבערהאַלטן... קוקט דורכן שליסל־לאָך פון די אַנדערע טיר ס׳איז זיך נאָר ס׳לעבן צו נעמען... נעמט האַקן, בראָק, וואַרפן, אַלץ וואָס ס׳קומט איר אונטער די האַנט.

ד אָ ק ט אָ ר
אין טיר

וואָס איז דיר ווידער צוגעקומען?

ד י נ ס ט מ ײ ד ל
צעטומלט

כ׳ווייס?... מיר אַלץ גענומען פאַלן פון די הענט...

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

שוין דאָ אַ דריטע, וואָס האָט גענומען קריכן אויף די גלייכע ווענט?

ד אָ ק ט אָ ר

ס׳קומט אויף איר אָן אַ מינוט, אַזוינע; ס׳באַפאַלט איר; קריגט אַן אַטאַק... גיט איר נאָדל, דאָקטאָר!

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

מיטביידע אויף אַמאָל זיך אָפּגעבן?

ד אָ ק ט אָ ר

באַדיר אַ פיל; שלינג איר אַרונטער מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער.

ד י נ ס ט מ ײ ד ל

פון אַ פיל וועל איך שוין געהאָלפן ווערן?

ד אָ ק ט אָ ר

נאַ, דיר אויך שפּעטער געבן אַ נאָדל... זיך נאָר מיט זיי אָפּקומען...

די נסטמיידל

אַ נאָדל און, פּילן; דאָס אַלץ וואָס ער האָט פֿאַר מיר, דער דאָקטאָר. אָפּ.

דאָקטאָר

וואָס איינע, איז זי ערגער פֿאַר די אַנדערע. אָפּ צום מיידל.

די אלמנה

קומט צוריק

נו, עפּעס דערגאַנגען ביי מיר?

ערשטער אַסיסטענט

ס'האָט צו טון מיטן בלוט; שאַרף בלוט, הייס בלוט, געדיכט בלוט, שיטער בלוט... ס'אַ זעלכעס, וואָס פֿאַלט אַרונטער אונטער די קאַטעגאָריע פֿון בלוט-קראַנקהייטן...

די אלמנה

איך ווייס גוט, וואָס מיר פֿעלט.

ערשטער אַסיסטענט

דאָס בעסטע וואָס מיר קאָנען טון פֿאַר אַזעלכע קראַנקע, — מיר הייסן זיי אַרויספאָרן אין אַ קאַלט אָרט, זיך אָפּקילן.

די אלמנה

ביי וועמען ס'אי פֿאַרדרייט, איז ביי זיי פֿאַרקערט; און איך נעם גאָר צו אַ שטיק געזונט, אַז כ'קיל מיך אָפּ אין אַ וואַרים אָרט...

ערשטער אַסיסטענט

איר קאָנט יעדן אָוונט, איידער איר גייט אין בעט אַריין, — נעמען אַ קאַלטן שפּריץ...

די אלמנה

מיט וואָס?

ערשטער אַסיסטענט

ריינע וואַסער; אָן שום צומיש; און וואָס קעלטער איר קאָנט פֿאַרנעמען, — מער געזונטער פֿאַר אייך... ס'זאָל שניידן ס'לייב...

די אלמנה

העלפֿן ווי אַ טויטן ביינקעס.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

דאַן ווידער שלאָפֿן אָן וואַרימע אונטערוועש.

ד י א ל מ נ ה

כ׳שלאָף גאָר אינגאַנצן אָן וועש.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

נישט ליגן וואַרים איינגעדעקט; איין קליין קישעלע, צום העכסטנס, אונטערן קאָפּ; אינגאַנצן אָן אַ קישן, איר זאָלט קאָנען אויספֿירן...

ד י א ל מ נ ה

אַ קראַנקן, ווי מ׳זאָל אים נישט לייגן, — אַלץ זיין אויף די זעלביקע צרות.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אויסמיידן צו ליגן גלייך, מיטן פּנים אַרויף.

ד י א ל מ נ ה

ס׳קומען בייזע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין?

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

געוויינטלעך, איז פֿאַר יעדן מענטש געזונטער צו ליגן אויף אַ זייט.

ד י א ל מ נ ה

אפשר נישט אין דער לענג פֿון בעט, נאָר אין דער ברייט?

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אין דאַן, האַלטן ברייט אויפֿגעמאַכט ס׳פֿענסטער.

ד י א ל מ נ ה

ביי מיר אין שלאָפֿצימער, איז גאָר אינגאַנצן קיין פֿענסטער נישטאָ...

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

ווי קאָן מע דאָס שלאָפֿן אין אַ צימער, וואו ס׳אי קיין פֿענסטער נישטאָ?

ד י א ל מ נ ה

און אַז ס׳אי נאָך עפּעס, וואָס ס׳איז וויכטיקער פֿאַרן פֿענסטער, — איך שלאָפֿצימער נישטאָ?

ערשטער אַסיסטענט

איר מוזט זיך אויך זען אָפּצוהאַלטן פון טרינקען.

די אלמנה

אַפילו נישט קיין אונגאַרישן ווײַן?

ערשטער אַסיסטענט

שאַרפע געטראַנקען זענען פאַר יעדן איינעם, סם; נישט נאָך, ווען ס׳בלוט איז בײַ וועמען קאַליע...

די אלמנה

מיט אַלעם זיך אָפּגעוויינען, ווייס איך נישט צי כ׳וועל קאָנען; כ׳מוז פאַר יעדן עסן געבן אַ זופּ... איין זופּ כאָטש..

ערשטער אַסיסטענט

איר האָט אַ שלעכטן אַפּעטיט?... כ׳קאָן אייך געבן טאַבלעטס... נישט די וואָס אַלע גיבן, פון אַ טונקל-געלע פאַרב... איך האָב אַזעלכע פאַר אַפּעטיט, וואָס די מעדיצין אַליין ווייסט נאָך אַפילו נישט פון זיי... אייגן געמאַכטע... און זענען העל גרין... איין טאַבלעט איז גענוג, מ׳זאָל נאָך אים וועלן אויפעסן אַ גאַנצן אָקס...

די אלמנה

פאַרקויפט זיי צו די רעסטאָראַנען; פאַרשפּאָרן זיך אָפּצוגעבן מיט מעדיצין; זיי וועלן אייך רייך מאַכן...

ערשטער אַסיסטענט

זיי פאַרקויפן אַזעלכע שלעכטע שפּייזן, אַז זיי האָבן מורא, — מ׳זאָל זיך נישט קראַנק לייגן דערנאָך, מ׳וועט אַ סך ברויכן אויפצועסן; איבער-ריקנס, וועט עס זיי קיין טובה נישט טון; ווייל אַ מיטאָג, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, — וועט ער נאָך אַזאַ טאַבלעט, זיך גאָרנישט אָנזען; און יענער וועט מיינען, מ׳האָט אים אָפּגענאַרט, און גאָרנישט געגעבן...

די אלמנה

האלט זיך בײַ ס׳אויריקע

כ׳מוז, ווען ס׳קומט מיר אָן, — עפּעס אויסטרינקען, כ׳זאָל מיך פאַרמישן; נישט צערייסן פון הינטערן קאָפּ אַפיר דאָס קישן...

ערשטער אַסיסטענט

האַלט זיך צוריק

זײַ אײַך בעסער נישט געבן: ווי לאַנג איר עסט נאָך בכלל, זיך אָן זײַ בײַגײַן; אַ סך, ווײניק, דאָס איז נישט וויכטיק; צופֿיל עסן איז פֿאַר יעדן אײנעם, אומגעזונט; ס'אי נאָר געוועגדט, וואָס מ'עסט? פֿלײש גיט נישט די נײטיקע צאָל וויטאַמינען פֿאַרן קערפּער... מילך, — צו מילך קאָן מע אָבער קײן גרויסן מענטש נישט צורעדן...

די אלמנה

איבערהויפּט, אַ פֿרוי.

ערשטער אַסיסטענט

ס'אַ קינדערישע נאַרונג... ס'בעסטע איז גרינצײַג.

די אלמנה

אַלע האָבן זײ דעם זעלביקן פּזמון: גרינצײַג; דאַרויף ברויך מען לערנען אַזוי פֿיל יאָרן, — מ'זאָל וויסן די גרויסע תּורה?

ערשטער אַסיסטענט

יאָ, כ'ווײס נאָך נישט, ווי כ'האַלט מיט אײער מאָגן?

די אלמנה

בײַם מאָגן מײַנעם ברויכט איר גראָד נישט צו האַלטן.

ערשטער אַסיסטענט

האַלט זיך בײַ ס'זײַביקע

אַ סך גרינס... קרויט באַלאַנגט אָבער צו די שווערע אַרטילעריע פֿון גרינצײַג; עס מאַכט אָן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין בויך, און פֿאַרשאַפֿט גאַז; פֿאַר אַן אינטעליגענטן מענטש, איז דאָס זײער אומאָנגענעם; אוגערקעס איז נאָך שווערער; דער מאָגן פֿאַראַרבעט עס נישט גענוג גיך, און עס פּרעסט אונטערן האַרץ.. גוט איז סאַלאַטע, אַספּאַראַגן, צוויקעלעך, ריבעלעך... נאָך בעסער זענען יונגע רעטעכלעך, מערעלעך...

די אלמנה

וואָס איז דער מער מיט כרײַן? ס'אי דאָך אויך גרינצײַג! וואָס עפּעס דער גאַנצער צאָרן אויף אים אויסגעגאָסן געוואָרן?

ערשטער אַסיסטענט

כריין איז נישט קיין שפּייז פֿאַר זיך; עס העלפֿט נאָר ביים פֿלייש, מ׳זאָל עס גיכער קאָנען עסן...

די אלמנה

לאַכט אָפּ

אַז דער קאָפּ טוט וויי, הייסן זיי עסן רעטעכלעך; אַ זייט שטעכט, — מערעלעך!... קלוגע דאָקטוירים! וואָס האָבן נעגל און טשוועקעס צו טון מיט קדחת?...

ערשטער אַסיסטענט

נו, עפּעס אַנדערש האָט דאָך אָבער דערמיט נישט צו טון...

די אלמנה

איך וויים, וואָס ס׳האָט צו טון דערמיט; מיך פֿרעגט.

ערשטער אַסיסטענט

נו, דאָס האָט דאָך אָבער מיט די מעדיצין נישט צו טון; און קיין דאָקטאָר קאָן עס נישט פֿאַרשרייבן...

די אלמנה

גיט אים אַ כאַפּ אַרום

איין וויזיט, און נאָך אַ וויזיט, און דאָס וועט ביי מיר מער אויסמאַכן, ווי מ׳זאָל מיר פֿאַרשרייבן די בעסטע מעדיצינען...

ערשטער אַסיסטענט

אַז איר ווילט אייך אָפּגעבן אויף קוראַציע צום דאָקטאָר, מוזט איר זען אָפּטער צו אים צו קומען...

די אלמנה

דער דאָקטאָר קאָן אויך קומען צו מיר... באַשטיין: ס׳זאָל מיך קאָסטן עפּעס טייערער... נעמט אַוועקגיין.

ערשטער אַסיסטענט

רופֿט איר צוריק

פֿאַרגעסן פֿרעגן: פֿון וואָס אייער מאַן איז אייך געשטאָרבן?...

ד י א ל מ נ ה

קיין שום דאָקטאָר אים נישט געקאָנט צוטרעפן, די קרענק.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

נישט, פון אַ שטאַרקן פאַרלוסט פון די כוחות?

ד י א ל מ נ ה

כ׳ווייס: ווי די דאָקטוירים רופן עס אָן? האָבן אים כסדר געהייסן געבן צו שטאַרקן, אָבער ס׳האָט קנאַפּ געהאָלפן; און ער איז מיר, ווי כ׳האָב אים נישט געוואָלט געבן צו שטאַרקן, — אויסגעגאַנגען אונטער די הענט.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

ווי הויך איז ער געווען, אייער מאַן?

ד י א ל מ נ ה

דריי פוס, ווייניקער צוויי שטרייך מיט אַ פּינטל.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

וויפיל האָט ער געוואויגן?

ד י א ל מ נ ה

אַרום זיבן און אַכציק פונט.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

פלעגט עפעס נעמען אויף זיך וואָג?

ד י א ל מ נ ה

צונעמען און פאַרלירן; זיך נישט געהאַלטן דערמיט; צו פופציק ניינציק פונט קיינמאָל נישט צוגעקומען...

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

מיט וואָס האָט ער זיך דערנערט?

ד י א ל מ נ ה

יכער נישט מיט קיין היי.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

וואָס האָט ער געקאָנט אויפעסן איבערן טאָג?

די אלמנה

איבערן טאָג, קאָן איך גאָרנישט זאָגן; סיי, איך זאָל דאָס נעמען אויף די וואָך...

ערשטער אַסיסטענט

פון וואָס איז באַשטאַנען דער פרישטיק זיינער?

די אלמנה

אַז כ'האָב אים צוגעטראָגן אַ בעניצל ווייס ברויט, — נאָך אַלץ דערפון איבערגעלאָזט; פון אַ גלאָז מילך, — העכסטנס, אַ זופּ מיט אַ האַלבן, און אַוועקגעשטעלט; אַן איי אויף אַמאָל קיינמאָל נישט אויפגעגעסן...

ערשטער אַסיסטענט

ס'מיטאָג?

די אלמנה

האָט ער בלויז אָנגעקוקט; געלעקט פונם טעלער, געלעקט ווי אויף אַן אָפּקומעניש, און מער אַראָפּגענומען פונם טיש, ווי כ'האָב אים דערלאַנגט.. אַרומן פלייש זיך יאָ פאַרנומען, אפנים: דאָס געוואָלט עסן, אָבער מער ווי צעשניטן האָט ער עס נישט; און אָנשטאָט אַ גאַנץ שטיקל, וואָס כ'האָב פאַר אים אַוועקגעשטעלט, עס דערנאָך צוגענומען צעשניטענערהייט, אין שטיקלעך...

ערשטער אַסיסטענט

כע-כע-כע... איך וועל שוין ביי אייך נישט שטאַ־בן...

די אלמנה

גיט אים אַ כאַפּ אַרום

איר באַשטייט פאַר אַזעלכע ניין ווי ער; איינעם, צוויי, דערהרגענען, — נאָך אַלץ בלייבן זיבן, אַכט...

דינסטמיידל

אין טיר

געבעטן צוקומען: וואו איר זענט נעכטן שפּעט ביינאַכט, עקסטרע אַרויס־געפאָרן.

ד י א ל מ נ ה

שוין? אויף די מינוט?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אַזוי גיך ווי מעגלעך.

ד י א ל מ נ ה

ס׳ברענט דאָרט? און איר מוזט פאָרן לעשן?...

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

האַלט די וואַליזע אין האַנט

נישט איר אַליין ליידט אויף אַ בלוט־קראַנקהייט; מע מוז נאָך עמעצן זען צו העלפן... אָפּ.

ד י א ל מ נ ה

שמייכלדיק

ער איז נישט אַוועקצ מאַכן מיט די האַנט.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

זיך געפֿרן אָנגעכאַפּט אָן די גלייכע וואַנט. אָפּ.

ד י א ל מ נ ה

אַ פאַרריסן נעזל, שטעקט זי עס אומעטום אַריין.

ד אָ ק ט אָ ר

קומט אריין, בלייבט שטיין, און קוקט זיך מיט איר איבער

נו?

ד י א ל מ נ ה

נו?

ד אָ ק ט אָ ר

ווי איז עפּעס מיין אַסיסטענט?

ד י א ל מ נ ה

נישט שלעכט, נאָר אים נאָך צו אויף אייך נישט איינטווישן; און די בלאָנדע קאַץ?

ד אָ ק ט אָ ר

אַ ביסל גרינגער פאַר אייך.

ד י א ל מ נ ה

בלויז אין וואָג ?

ד אָ ק ט אָ ר

דאָס ווייס איך נאָך דערווייל נישט...

ד י א ל מ נ ה

און איר יאָ חשק אויף מיר איינצוטוישן ? אויפגערוימט זיך אָפּנעמען ביי איר, וואָס ס׳האָט דיר ביי מיר געפעלט, — נאָכדעם זיכער זיין מיין מאַן... אָפּ.

ד אָ ק ט אָ ר

קלערט אַ ווײַלע, גיט אַ רוף דאָס דינסטמיידל

ביסט נאָך אַלין דאָ ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

כ׳בין דען אַמאָל אין דער צייט, נישטאָ ?

ד אָ ק ט אָ ר

כ׳גיי היינט נישט אַוועק פון הויז, — און קאָנסט דיך אַ ביסל פריער אַדורכגיין...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

כ׳וואָלט גראָד היינט באַשטאַנען לענגער אין שטוב צו זיין.

ד אָ ק ט אָ ר

האָסט דאָך עפּעס אַ באַקאַנטן, אַ זעלנער, וואָס דו רעדסט פונם אין שלאָף...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ער איז אַוועק אין לאַגער.

ד אָ ק ט אָ ר

נו, איז נישט געבליבן עפּעס אַן אַנדערער? מ׳מוז דען זיין דער יענע־קער? אַלע אַוועק אין לאַגער אַריין?...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

מיט אַ מינעלע

וואָס עפּעס דער דאָקטאָר געוואָרן אַזאַ גוטער?

ד אָ ק ט אָ ר

אַז מ׳וויל זיין גוט צו זיך, מוז מע זיין גוט צו יענעמען.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אפילו נישט געברויכט צוליב צו טון, נאָר אויב באַרן דאָקטאָרס גע־זונט? אָפּ.

ד אָ ק ט אָ ר

זאָגט איר נאָך

ברויכסט דיך נישט איילן אַזוי גיך צוריקצוקומען.

ס ׳ מ יי ד ל

פליט נריין

כ׳זאָל דאָס קאָנען מיט אים אַ האַלבע שעה דורכאַנאַנד פאַרברענגען..

ד אָ ק ט אָ ר

צופיל, אַ האַלבע שעה; מ׳ברויך גאָרנישט אַזוי פיל...

ס ׳ מ יי ד ל

פון פריער

אַלע ווײַלע קומט ער מיר אַוועק, און כ׳האָב אים נישט.

ד אָ ק ט אָ ר

אַז מ׳וויל זיין מיט אַ דאָקטאָר, מוז מע זיך צוגעוויינען צו די צרות, — אים אַלע מינוט נישט צו האָבן...

ס ׳ מ יי ד ל

נישטאָ קיינער? זיך אַלע צעקראָכן?

ד אָ ק ט אָ ר

ווער ס'האָט נישט קיין שכל געהאַט אַליין אַוועקצוגיין, - יענעמען גע־זען אַוועקצושיקן...

ס ' מ יי ד ל

ס'דינסטמיידל זיך נישט געוואָלט אַרויסריכן.

ד אָ ק ט אָ ר

איצט קיינער נישט שטערן.

ס ' מ יי ד ל

און דער טעלעפאָן?

ד אָ ק ט אָ ר

מעגן קלינגען ווי פאַר די לייריקע ווענט..

ס ' מ יי ד ל

און ס'גלעקל ביי די טיר?

ד אָ ק ט אָ ר

דעם טויט געמאַכט.

ס ' מ יי ד ל

גיט זיך אַ וואָרף צו אים אויפן האַלז

אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט, כ'זאָל אַמאָל קאָנען מיט דיר אַליין פאַרברענ־גען; די אלמנה מיר נישט שטיין צוקאָפנס, און ס'דינסטמיידל, — צו־פיסנס...

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס פאַר אַ טרונק זעסטו מער גערן? זיסן ווײַן? ביטערן?

ס ' מ יי ד ל

וואָס דו וועסט נישט געבן...

ד אָ ק ט אָ ר

כ'וועל אָנהייבן צו דיר אַ פריש פלעשל ליקער.

ס ׳ מ ײ ד ל
גיב אַהער.

ד אָ ק ט אָ ר
פון וואָס ווילסטו טרינקען ?

ס ׳ מ ײ ד ל
פון דײַנע ליפּן.

ד אָ ק ט אָ ר
דיר וועל איך געבן אַ גלעזל.

ס ׳ מ ײ ד ל
און דיר, אַ גלאָז ; צו יעדן גלעזל מײַנעם, — אַ גלאָז...

ד אָ ק ט אָ ר
ווילסט דאָך נישט : כ׳זאָל מיך אָנטרינקען צו דיר, נאָר זײַן ניכטער ?

ס ׳ מ ײ ד ל
אויב דו ווילסט דורכויס נישט געדענקען אין זיך, — טאָרסטו אָבער נישט אין מיר פאַרגעסן...

ד אָ ק ט אָ ר
דיך געדענקען, ווי באַטרונקען כ׳זאָל נישט זײַן...

ס ׳ מ ײ ד ל
גיס אַרײַן !

ד אָ ק ט אָ ר
ס׳גלעזל איז פול.

ס ׳ מ ײ ד ל
און ס׳גלאָז ?

ד אָ ק ט אָ ר
טרינקט אויס

שוין ליידיק.

ס׳מיידל

טרינקט אויס

דאַכט זיך: כ׳שווים...

דאָקטאָר

ביים ערשטן גלעזל?

ס׳מיידל

פאַרקרימט

עפּעס בייסט מיך, אַז כ׳קום אום...

דאָקטאָר

האַלט דיך אָן אין מיר, זאָלסט נישט אַראָפּפאַלן...

ס׳מיידל

און דו שטייסט נאָך אַלץ, ביי די גרויסע גלעזער, — אויף דר׳ערד?

דאָקטאָר

געוויס ליג איך נישט אונטערן בעט.

ס׳מיידל

מיטאַמאָל

פייגעלעך פליען!

דאָקטאָר

ווילסט דיך אַריינגיין צולייגן, אָפּרוען?

ס׳מיידל

שוין?

דאָקטאָר

נאָך אַ גלעזל?

ס׳מיידל

דיר אַ גלאָז?

דאָקטאָר

דו ווילסט נאָך אויפזיין?

ס ׳ מ יי ד ל

דו האָלסט ווידער נישט פֿאַרשלאָפֿן, כע-כע...

ד אָ ק ט אָ ר

צו יעדע צייט אויסגלייכן מיט דיר...

ס ׳ מ יי ד ל

דער שטערן דײַנער איז, פֿונדעסטוועגן, נאַס; און די נאָז, געניב בלאַס.

ד אָ ק ט אָ ר

ווי לאַנג דו שטעלסט נישט אַוועק ס׳גלעזל, האַלט איך אַלץ ס׳גלאָז אין די האַנט...

ס ׳ מ יי ד ל

גיס אַריין.

ד אָ ק ט אָ ר

טרינק איך אויך.

ס ׳ מ יי ד ל

אַ גלאָז?

ד אָ ק ט אָ ר

און דיר אַ גלעזל.

ס ׳ מ יי ד ל

גיס אַריין.

ד אָ ק ט אָ ר

די אייגעלעך, דיר נאָך היינט איבערגיין.

ס ׳ מ יי ד ל

נאָך אַ גלאָז?

ד אָ ק ט אָ ר

דיר אַ גלעזל.

ס ׳ מ יי ד ל

כ׳בין נאָך יונג, און מיך אין טרינקען נישט איבעריאָגן...

ד אָ ק ט אָ ר

גיט אַ האַק אַוועק דאָס גלאָז אין דרערד

זווילסט פֿאַרגלײַכן דײַן גלעזל צו מײַן גלאָז ?

ס׳ מ יי ד ל

ציט פֿונם אַראָפּ דעם ראָק, טוט אים אויס דעם קאָלנער

דו מוזט קענען שטיין אויף די פֿיס...

ד אָ ק ט אָ ר

ס׳איז דאָ צו הייס...

ס׳ מ יי ד ל

מוזט דיך שטאַרקן, איך בין נאָך געווען ניכטער...

ד אָ ק ט אָ ר

פֿיר מיך אַרײַן צום אָפֿענעם פֿענסטער.

ס׳ מ יי ד ל

אים אַרויספֿירנדיק

זאָל זײַן בײַם אָפֿענעם פֿענסטער.

פֿ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אקט

ניִשט לאַנג דערנאָך,
אין דעם זעלביקן קאַבינעט.

ד אָ ק ט אָ ר

אין די בלויזע הויזן, שטעק־שיך, פירט אַריין ט׳ויבסטמיידל אַ הויז־באָקסטער

ווײַנען ברויכסטו נישט.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

לייגט אַראָפּ ב׳קאָפּ, כליפּעט

וואָס וועל איך אַצינד טון?

ד אָ ק ט אָ ר

טוט איר אָן די שיך

ביסט נאָך אַזוי יונג, וואָס ברויכסטו שוין טון?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ווער וועט מיך אַצינד וועלן נעמען?

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס האָסטו דיך צו זאָרגן איבער דעם, וואָס קיין שום אַנדער מיידל זאָרגט זיך נישט?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין

אוי, כ׳וועל עס גאָרנישט איבערהאַלטן...

ד אָ ק ט אָ ר

שוין ווידער?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

כ׳בין נאָך דערצו אַזוי אָרים.

ד אָ ק ט אָ ר

אויף דעם וואָס דו ברויכסט צו האָבן, — זיך אַלעמאָל ביי מיר פאַרדינט.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

כלישנעט

וואו וועל איך אַצינד גיין?

ד אָ ק ט אָ ר

וואו ווילסטו גיין?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

מיך קיינער איבער די שוועל נישט לאָזן.

ד אָ ק ט אָ ר

איך שיק דיך דערוויַיל נישט אַוועק.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

קיינער נישט וועלן אין פּנים אַריין מיר קוקן.

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס ברויך מע דיר קוקן אין פּנים אַריין?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

האַלדזט אים אַרום

האָט מיך כאָטש ליב, דערפֿאַר...

ד אָ ק ט אָ ר

צו וואָס, ברויכסטו, זאָל איך דיך ליב האָבן?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ווי לאַנג וועל איך דאָס נאָך קאָנען צוקומען צו אייך? ס׳דרייט זיך: די בלאָנדע, די שוואַרצע, — פֿריער צי דערנאָך פֿאַלן איבער איינע, און וואו וועל איך מיך דאַן אַהינטון?

ד אָ ק ט אָ ר

אַלעמאָל ביי מיר קאָנען זיין דאָס דינסטמיידל.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ב׳וויל נישט בלויז זיין דאָס דינסטמיידל

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס דעןווילסטו זיין?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

מער ווי אַ דינסטמיידל...

ד אָ ק ט אָ ר

און גיי נעם דיך דערוויַיל צו דער שטוב, מ׳וועט שוין זען; צוליב דעם פֿון אַלעם אַוועקגענומען די הענט, — נישט קאָנען מער באַלד קיינער אַריינקומען אַהער...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

בעמט זיך טון

וואָס ווייניקער מ׳וועט קומען, פֿאַר מיר געזונטער זיי

ד אָ ק ט אָ ר

נישט געשלאָפֿן, קינד; געערודערט זאָל ווערן.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

נעמט זיך טון, און צעכליפעט זיך אויפסניי.

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס האָסטו דיך ווידער צעגאָסן?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ווי אַזוי, דאָקטאָר, וועל איך קאָנען צוריק זיין ווי פריער?

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס האָסטו דערפון פריער מער געהאַט, און ווינציקער אַצינד אָן דעם?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

פריער האָט איר זיך נאָך מיר נאָכגעיאָגט; און אַצינד, איך אייך ברויכן נאָכצולויפן..

ד אָ ק ט אָ ר

אַלעמאָל קאָנען קומען צום גרייטן...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אָבער מוזן שטיין פון דער ווייטנס, ווען אַן אַנדערע וועט איבער אייך האָבן די גאַנצע דעה צו זאָגן...

ד אָ ק ט אָ ר

זיך אויך מעגן אָנרופן.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

בלויז מיט אַ וואָרט?

ד אָ ק ט אָ ר

און נאָך פאַר עפּעס האָבן אַ שטיקל אָרט...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

און זיך פילן אַזוי היימיש, אַזוי נאָענט צו אַלעם, — ווי ביי זיך? און נישט ווי ביי יענעמען אין די פרעמד?

דאָקטאָר

מעגסטו דיך שוין נעמען מיט מער חשק צום טון ?... דער שטויב האָט זיך שוין אין אַלעם איינגעפרעסן.. די אינסטרומענטן זשאַווערן... כ׳האָב מורא: אַז נאָך יעדע איינשפריצונג וואָס כ׳מאַך, – דער קראַנקער זאָל זיך נישט אַוועקרוקן פון בלוט-פאַרגיפטונג...

דינסטמיידל

(אויפגערוימט)

שוין איצטער אַלץ ביי מיר בלאַנקען... אין יעדע זאַך קאָנען שפּיגלען...

(נעמט ווארפן)

כ׳בין נישט מער קיין מיידל,
אַ דינסט אין אַ קורץ קליידל,
וואָס מוז קוקן,
און דריקן,
און שוויַיגן.

צווייטער אַסיסטענט

(קומט אריין פון גאס)

גוט מאָרגן, דאָקטאָר.

דאָקטאָר

גוט מאָרגן.

צווייטער אַסיסטענט

כ׳וואָלט זייער געוואָלט: דער קראַנקער זאָל געזונט ווערן פון אונז ביי־ דע, אינאיינעם.

דאָקטאָר

ווי זעט ער אויס ?

צווייטער אַסיסטענט

נישט ערגער, – ס׳ווערט אים אָבער אויך נישט בעסער.

דאָקטאָר

היינט ?

צווייטער אַסיסטענט

שפּילט זיך.

דאָקטאָר

פּולס?

צווייטער אַסיסטענט

ישט זיכער.

דאָקטאָר

שלאָפט גוט?

צווייטער אַסיסטענט

וועקט זיך באַכאַנאַנד איבער.

דאָקטאָר

אַלגעמיינע אַספּיראַציע?

צווייטער אַסיסטענט

נעקאָנט זיין בעסער.

דאָקטאָר

אַפּעטיט?

צווייטער אַסיסטענט

פּויל; נעמט נישט צום מויל.

דאָקטאָר

ס'געשווילעכטס, זיך פאַרקלענערט?

צווייטער אַסיסטענט

נישט אויף קיין כך: כמעט ווי גאָרנישט.

דאָקטאָר

מיין ערשטער אַסיסטענט וועט מיט אייך אַרויספאָרן.

דינסטמיידל
פלוצלינג

דער דאָקטאָר אַליין, וועט אַרויספאָרן, און נישט שיקן קיין אַנדערן אויף זיין אָרט.

דאָקטאָר
איבערראַשט

הע ?

דינסטמיידל

שווער היינט צו קריגן דאָס צוטרויען ביי מענטשן ; און אויב מ'האָט עס שוין יאָ, – ברויך מע עס זען אָנצוהאַלטן מיטביידע הענט ; כאָטש נישט אַזוי גרינג פאַרלירן...

דאָקטאָר
שמייכלדיק

נישט טויגן : דו וועסט ווערן צופיל היימיש, אַ ; אָנהייבן מישן וואו מ'ברויך נישט...

דינסטמיידל

מ'קאָן זיך מיט אַלעם נישט פאַרלאָזן אויף די אַסיסטענטס, און אַליין אויך זיין וואו מ'ברויך ; מענטשן רופן און קומען, ווייל זיי ווילן אויס־דריקלעך האָבן דעם דאָקטאָר...

דאָקטאָר

וואו, כ'ווייס : מ'ברויך אַליין גיין, שיק איך נישט קיין אַנדערן אויף מיין אָרט...

דינסטמיידל

דאָקטוירים שטאַרבן היינט פאַר הונגער... קוקן זיך אויס די אויגן : ס'זאָל ווער ביי זיי אויפמאַכן די טיר... און דאָ לאָזט מע נישט אָפּעטעמען... די נאַכט רואיק אַדורכשלאָפן... נאָכאַנאַנד אַראָפּגיין פון בעט, ענטפערן אויפן טעלעפאָן... האָט זיך עפּעס פאַרדרייט אַ שוואַרצע, אַ רויטע, אַ גרינע, אַ געלע, אַ בלאָנדע, און ס'גייט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, אין דרערד אַריין...

ד אָ ק ט אָ ר

שוין דער גאַנצער בעל-הבית, דאָ ?

צ ו ו י י ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

נאָך ווער אָנגעקלונגען נעכטן אָוונט, נאָך מיין אַוועקגיין ?

ד י נ ס ט מ י י ד ל

נישט אָפּגעלאָזט דעם טעלעפאָן אויף קיין מינוט.

ד אָ ק ט אָ ר

ווער האָט גערופן ?

ד י נ ס ט מ י י ד ל

די פרוי, ביי וועלכע ס'קינד ליגט אויף שאַרלאַך-פיבער ; אַ מאַן, וואָס דער פוס איז אים אויסגעדרייט ; אַן עלטערער מענטש מיט אַ געשוואָלענעם האַלז : אַ יונג מיידל מיט אַ גילע אונטערן אויער ; עפּעס פון אַ יינגל מיט אַ נאָז...

ד אָ ק ט אָ ר

ס'האָט ווער פון זיי געבעטן צוקומען ?

ד י נ ס ט מ י י ד ל

דער עלטערער מאַן, וואָס מיטן געשוואָלענעם האַלז, האָט געהייסן זאָגן : אַז ס'אַרט אים צו שלינגען הייס ; און פאַר קאַלטס, האָט ער מורא, — ר'זאָל זיך אים נישט צוקילן...

צ ו ו י י ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

ס'ברויך נישט גראָד זיין הייס ; ס'קאָן זיין נישט הייס און נישט קאַלט.

ד אָ ק ט אָ ר

לעבלעך.

ד י נ ס ט מ י י ד ל

ס'מיידל מיט דער גילע. — אַז זי איז ווייך געוואָרן : און אויפגעהערט לייגן חלה, וואָס זי טינקט אין וואַרימע מילך...

צ ו ו י י ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

נישט אינגאַנצן, און נישט אַזוי אָפט.

ד י נ ס ט מ ײ ד ל

יענעם מיטן אויסגעדרייטן פוס, איז דאָס געשווילעכטס אָפּגעגאַנגען, — נאָר ער קאָן אַלץ גלייך אויף אים נישט גיין.

צ װ ײ ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

איבער אַ נאַכט וויל ער שוין קאָנען גיין אויף אים.

ד י נ ס ט מ ײ ד ל

ביים יינגל, האָט פון דער נאָז אָנגעהויבן צו רינען...

צ װ ײ ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

דאָס איז נישט גוט, אַז ס׳האָט אָנגעהויבן רינען...

ד י נ ס ט מ ײ ד ל

און דאָס קינד וואָס איז קראַנק אויף שאַרלאַך־פּיבער, — האָט נאָך אייער־נעכטן אינדערפרי אָנגעהויבן זייער שווער צו ברעכן...

ד אָ ק ט אָ ר

האָט זי ערשט נעכטן געלאָזט וויסן דערפון, די מוטער?

צ װ ײ ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

און פון נעכטן אויף דער נאַכט ביז אַצינד, וואָס ס׳האָט זיך אַ ברירה צו טון?

ד י נ ס ט מ ײ ד ל

און זי וויל וויסן: אויב ס׳איז זייער נייטיק, דער דאָקטאָר זאָל אַריבער־קומען...

צ װ ײ ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אויב ס׳איז נישט נאָך אַלעם... גייט אין דער צווייטער שטוב ברויכן נאָכ־פרעגן ביי די קלוגע מאַמע פונם קינד, אויב ס׳איז נאָך דאָ צו וואָס אַריבערצוקומען... און נעמט רעדן אויפן טעלעפאָן.

ד אָ ק ט אָ ר

צוואָנציק מאָל פּאַרדרייען אַ קאָפּ, ביז מ׳וועט איינמאָל אַרויסרופן אַהיים.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

מ'זאָל וויסן ווי אומצוגיין, קאָן מע אַפילו צופֿירן אומגערופֿן ; אַ דאָק־טאָר ברויך האָבן די אויבערהאַנט איבערן קראַנקן, און נישט דער קראַנ־קער איבער אים...

ד אָ ק ט אָ ר

שמייכלדיק

ווי לאַנג ביסטו שוין ביי מיר ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

גענוג לאַנג, מ'זאָל וויסן.

ד אָ ק ט אָ ר

זינט ווען האָסטו אָנגעהויבן אַזוי שיין צו רעדן ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

זינט היינט אינדערפֿרי.

ד אָ ק ט אָ ר

זע, מיש דיך בעסער נישט צו פֿיל.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

נישט אַרומגיין מער אין די שטיל...

ד אָ ק ט אָ ר

אַלץ מיט אַ געפֿיל.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

וואוילגריש

קורץ,
דריקן,
און שווייגן.

ד אָ ק ט אָ ר

וואו האָסטו די ליפּן ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

וווּלסט זיי האָבן בײַ דיר אויפן פּנים?

ד אָ ק ט אָ ר

צופֿיל איז אומגעזונט; מער כ'וועל זיך צולאָזן צו דיר, מער טרעטן אויפן קאָפּ. אָפּ.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אויפגערוימט

אַצינד מוזן האָבן אַן אויג אויף אַלעם... זיך בײַ מיר אויפהערן דרייען אויפן ראָד די רויטע, די געלע, די גרינע, די בלאָנדע. די שוואַרצע, און זיי מוזן זען פֿון דאַנעט אויסצורוימען איינס בײַ ס'אַנדערע... זינגט אונטער,

כ'בין נישט מער קיין מיידל,
אַ דינסט, אין אַ קורץ קליידל.

צ ווי י ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

קומט צוריק פֿון די אַנדערע שטוב, וואו ער האָט פֿאַרענדיקט רעדן אויפן טעלעפאָן

ס'אי גאָרנישט צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי ס'איז דעם קינד בעסער געוואָרן... לויט מײַן שׂכל: שוין נישט באַדאַרפֿט דאָ זײַן, און נאָך טרעפֿן...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

לויטן דאָקטאָרס שׂכל איז אַלעמאָל פֿאַרקערט.

צ ווי י ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

ווער זענט איר דאָ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

רייסט זיך אָפּ

מ'זאָל אָבער ווער זײַן, — גלײַך געקאָנט אַרויספֿאָרן; און פֿאַרשפּאָרט הײַנט צו זיצן אין דער היים...

צ ווי י ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

ווייניק אַ גאַנצן טאָג, און נאָך בלײַבן זיצן אויך אויף בײַנאַכט, — טאָמער וועט זיך מאַכן ערגעץ אַרויסצופֿאָרן?

דינסטמיידל

גיט אים אַ פֿלעשל

מ׳בּרויך נאָכזען די אורין; שטייט פֿון נעכטן, נאָכמיטאָג.

צווייטער אַסיסטענט

אויב פֿון נעכטן נאָכמיטאָג, נישטאָ וואָס נאָכצוזען; הייסן ברענגען אַנ־דערע, אויב דער קראַנקער לעבּט נאָך, און ס׳אי דאָ פֿון וועמען... אָפּ אין די אַנדערע שטוב.

דינסטמיידל

טוט און זינגט

קוקן,
דריקן,
און שווייגן.

ס׳מיידל

קומט אַריין, אַ צעטראָגענע

דער דאָקטאָר!

דינסטמיידל

אַזוי געפֿערלעך זענט איר?

ס׳מיידל

דער דאָקטאָר וואו איז?

דינסטמיידל

אַרויסגעפֿאָרן.

ס׳מיידל

נישט פֿון איין שטוב אין די אַנדערע?

דינסטמיידל

וואַרט מע:

ס׳מיידל

בּיי דיר קאָן מען אַפֿילו פֿאָרן פֿון איין בּענקל אויפֿן אַנדערן.

ד י ס ט מ יי ד ל

בּיק, נישט בּיי מיר.

ס ׳ מ יי ד ל

בּיי אים אַריין זאָגן : אַז איך בּין דאָ.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ער לייגט זיך ערשט איבּער אויף די אַנדערע זייט.

ס ׳ מ יי ד ל

אַזוי שווער געאַרבּעט בּיינאַכט ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אים אָנגעהאַלטן בּיי אַ קראַנקן ; אַהיימגעקומען קעגן טאָג.

ס ׳ מ יי ד ל

שלאָפט שוין דריי שעה ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

איינע, אינגאַנצן.

ס ׳ מ יי ד ל

לאָזט זיך גיין

געבּוג פאַר אים.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

פאַרשטעלט איר ב׳וועג

אים נישט לאָזן אויפוועקן.

ס ׳ מ יי ד ל

ווער בּיסטו, וואָס וועסט מיך נישט לאָזן ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

נישט בּלויז דאָס דינסטמיידל...

ס׳מיידל

נעמט איר גלייך שלאָגן

אויף וועמען גייסטו דאָס אויסטראַכטן ?... אויף אים ?... דעם דאָקטאָר ?... כ׳גיי אים שוין אַריין זאָגן : ער זאָל דיך צוועקשיקן... אַ מינוט לענגער נישט האַלטן...

דינסטמיידל

שלאָגט איר צוריק

פֿיל וויי ניקער.

דאָקטאָר

פֿאַלט אַריין

ווי אַזוי איז דאָס עפּעס געשען ?

ס׳מיידל

גיט אַ פֿאַל אַרויף אויף אים. נרעכט אויס מיט אַ געוויין

ווייל, כ׳האָב מיך אָנגענומען פֿאַר דיין כּבוד...

דאָקטאָר

גלעט איר איבערן קעפּל

ש-ש-ש-ש...

דינסטמיידל

שאַרט זיך אַרויס

כ׳וויל זיי דאָ נישט האָבן...

ס׳מיידל

זשעלכע פֿאַרשטאָכענע אויגן...

דאָקטאָר

אַ דינסט : לענגער מ׳האַלט איר, מער טרעט זי אויפֿן קאָפּ...

ס׳מיידל

יעדעס מאָל כ׳קום, האָב איך פֿון איר אויסצושטיין.

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס האָסטו דיך געריסן אַזוי פרי אַהערצוקומען?

ס׳ מ יי ד ל

כ׳וואָלט געקאָנט: נאָך פון פריער דאָ געווען...

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס איז?

ס׳ מ יי ד ל

כ׳וויל וויסן: ווי כ׳האַלט מיט דיר?

ד אָ ק ט אָ ר

נאָך אַלץ פון פאָרנט.

ס׳ מ יי ד ל

אוודאי די אַלמנה מיר אונטערגעשפּילט...

ד אָ ק ט אָ ר

פּונקט קאַפּויער: ווען ס׳וואָלט אַזוי געווען ווי זי האָט זיך פאַרגענומען, גראָד נישט אַזוי אויסגעגאַנגען; די צרה איז אָבער, וואָס ס׳אי נישט אַזוי געווען..

ס׳ מ יי ד ל

מיך נישט לאָזן פאַרדרייען; אויף די אַנדערע וואָך וויל איך חתונה האָבן...

ד אָ ק ט אָ ר

מיט פאַרגעניגן.

ס׳ מ יי ד ל

און מיט דיר, דאָקטאָר.

ד אָ ק ט אָ ר

ס׳האָבן שוין אַ סך פון מיר דאָס זעלביקע געוואָלט; דו ביסט נישט די ערשטע.

ס׳מיידל

יענע האָבן געקאָנט בלייבן ביים וועלן; ווייל, איידער זיי זענען צו דיר געקומען, — פריער פריגעץ אַנדערש אָפּגעטרעטן...

דאָקטאָר

און מיט וואָס ביסטו מער אויסגענומען פאַר זיי אַלע?

ס׳מיידל

אַז מ׳וויל זיך אויסדרייען פון אַ מיידל, איז דאָס דער גרינגסטער תירוץ.

דאָקטאָר

ערנסט

ס׳זאָל האָבן אַנדערש געווען, דיך כ׳ע׳ פון דעם הויז נישט אַרויסגעלאָזט... שוין אויף שטענדיק דאָ פאַרבליבן... צווישן מיינע ווענט... און אונטער דעם דאַך, דאָ... ווייל, כ׳וואָלט מיר גאָר קיינמאָל קיין שענערע נישט געווינטשן... קיין ייִנגערע... און ס׳אי נאָר אַ פאַרדראָס, אַ קרענקונג: אַזוי יונג, און צו זיין איבערגעפירט...

ס׳מיידל

איך בין געווען ערלעך!

דאָקטאָר

אונטערגעשטעלט אַ גלאָז צו אַ גלעזל, און מיך געוואָלט פאַרגיסן... כ׳זאָל נישט גאָר וויסן... כע-כע... וואָס מענער טון, געוויינטלעך, מיט אַ מיידל, האָסטו געוואָלט מיט מיר טון... כע-כע...

ס׳מיידל

אַן אומשולדיק קינד, נעבעך...

דאָקטאָר

די קונץ איז נישט געראָטן...

ס׳מיידל

זיך וועלן אויסשטעכן די אויגן מיט אַ גלאָז, אַז כ׳האָב דיך דערמיט געגומען אויפן שפּיצמעסער...

ד אָ ק ט אָ ר

זוי פאַרדרייט כ'בין נישט געווען, — נאָך אַלץ געדענקט צו האַלטן קאָפּ ..

ס ' מ יי ד ל

אַזוי גוט האָט ער געאַרבעט, דער קאָפּ, אַז ס'אי אין אים געבליבן איינגעקריצט יעדע רגע, יעדע סעקונדע... און מורא, זאָלסט דיך נישט האָבן אָפּגעענאַרט... ווייל נאָכן געדאַנק זאָל איך דיר האָבן צו גרינג אָנגעקומען.. און זיך צו גיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט מיר... כע-כע... מיך אַזוי גרינג נישט אַראָפּשלינגען... דאָס גאַנץ גוט אויסברעכן... מיר שוין זען צו העלפן...

ד אָ ק ט אָ ר

מיך פאַר גאָרנישט אָפּשרעקן... כ'זאָל אַפילו וויסן ס'לעבן צו פאַרשפּילן...

ס ' מ יי ד ל

נישט בלויז אָנגעהויבן מיט מיר ; כ'בין נישט אַליין ..

ד אָ ק ט אָ ר

אַפילו קומען מיטן טאַטן, מיט די מאַמע...

ס ' מ יי ד ל

און נאָך עמעצן, אויך...

ד אָ ק ט אָ ר

מיטברענגען די גאַנצע משפּחה...

ס מ יי ד ל

נאָך אויף די אַנדערע וואָך האָבן מיר חתונה!

ד אָ ק ט אָ ר

געזונטער זיין: דיר דאָס אַרויסשלאָגן פונם קאָפּ...

ס ' מ יי ד ל

אַנישט, וועסטו זען וואָס כ'קאָן...

ד אָ ק ט אָ ר

ס'קאָן דאָך נישט זיין מער, ווי מיר דעם טויט מאַכן?

ס' מ יי ד ל

פאַרוואָס? לעבן, נאָר אויף צרות... צערעכט מאַכן אַ נאָמען, — זאָלסט ברויכן אַנטלויפן אין עק וועלט... קיין קראַנקער נישט וועלן דיין פּנים אָנקוקן... אַ הונט נישט אַריינבליקן... אַ קאַץ אַריינשמעקן...

ד אָ ק ט אָ ר

טאָקע ערגער זיין באַלד ווי דער טויט...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

קומט אַריין

נאָך פון פריער אָנגעקלונגען פון דער פרוי, וואָס ס'קינד איז ביי איר קראַנק אויף שקאַרלאַט-פיבער, — עס האָט פריש אָנגעהויבן צו ברעכן; און דער דאָקטאָר זאָל אַריבערקומען.

ד אָ ק ט אָ ר

קוקט אויפן זייגער

וואו קאָן ערגעץ זיין מיין ערשטער אַסיסטענט?... אַזוי ווי ער וועט נאָר אַריינקומען, אים גלייך הייסן אַריבערגיין עס זען...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

מ'וויל אויסדריקלעך האָבן דעם דאָקטאָר, און נישט דעם אַסיסטענט.

ס' מ יי ד ל

דער דאָקטאָר קאָן נישט גיין.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

מוזן קאָנען.

ס' מ יי ד ל

מיך לאָזן אַליין?

ד אָ ק ט אָ ר

דאָך נישט ריזיקירן מיט אַ קינדס לעבן. אָפּ.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

נישט ס'קינד... דער דאָקטאָר מוז אָנהייבן מער טראַכטן פון זיך, ווי...

אָפּ נאָך אים.

ס' מ יי ד ל

בלייבט דערשלאָגן

פריער איז עס אַנדערש,
און אַנדערש, – דערנאָך.

צ וו יי ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

קומט אריין, באַטראַכט איר

אויף וואָס זענט איר קראַנק, דער דאָקטאָר האָט אייך אַזוי אַנטמוטיקט?

ס' מ יי ד ל

קוקט אים אָן

ווער זענט איר, וואָס כ'האָב אייך אַזוי ווייניק דאָ געזען?...

צ וו יי ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

דעם דאָקטאָרס אַסיסטענט.

ס' מ יי ד ל

איז דאָך גאָר אַ הויכער... אַ שווערער... מיט אַ בייכל... און גאָרנישט אַזוי יונג. .

צ וו יי ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

דאָס איז דער ערשטער.

ס' מ יי ד ל

האָט שוין אַ צווייטן?

צ וו יי ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

נישט לאַנג אַרויס פון שפּיטאָל.

ס' מ יי ד ל

ערשט פון די נאָדל אַוועק.

צווייטער אסיסטענט

און געזוכט דערווייל וואו אנצוהאלטן, ביז מ'וועט זיך ערגעץ דערשלאגן, צו אן אייגן שטיקל ארט.

ס'מיידל

אבער, ס'אי דען א פלאן אזוי?

צווייטער אסיסטענט

אויף די ערשטע מינוט. ביז מ'ארבעט זיך אריין דורך יענעם, — מ'זאל דערנאך קאנען אנפאנגען פאר זיך...

ס'מיידל

אוודאי נישט אזוי שטארק רייך, — און געברויכט אייגענעם...

צווייטער אסיסטענט

אפילו רייכע גייען זעלטן באלד פאר זיך, און קאנען זיך צוועקשטעלן אויף די אייגענע פיס.. קיין גרויסע געלטער. פארשטייט זיך, נישט גע-האט... אויסגעמארדעוועט דעם דאקטאר זייער שווער... מיט די אייגענע צען פינגער...

ס'מיידל

ארימע עלטערן.

צווייטער אסיסטענט

ני, נישט בלויז רייכע קינדער מוזן דורכאויס ווערן דאקטוירים.

ס'מיידל

און מוזן שטארק צופרידן זיין, וואס איר זענט אדורכגעקראכן...

צווייטער אסיסטענט

פארוואס זאלן זיי נישט צופרידן זיין?

ס'מיידל

און נאכמער, שטעל איך מיך פאר, זיך געפרייט, — איר זאלט שוין זיין באר זיך...

צווייטער אַסיסטענט

מיקאָן כאַפּן, און גלייך אויף די מינוט חתונה האָבן?

ס'מיידל

נאָר זיך פרייער אַרומוואַלגערן ביי פרעמדע דאָקטוירים, אויפקלויבן די ברעקלעך פון אַנדערעס טישן, ווען ס'מאַכט זיך אויף די אייגענע פיס אויסצושטעלן?...

צווייטער אַסיסטענט

ברויך זיך דאָן מאַכן...

ס'מיידל

ביי אַ דאָקטאָר, נישט פון די שווערע זאַכן?...

צווייטער אַסיסטענט

אַנישט קומט באַלד אונטער ווי מ'וויל: אַ ליימיש מיידל, מיט אַ רייכן שווער... און... אַלע זיבן זאַכן?...

ס'מיידל

אַנישט, מוז זיין מיט אַלע זיבן זאַכן?... אַ יונגער דאָקטאָר, אַז ער איז נישט קיין קרענק, — קיינמאָל נישט ווייט דערפון...

צווייטער אַסיסטענט

ווי איינעמען, ס'גליקט אָפּ.

ס'מיידל

ס'גליקט אַ סך אָפּ...

דינסטמיידל

אין טיר

טעלעפאָן!

צווייטער אַסיסטענט

נישטאָ דער ערשטער אַסיסטענט?

דינסטמיידל

זיך פאַרהאַלטן ערגעץ, ווייזט אויס, ביי אַ קראַנקן.

צווייטער אַסיסטענט

און דער דאָקטאָר?

דינסטמיידל

נישטאָ נאָך צוריק.

צווייטער אַסיסטענט

נעם אַליין אויף, וואָס ס׳איז...

דינסטמיידל

כ׳ענטפער בלויז ביינאַכט, אַז ס׳אי קיינער נישטאָ...

צווייטער אַסיסטענט

גייט אומצופרידן אָפּ

כ׳קום באַלד צוריק אַריין.

ס׳מיידל

פאַרבט זיך ס׳פּנים

דערווייל אַריינכאַפּן, וואָס מ׳קאָן...

דינסטמיידל

אַזוי האַלט כ׳קען אין איין אַריינכאַפּן, ביי וועמען ס׳לאָזט זיך. אָפּ.

צווייטער אַסיסטענט

קומט צוריק אַריין

איר גייט שוין לאַנג אַריין דאָ, צום דאָקטאָר?

ס׳מיידל

ס׳וואָלט שוין געמעגט זיין, גענוג.

צווייטער אַסיסטענט

אויף וואָס באַקלאָגט איר זיך, אויב כ׳קאָן פרעגן?

ס׳מיידל

כ׳אַ קרענק, וואָס נאָר אַ יונגער דאָקטאָר קאָן איר היילן...

צווייטער אַסיסטענט

דער דאָקטאָר דאָ איז גאָרנישט אַזאַ יונגער...

ס׳מיידל

דעריבער זאָג איך עס דאָך...

צווייטער אַסיסטענט

בעסער דאָס צו הערן, ווי... אַז כ׳האָב אייך געטראָפן זיצן אַזוי דער־שלאָגן, האָב איך געפילט...

ס׳מיידל

ווי נאָר אַ יונגער דאָקטאָר קאָן פילן... ביי אַן עלטערן איז דאָס גע־וויינטלעך ברויט; זיך באַלד נישט איבערנעמען פון קיין יונג מיידל, אַז זי ליידט...

צווייטער אַסיסטענט

נישט גענוג אַלט נאָך דערצו, ס׳זאָל שוין ביי מיר זיין ווי געוויינטלעך ברויט...

ס׳מיידל

און קאָנט יאָ מיטפילן אַ יונג מיידל, וואָס איז דאָרויף קראַנק...

צווייטער אַסיסטענט

אַ גוטער דאָקטאָר מיט אַ סך פּראַקטיק, און אייך נישט געוואָלט צוטרעפן?

ס׳מיידל

מיט וויפיל האָט איר שוין גערעדט, און ס׳האָט אייך קיין איינע נישט צוגעטראָפן?...

צווייטער אַסיסטענט

האָב איך די מאַסקע אַוועקגעשטעלט...

ס׳מיידל

אָבער, נישט באַלד אויף די מינוט.

צווייטער אַסיסטענט

נאַטירלעך, אויף ווי ווייט כ׳האָב מיך נישט ביי וועלכע אָפּגעבריט...

ס׳מיידל

שוין מיט אַ סך געפּרוווט איינגיין?

צווייטער אַסיסטענט

ביסט צוטון די הענט, פון זיך אַליין גאָרנישט קומען...

ס׳מיידל

מיט אַ רייך מיידל אַ סך געקאָנט אויפטון.

צווייטער אַסיסטענט

און וואו נעמט מע זי? אַ גרויסער דאָקטער צו זיין, איז אויך גוט;
אָבער מע מוז זיך דערווייל מיט אַזוי פיל באַנוגן לאָזן.

ס׳מיידל

און אַז זי וואָלט געוועזן?

צווייטער אַסיסטענט

נאָך צופרי צו רעדן דעריבער...

ס׳מיידל

זעלטן ביי אַ דאָקטער, ער ווערט עס פאַר די אַכט-ניין און צוואַנציק
יאָר, — איז נאָך פרי?

דינסטמיידל

אין טיר

טעלעפאָן!

ס׳מיידל

ער לאָזט קיין וואָרט נישט אויסרעדן.

צווייטער אַסיסטענט

גייט דערווייל אַריין אין מיין אויפנעם-צימער, סיי ווי קיין אָרט נישט
דאָ... באַלד צו אייך אַ׳ריינקומען... אָפּ.

ס׳מיידל

ער איז אַזוי יונג... און אַזוי פריש... טרייסלט זיך אויף מיט יעדן קריש...
אָפּ אין צווייטן צימער.

צווייטער אַסיסטענט

מ׳הערט אים רעדן אויפן טעלעפאָן

כ׳זאָל שוין אַריבערקומען?... אוממעגלעך!... כ׳האָב אַ קראַנקע דאָ. זייער אַ שווערע.. אַ שעה שפּעטער?... יאָ... דאָס עקזאַמינירן איר וועט געוויס ביי מיר אַזוי פיל צונעמען... קומט אַרײַן און גייט אַריבער צו זיך אין צימער.

דינסטמיידל

ביי די אַרבעט

ער איז שוין געכאַפּט... אים אָבער געוואוסט וואו אַנצורירן, ביי אַ שוואַכע סטרונע.. זינגט אונטער.

מיידלעך צווישן דאָקטוירים,
אין די קאַבינעטן, —
ווערן אויף דער גיך צעטרעטן.

די אלמנה

קומט אַרײַן מיטן ערשטן אַסיסטענט

נו?... דורכאויס געוואָלט זען, אַ?...

ערשטער אַסיסטענט

און ס׳אי געווען וואָס צו זען...

די אלמנה

נישט האָבן צו שעמען, אַ?... צימערן, אַ?... אַ הויז, זיך קאָנען צעשפּרייטן דערין אין דער לענג און אין די ברייט...

ערשטער אַסיסטענט

וואו איז דער דאָקטאָר?

דינסטמיידל

וואו קאָן אַ דאָקטאָר זיין, אויב נישט ביי אַ קראַנקן?

די אלמנה

ער גייט נאָך ערגעץ אַנדערש-וואו אויך, אַחוץ צו קראַנקע.. צו אים ווענדנדיק דו ברויכסט דיך אויסמעלדן ביי אים?...

דינסטמיידל

אוודאי באַלד אַריינקומען...

די אלמנה

פרעגט

זי ווייסט, יאָ, ווי לאַנג ס׳קאָן ביי אים געמען, – ביז ער פּראַקטיקט זיך אָפּ מיט אַ קראַנקן?... צו אים געגאַנגען זאָל ווערן!

ערשטער אַסיסטענט

ניט האָבן קיין פּנים.

די אלמנה

אַז מ׳גרויך גאָרנישט קיין פּנים האָבן.

ערשטער אַסיסטענט

קווענקלט זיך

צוועקקומען פון די העלע הויט...

די אלמנה

וויפיל יאָר ביסטו שוין דאָקטאָר, און נאָך אַלץ אַן אונטערשטיפּער ביי יענעמען?...

ערשטער אַסיסטענט

באַלד קריגט מע פּראַקטיק?

די אלמנה

כ׳האָב געגוג כּוח, זאָלסט דיר אַפילו צונעמען נאָך עטלעכע צו זיך, – זיי אויך אויסצוהאַלטן...

ערשטער אַסיסטענט

אַ געטפּערלעכער וואַמפּיר.

די אלמנה

צעהיצט

איינגאַנצן זיך אָנגעכאַפּט אין אים, ווייל ער האָט געהאַט, אָ, – אַזוי פיל געלט, און אַליין באַשטאַנען פון צוויי פּיסלעך, אַ קעפּל, – אַ קרעפּל, אַ פּאַרפּוילטער עפּל... האָט ער מיר פּאַר די עוולה אַ טובה

געטון, און מיך איבערגעלאָזט, כ׳זאָל מיר כאָטש נאָך זיין טויט דערמיט קאָנען ארויסהעלפן...

ערשטער אַסיסטענט

ווי לאַנג האָט איר געלעבט מיט אים?

די אלמנה

פאַר זיך: זיבן יאָר, און מיט אים, – קיין איינמאָל אויך נישט...

ערשטער אַסיסטענט

נישט בחנם זיך אַזוי אויסגעהונגערט...

די אלמנה

און ביי דיר אָפּנעמען מיין עולה. ענדערט עפּעס. דאָ אייגנס? כ׳קאָן דיך אַרויסנעמען ווי דו גייסט און שטייסט...

ערשטער אַסיסטענט

אַ נייע זאַך, צו שווענקען די נאָז; אַ לעפּעלע, אויפצוהייבן די דעקלעך פון די אויגן; אַ לעמפּעלע צו באַלייכטן די מאַנדלען אין האַלז... גייט מיט איר אין זיין צימער.

דינסטמיידל

הלוואי צעקריכן זיי זיך. – גאָרנישט געווען קיין שענערע זאַך... אַרבעט און זינגט

אַז אַ מיידל האָט ליב זיסע מאַנדלען,
מוז זי גיין איבער מאַרק האַנדלען;
אַז אַ מיידל האָט ליב זיסע פייגן, –
וועט דאָס איר אַוועקלייגן...

קוקט זיך איין אין שליסל־לאָך פון א טיר אוי, כ׳שטאַרב אַוועק!.. קוקט זיך איין אין שליסל־לאָך פון די צווייטע טיר, און גיט א זעץ די בערשט אין דרערד ט׳איז נישט אויסצוהאַלטן...

דאָקטאָר

קומט אריין

נ׳שטאָ געווען ווער?

ד י נ ס ט מ י י ד ל

ביין.

ד אָ ק ט אָ ר

און, נישט געקלונגען אויך?

ד י נ ס ט מ י י ד ל

ביין.

ד אָ ק ט אָ ר

מיינע אַסיסטענטן?

ד י נ ס ט מ י י ד ל

בײַזוכט אים

ביידע פאַרנומען.

ד אָ ק ט אָ ר

איבעראַשט

וואָס קריכסטו צו מיר אין די קעשענעס? דאָרט עפּעס אַריינגעלייגט?

ד י נ ס ט מ י י ד ל

שמייכלדיק

ס'געלט פאַרן וויזיט.

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס גייט דיך אָן ס'געלט פאַרן וויזיט?

ד י נ ס ט מ י י ד ל

שוין אַמאָל געפּרוּװט דעם טעם פון אַ היימיש ביסל עסן?

ד אָ ק ט אָ ר

אַז מ'האָט נאָר דערויף, איז יעדעס עסן היימיש.

ד י נ ס ט מ י י ד ל

שטענדיק לעבן מיטן רעסטאָראַן, – עס הרגעט אַוועק דעם מאָגן...

ד אָ ק ט אָ ר

דיך שוין גענומען זאָרגן אויף פאַרן מאָגן מיינעם ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

פריער איז ער מיך נישט אָנגעגאַנגען, און קנאַפּ געווען אויפגעלעגן:
וואָס דו לייגסט אַריין אינם .. איצט...

ד אָ ק ט אָ ר

וואָס איז איצט ?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

אַן אַנדערע מעשה.

ד אָ ק ט אָ ר

די זעלביקע מעשה.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

צוריק־קומענדיק מיט די אלמנה, די וואַליזע אין האַנט.

ד אָ ק ט אָ ר

איבעררײַסט

וואָס, עפּעס ?

ד י א ל מ נ ה

ס'אַ סך, נישט עפּעס...

ד אָ ק ט אָ ר

נישט קיין געלעכטער.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

באַשלאָסן צו גיין פאַר זיך.

ד אָ ק ט אָ ר

מיט די יונגע אלמנה ?

ד י א ל מ נ ה

אַרבעטן פאַר יענעמען, הייסט: אייביק גיין אין צעריסענע שיך...

ד אָ ק ט אָ ר

שטרעקט אויס די האַנט

די נעמט מיר אַוועק די רעכטע האַנט.

ד י א ל מ נ ה

בין איך אויך דאָ אין צווישן, און אין מיטן.

ד אָ ק ט אָ ר

גרייכט איר אַזוי אײגן די האַנט

זאָל אַזוי זיין צום גוטן.

ד י א ל מ נ ה

כ'קאָן מיר, דאָס איינע, נישט שענקען: וואָס דו שניידסט ביי מיר אַזוי גלאַטיק אָפּ... אין די אויגן ס'בלייבט מיר נאָר צו ווינטשן: זאָלסט פאַלן איבער אַנדערע הענט...

ד אָ ק ט אָ ר

דו נעמסט דאָך דיר אָפּ ס'דייניקע, וואָס ווילסטו? בלויז צוליב אים, דיר שוין געלוינט דאָ צו פאַרקערן...

ד י א ל מ נ ה

די בלאָנדע קאַץ זיך האָבן מיט דיר צו באַלעקן.

ד אָ ק ט אָ ר

ביסט דיך טועה.

ד י א ל מ נ ה

איך נישט אָפּגענומען וואָס ס'האָט דיר ביי מיר. געפעלט?

ד אָ ק ט אָ ר

ווייט געווען דערפון...

ד י א ל מ נ ה

דערשטוינט

אַזוי יונג?... דאָס קיינמאָל אויף איר נישט געגלייבט... מ'זאָל מיר קו-מען שווערן...

ד אָ ק ט אָ ר

און, דאָך...

ד י א ל מ נ ה

נעמט דעם ערשטן אַסיסטענט אונטערן אָרעם

אַ גוטן טאָג, דאָקטאָר.

ד אָ ק ט אָ ר

אַ גוטן טאָג.

ד י א ל מ נ ה

זאָג אים אויך דאָס זעלביקע.

ע ר ש ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אַ גוטן טאָג, דאָקטאָר.

ד אָ ק ט אָ ר

אַ גוטן טאָג.

די אלמנה, ערשטער אַסיסטענט, — ביידע אָפּ

ד אָ ק ט אָ ר

צום דינסטמיידל

דיר גרינגער געוואָרן?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

הלוואי האָלט איך שוין איינגיכן מיט די בלאָנדע אַזוי...

ד אָ ק ט אָ ר

און פאַר די בלאָנדע זיך נישטאָ צו שרעקן גאָר.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

נאָך ערגעץ אַ געלע? אַ רויטע?

ד אָ ק ט אָ ר

זיי נישט קיין שוטה. אָפּ.

דינסטמיידל

ס׳זאָל אַזוי כסדר גיין, שטיי איך שיין. אָפּ.

צווייטער אַסיסטענט, ס׳מיידל

קומען ביידע אַריין.

צווייטער אַסיסטענט

געכאַפּט

דו ביסט אַפילו אַ גאַנץ שיינע... כ׳האָב ליב דיין קאָליר... די ליכטיקייט. . און די זיסקייט...

ס׳מיידל

ברויכסט נאָר זיין קלוג...

צווייטער אַסיסטענט

נאַרסט מיך נישט, אַז דו האָסט אַ רייכן טאַטן?

ס׳מיידל

דיך נאַרן, הייסט: זיך אַליין אָפּנאַרן...

צווייטער אַסיסטענט

ווי רייך?

ס׳מיידל

ווי, פאַר וועמען; רייך צו רייך איז נישט גלייך.

צווייטער אַסיסטענט

אַז איינער איז גאָר רייך, מוז עס יעדער איינער צוגעבן...

ס׳מיידל

זיבעצן הונדערט אַקער פעלד אין ניין דערפער; ניינצן בריקן איבער דריי און צוואַנציק טייכן; און אַזאַ גרויס געשעפט...

צווייטער אַסיסטענט

ווי גרויס?

ס׳מיידל

דיר שווער זיין אַוועקצוטראָגן!

צווייטער אַסיסטענט

און דו ביסט אַליין ביי טאַטע־מאַמע?

ס׳מיידל

איין-איינציק.

צווייטער אַסיסטענט

צום גאַנצן פאַרמעגן?

ס׳מיידל

צום גאַנצן פאַרמעגן.

צווייטער אַסיסטענט

נו?

ס׳מיידל

זוכט דער טאַטע דעם ריכטיקן שותף צו מיר, כ׳זאָל מיך נישט איבער־הייבן דערמיט...

צווייטער אַסיסטענט

אומגעדולדיק

נישט וואַרטן קיין איבעריקע מינוט, און גלייך מיט דיר אַריבערגיין...

ס׳מיידל

דיך אַ ברירה מיט אַלעם צו פאַרנעמען, און אים לאָזן ביי די ליידיקע ווענט...

צווייטער אַסיסטענט

מ׳גיסט נישט פריער אויס ס׳אומריינע וואַסער, ביז מ׳נעמט נישט אַריין דאָס ריינע... טאָמער נישט אויסנעמען, — וואו וועל איך מיך דערנאָך אַהינטון?

ס׳מיידל

אַז דו ביסט נאָר מיר געפעלן, — שוין אַזוי גוט ווי אין דרינען מיט ביידע פיס...

צווייטער אַסיסטענט

אויב אַזוי, האָב איך אין צווייטן צימער אַן אייגענעם טערמאָמעטער, — וואָס האָב איך אים איבערצולאָזן? אָט.

ס׳מיידל

אליין

מ׳ווייסט אין דער היים: כ׳ברויך קומען מיט אַ חתן; נאָר אַזוי ווי מ׳ווייסט נישט פונם, און ווי ער קוקט אויס, — זיי ווידער קיין חילוק נישט זיין, אַז כ׳וועל אים ברענגען אָנשטאָט יענעמען; אַבי האָבן עמעצן צו ברענגען...

צווייטער אַסיסטענט

קומט צוריק, האַלט די וואַליזע אין האַנט

וואו איז דער דאָקטאָר?

ס׳מיידל

וואָס ברויכסטו דעם דאָקטאָר?

צווייטער אַסיסטענט

אים כאָטש אָנזאָגן פון מיין גליק.

ס׳מיידל

דיר נאָך אַן עין-הרע געבן...

צווייטער אַסיסטענט

אַ גוטער מענטש, זאָל אים כאָטש אַ הנאה טון, און זיך אויך פרייען...

ס׳מיידל

אַזוי אַ הנאה טון, אַז ס׳קאָן נאָך אָנהייבן שטעכן...

צווייטער אַסיסטענט

האָט פיליייכט אַן אויג אויף דיר?

ס׳מײדל

און, ר׳זאָל אפילו האָבן דרײַ אויגן, — אים אַ סך העלפֿן?

צװײטער אַסיסטענט

מיט װאָס בין איך דיר אַזױ געפֿעלן?

ס׳מײדל

װאָרן, דו ביסט נישט ייִנגער פֿאַר אים? און ער, — צװײ מאָל אַזױ אַלט װי איך?

צװײטער אַסיסטענט

ס׳גײט נישט אין יאָרן, נאָר אין מזל; צמזל ברױך מע האָבן; מ׳קאָן זײַן אַלט און געליבט װערן פֿון אַ יונגע, און יונג, — ס׳זאָל זיך קײנער נישט װעלן אומקוקן...

ס׳מײדל

שױן גענומען רעדן װי אַ חכם, אַז ער איז נאָר אײן קלײנע װײַלע מיט מיר אַלײן געװען...

צװײטער אַסיסטענט

איז: אַ דאָקטאָר אין אײן טיר, אַן אַלטער, אַ גוטער, און ס׳מאַכט זי קײנער נישט אויף בײַ אים; און דערנעבן, — אַ יונגער, אַ שװיצער, און מ׳לאָזט אים נישט דעם אָטעם אָפּכאַפּן; איז דאָס דערפֿאַר, װײַל דער װײסט מער?... אַ נעכטיקער טאָג!... מזל ברױך מע האָבן...

ס׳מײדל

פֿון פֿריער

װער רעדט: אַז דו װעסט נאָך בײַ מיר אײַנגאַנצן זײַן, — װערן אַזאַ חכם, אַז מ׳װעט נישט בלױז קומען צו דיר זיך לאָזן שטילן בײנקעס, נאָר אויך רופֿן צו קאָנסיליומס...

דאָקטאָר

קומט אַרײַן, דערשטױנט

װאָס, עפּעס?

ס׳מײדל

נישט עפּעס נאָר אַ סך.

צ װ ײ ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

ס׳קאָן זײן: כ׳זאָל מיר קאָנען אַ סך העלפן דורך איר...

ד אָ ק ט אָ ר

װי פריער

יענע: די רעכטע, און זי, — די לינקע; נעמען מיר צו בײדע הענט...

ס ׳ מ ײ ד ל

אים אין די אויגן, שאַרף

כ׳פאַרגין דיר נאָר נישט, װאָס ס׳זאָל דיר אַזוי גלאַטיק אָפּגײן; אַזוי גרינג מײנע פּטור װערן...

ד אָ ק ט אָ ר

יענעמען, פאַר מיר, — נישט געבראַכט צו שענקען; איך בין שוין געקו־מען דערנאָך...

ס ׳ מ ײ ד ל

אַז דו װעסט נישט פאַלן איבער עמעצן, אַן אַנדערן, — כאָטש דאָס אויסקרענקען...

ד אָ ק ט אָ ר

און אים, דורך דעם נאָר האָבן צו פאַרדאַנקען, נײן?

צ װ ײ ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אַ גוטן טאָג, דאָקטאָר.

ד אָ ק ט אָ ר

דריקט אים די האַנט

יעדער אײנער איז זיך מחויב צו פאַרבעסערן, אויב ער קאָן...

צ װ ײ ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אָפּגעשראָקן

און... אויב ס׳מאַכט זיך עפּעס... ס׳װערט קאַליע...

ד אָ ק ט אָ ר

אַלעמאָל זײן אָפן די טיר פאַר אײך...

צ װ ײ ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אַ גוטן טאָג.

ד אָ ק ט אָ ר

אַ גוטן טאָג.

ס׳ מ יי ד ל

איך וועל אים זאָגן אַ מכּה

צ ווי י ט ע ר אַ ס י ס ט ע נ ט

אָפּגעיענדיק מיט איר

אָבער, ס׳זאָל נישט זיין אַנדערש: ווי אַזאַ גרויס געשעפט... און זיבן הונדערט אַקער פעלד אין ניין דערפער; ניינצן בריקן איבער דריי און צוואַנציק טייכן...

ד אָ ק ט אָ ר

זיך נישט צוגלייבנדיק

געוואוסט: ס׳וועט מיר אַזאַ גליק געשען? אַז די צוויי לייט וועלן זיי מיר צונעמען, — זיי נאָך געוועזן, כ׳ווייס נישט וויפיל צוגעצאָלט...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

קומט אריין, אָנגעטון אין אַ לאַנג קלייד, שיין פּאַרקעמט, נעמט זיך גרייטן צום טיש

כ׳בין נישט מער קיין מיידל
אין אַ קורץ קליידל,
און אויפן קאָפּ, — אַ קריינדל;
אַראָפּגענומען ס׳חנדל,
און געוואָרן אייגן;
כ׳קאָן מיך איצט צעלייגן,
ווי קיינער נישט מיינס גלייכן.

ד אָ ק ט אָ ר

גרייטסט צום טיש?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

פון היינט אָן עסן אין שטוב, ביי מיר.

ד אָ ק ט אָ ר

און מיר דערצו אויסלײדיקן די קעשענעס?

די נ ס ט מ ײ ד ל

נאָך אַלײן דאַרויף געבן.

ד אָ ק ט אָ ר

מיר כאָטש װיסן צוצוטרעפן?

די נ ס ט מ ײ ד ל

נישט האָבן דעם זעלביקן געשמאַק װי אין גאַס, פאַרדאָס דיר געזונטער זײַן...

ד אָ ק ט אָ ר

רעדסט שוין װי אַ גאַנצע דאָקטערשע.

די נ ס ט מ ײ ד ל

פֿון פֿריער

אָנגעפּיקט, — נישט בלײַבן ליגן אונטערן האַרץ, און דריקן; אין שטוב איז אַלץ מער געזונטער װי אין גאַס...

ד אָ ק ט אָ ר

זעצט זיך צום טיש

אַ באַשמעקטע פאַרשפּײַז... װאָס האָסטו דיך אַזוי גיך דאָס אויסגעלערנט?

די נ ס ט מ ײ ד ל

אַז ס׳קומט די צײַט, קען מען...

ד אָ ק ט אָ ר

און אַזאַ גוטע זופּ... אַ סך שװעמלעך...

די ס ט מ ײ ד ל

דיר אָפּקאַרגן?

ד אָ ק ט אָ ר

ס׳קאָסט מיך שײן געלט.

ד י נ ס ט מ יי ד ל

עסט צוגלייך מיט אים

וויפיל כ'זאָל ביי דיר נישט נעמען, – אַלץ ביליקער אויסמאַכן; ביי אַ ווייב מאַכט אַלץ אויס ביליקער...

ד אָ ק ט אָ ר

שוין, אויף די מינוט, דאָס אַלץ אַזוי געקאָנט איינשטעלן? פון אַ זאַלץ-מעסטל? אַ טעלער? און אַזאַ שיין געשיר?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ס'האָט נאָר בלויז געוואַרט פאַר דיר.

ד אָ ק ט אָ ר

נו? און אַצינד? אַז ס'אי שוין אַלץ פיקס און פאַרטיק?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ווידער גיין אַרויסנעמען אַ דערלויבניש אויף דעם, וואָס מ'טאָר נישט...

ד אָ ק ט אָ ר

גאָרנישט שיקן נאָכן טאַטן?

ד י נ ס ט מ יי ד ל

ער וועט פאָרויס באַשטיין, ווי איך וועל מאַכן...

ד אָ ק ט אָ ר

פּתאום אַזוי... אָן אַלעם... כאָטש וויסן: מיט וואָס דו שמעקסט?...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

נישט רייך, פאַרדאָס אָבער אָרנטלעך;ביידע אינאיינעם פאָרן זיך זייער זעלטן...

ד אָ ק ט אָ ר

אויב פון אַ רייך הויז, נישט געברויכט אָנקומען צו מיר פאַר קיין דינסט-מיידל...

ד י נ ס ט מ יי ד ל

און מיך מער געקאָנט אויסהיטן פאַר יענע, וואָס אין די רייכע הייזער...

ד אָ ק ט אָ ר

דאָס האָט נאָר געקאָנט איבערוועגן בײַ מײַנע אַסיסטענטס; און בײַ מיר, די אָרנטלעכקײַט דײַנע מער אויסגענומען...

ד י נ ס ט מ ײ ד ל

געווען אָרנטלעך צו דיר?

ד אָ ק ט אָ ר

האָסט דעם בעסטן באַווײַז: דאָס פֿון אַזוי פֿיל מײדלעך, — זיך אויף סטאַלע געזעצט מיט דיר בײַ איין טיש, עסן.

ד י נ ס ט מ ײ ד ל

לײג צו די ליפּן.

ד אָ ק ט אָ ר

ווי לאַנג ביסטו שוין בײַ מיר?

ד י נ ס ט מ ײ ד ל

פֿולע דרײַ יאָר.

ד אָ ק ט אָ ר

לײגט צו די ליפּן צו אירע

נו, ביז הונדע־ט און צוואַנציק.

ד י נ ס ט מ ײ ד ל

אים אַרומנעמענדיק

און, נישט מער קײן דינסטמײדל.

פ אָ ר ה אַ נ ג

אויף דער פּוקעטע

א סצענקע

עס שפּילן:

ס'מיידל

דער יעניקער

דער סטראַזשניק.

אַ באַנק, צוגעשטעלט צו אַ סלופּ מיט אַ לאַמטער.
אַ קאַזאַרמע נישט ווייט.

ס׳מיידעלע

קומט אָן

כ׳גיי, כ׳גיי, שפּרינג מיר אונטער ווי אַ שוועלבעלע, און כ׳מאַך זומער וואו כ׳קום; כ׳בין גרינג, מ׳קאָן מיך אַוועקבלאָזן ווי אַ פּעדערל; אַ בלאָז: גיב איך אַ פלי... אַ בלאָז: גיב איך אַ פלי... בלייבט שטיין פּאַרטראַכט אַז דער ווינט זאָל זיך שטאַרקן, אָדער ס׳זאָל פון מיר עפּעס אָפּקומען, געמיינערט ווערן אויף אַ האָר, — אַזוי וועט ער מיך פאַרשאַרן ווי אַ בלעטעלע ווען ס׳פאַרוועלקט, און ס׳פאַלט אַראָפּ פוןביימעלע... צעשטרייט דערווייל איז נאָך גאָרנישט פון מיר אָפּגעקומען; בין איך געגוג פריש, לעבעדיק, צאַפּלדיק, און ס׳ברענט אויף מיר די הויט.

אַ מויד מיט ביינער,
ס׳ברענען די שטיינער
אונטער מיר;
נאָר ס׳ווייסט נישט קיינער
ווען ס׳גיט אַ שטאָך, —
און ס׳ווערט אַ לאָך
ביים קלענסטן ריר.

פלוצלינג

ס׳רעגנט? קוקט אין הימל אַריין אויב ס׳רעגנט, בין איך אויסגעשטעלט. ווער גייט דאָס זומער ביינאַכט אויף אַ רעגן, און וויל ווערן אַדורכ-געווייקט?... די שיכלעך מיינע טאָרן נישט זען קיין וואַסער פאַר די אויגן, פּאַפּירענע שיך! געלויבט די סחורה בינן טאָג אַריין, און גוט פאַר איר באַצאָלט, כאָטש כ׳האָב געוואוסט: ס׳איז קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן... כע-כע-כע... כ׳האָב זיי דאָך גענומען, בלויז אויף אָנצוקוקן... אַ שיכל אויפן פוס, מיט אַ הויך קלעצעלע, אַ דינס, ס׳זאָל זיך אַריינשטעכן ווי אַ נאָדל אינם האַרץ; ס׳אי נישטאָ אַזאַ זאַך וואָס זאָל נאָכמער קאָנען נעמען ווי אַזאַ איידל שיכל אויפן פוס, וואָס ווערט דורך דעם אַזוי אויסגעטאָקט און אויסגעשניצט! אויב אַ שיין פיסל מיט אַ ריכטיק שיכל גיט זיך אַ וואָרף פאַר די אויגן, — ווערן זיי גלייך פאַרלאָפן מיט אַ פאַרע, און ס׳ווערט יענעם וואַרעם, ווען ר׳זאָל אַפילו זיין פון אייז; כ׳זאָל מיר אָנהענגען ברילִיאַנטן אויף די

הענט, רינגען אויף די נאָז, אָנפּאַרבן די באַקן, מאַכן קאָליר אין די אויגן; מ׳בּרויך מער,—דער קאָפּ! כ׳זאָל אין אים אַריינלייגן אַ וועלט אַרבעט: פֿאַרקעמען די האָר אַזוי און אַזוי, און אויספּוצן ס׳פּנים ס׳זאָל לייכטן מיט די זון צוגלייך, קומען צוגיין די פּיס און שטעלן זיך אַרויס: „טאַקע נישט אַזוי שיין, און זיך באַווייזן אַזוי ווי מ׳איז, באַרויס, קאָן דער אַפּעטיט פֿאַרגיין, האָבן זיי אָבער אין זיך אַזאַ כּוח,—דאָס ווען מ׳ציט אויף זיי אַרויף אַ דינן זיידן זעקעלע, זיי זאָלן זיין אין שאָטן, און צופּאַסן אַ שיכעלע ווי מ׳באַדאַרף, — דערהרגענען זיי דעם קאָפּ, די האָר, אַלץ... כּע-כּע... מיטן אויג מוז איך אים היטן, דעם פּיס, ער זאָל נישט אַרויס פֿונם שׂכל... כ׳קאָן אַלץ פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן: ס׳קליידל, די אונטערהייזלעך, בּלייבּן ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט, נאָר דער שיך מיטן זאָק טאָר קיינמאָל פֿון פֿוס נישט אַרונטער... און מוז בּלייבּן ווי ער איז... און אַ שיינער פֿוס מוז נישט דורכאויס האָבן אַ שיין קלייד, ניין: אַ געמיין, פּראָסט קליידל, אַ לייַווענטנס, ס׳זאָל צודעקן ס׳לייב; און באַשטיין: ס׳זאָל זיין פֿון איין קאָליר, גרין, — זאָל זיין גרין; בלוי — בּלוי; און נישט לענגער כּאַפּן ווי בּיז איבּער די קני; אַזאַ קליידעלע איז באַשיידן... ס׳איז גוט: ווען ס׳קליידל האָט אַ ריס, אַן אָפֿענעם ריס, נישט קיין פֿאַרניייטן; ס׳מאַכט נישט אויס: וואו, און אויף וועלכן אָרט... אַזאַ ריס קומט פֿון אינעווייניק, דערציילט עפּעס און באַהאַלט נאָכמער, ס׳זאָל נישט בּלייבּן דערציילט... פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָסל?... מ׳דאַרף קענען פֿאַררייכערן... און נאָכמער: אומגיין מיט רויך... כ׳האָב שוין נישט איין פֿויגל פֿאַרנאַרט מיט אַ בּלויז בּיסל רויך...

אַ בּיסעלע רויך,
ווירקט אַ סך מער אויך,
ווי מ׳זאָל גיין
אויף יענעם מיט כּוח.

דערהערט אַ געוויש

אַ העכטל? אָנמאַכן אַ בּיסל רויך, אים ווייזן ס׳פּנים פֿון אַ פּיסל, — און בּאַלד זיין געפּלעפּט... מאַכט חנדלעך כּע-כּע-כּע... דער קאָפּ שאָקלט זיך אים שוין... וואָס וואַרפֿט ער אַזוי מיט די הענט, און באַלבעט מיט די פּיס, דער פֿאַרנאַרטער?... ווינקט מיט אן אייגל קום אַהער, ס׳האַרץ

איז דיר ענג געוואָרן?... דיר מאַכן אַ געריוים אָרט דערפֿאַר... ביי מיר ווערן אַלע הערצער ברייט, ווייל כ'האָב אַליין אויך אַ ברייט האַרץ...

אַ האַרץ איז אַ שפּיל,
ס'קאָן קלאַפּן, ווי מ'וויל:
הויך, גיך, און שטיל,
און מאָלן ווי אַ מיל.

אָפּגענאַרט

נישט געוואָלט אומקוקן זיך... כע־כע־כע... ביי זיין צעקראַכן ווייב מוז ער בעסער האָבן... אַן עלטער הינט אַוודאי, זאַט אין יאָרן, און אַזאַ יונג בלוט, — און ס'שטייט אים נאָך נישט אָן... אַ־האַ! ער קערט זיך אום... אים שוין עפּעס אַ קאַפּויערגעקומען... גיב נאָר אַ טאַפּ אַ בריסטל... האַרט ווי אַן עפּל... און די וואָרצל שטייגט אַרויס... ווי אַלט כ'בין?... כע־כע־כע... כ'רעכן נישט די יאָרן... זיי נעמען איבערציילן אויף די פֿינגער פֿון די הענט מיט די פֿיס, נאָך אַוודאי האָבן עטלעכע אי־בעריק... כע־כע... אַז כ'באָד מיך אָפּ, קריך אַרויס פֿון וואַסער, — ריינט ביי מיר ס'יונגקייט פֿון די שפּיצן־פֿינגער אַראָפּ, און ס'לייב שמעקט ווי אַ ביימעלע נאָך אַ רעגן, ווען ס'ווערט איינגעגעצט... און וואָס קען איך מער געבן ווי אַזאַ יונג פֿריש שמעקעדיק לייב?... כ'האָב איינמאָל גענומען אויפֿספּוּח אַ יונג בחורל, און אים אַזוי דערהיצט, אַז ער האָט זיך גענומען נאַריש מאַכן פֿאַר מיר: „כ'גיב אים מער...“ האָט ער מיך גענומען עקלען... ווייל, כ'ווייס: כ'האָב נישט מער צו געבן... אַן אַנדערער, כ'קלער: ס'האָט געמוזט זיין אַ יונג גלחל, האָט מיך דערנאָך געוואָלט אַרויספֿירן אויפֿן ערלעכן וועג, און זיך צו מיר צוגעקלעפּט: כ'זאָל אים דורכאויס זאָגן, וואָס כ'האָב דערפֿון? שווער איך זיך: גאָרנישט! נאָר כ'קען מיך נישט באַגיין, און כ'הער מיך נישט אויף צו יאָגן דערנאָך, ווייל כ'מיין אַלץ נאָך איטלעכן מאָל, — אַז כ'וועל דערפֿון יאָ עפּעס האָבן; כאָטש, איך נאַר מיך... ווייל אַלע נעמען זיך שטענדיק אָפּ ס'זייעריקע, און איך האָב אַ פֿייג... און בין נישט מער ווי אַן אויסגעאַרבעט שטיק וואַקס פֿאַר יענעם, און פֿיל אַליין קיין טעם נישט... מיין איך אַלץ נאָך יעדן מאָל, אַז דערנאָך וועל איך שוין זיין לעבעדיק, און מיר אָפּנעמען פֿאַר פֿריער, פֿאַר

פרי ער, אָבער זעלטן ס'זאָל אין מיר אַדורכגיין אַ ציטער, אַ שפּלי־טער, און שפּירן ווי ס'קומט עפּעס־צו אָדער עפּעס אָפּ...

דער יעניקער

אומגעדולדיק

ווילסט מיך אָפּקומען מיטן רעדן?

ס'מיידל

האָסט ערגעץ וואו אַן אָרט?

דער יעניקער

הינטערן פּלויט?

ס'מיידל

שטרעקט אויס די האַנט

וואָס האָסטו אַריינצולייגן?

דער יעניקער

וועסט גאָר אַליין אַזוי פיל נישט וועלן...

ס'מיידל

כ'וויל דאָס זען מיט די אויגן.

דער יעניקער

ס'איז צו ליכטיק.

ס'מיידל

כ'שעם מיך נישט צו נעמען אין מיטן טאָג, אַז מ'גיט.

דער יעניקער

נעמט זוכן

וואַרט, כ'וועל איבערלופּטערן די קעשענעס... נעמט ארויס עפּעס אַן אָפּ־געריסענע מטבע.

ס'מיידל

פאַר דעם אַפילו קיין גלאָז סאָדע־וואַסער נישט קריגן...

דער יעניקער

כ׳זע נישט, כ׳זאָל האָבן מער.

ס׳מיידל

דאָס איז נישט גענוג. *קריכט אַריין מיט די הענט צו אים אין די קעשענעס, זוכט* אַ זייגערל דו זאָלסט האָבן... אַ פּאָרטאַבאַק!... אַ רינגל!...

דער יעניקער

דאָס קיינמאָל נישט געהאַט.

ס׳מיידל

נאָר מיט וואָס דען ביסטו געקומען?... כ׳דריי מיך פון אויפדערנאַכט אָן... און כ׳מוז פריער עפּעס האָבן אַריינצולייגן אין זאַק...

דער יעניקער

וואו קאָן איך דיך שפּעטער קריגן?

ס׳מיידל

הינטערן סאַמע שפּיץ דאַך פון רויטן הייזל, ביי דער קרומער וועטין... לאָז דיך נישט פאַרנאַרן פון די אַנדערע מיידלעך... קיין איינע פון זיי האָט נישט אַזאַ קליין פּיסל...

דער יעניקער

גייט אַוועק

לייג דיך נישט שלאָפן פאַר צוועלף.

ס׳מיידל

קאָנסט מיך אַפילו אַרויסנעמען פון בעט... *גענעצט אָפּ* כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט כאַפּן אַ דרימל... ביינאַכט קיין אויג נישט געקאָנט צוטון... *זעצט זיך אַוועק אויף דער באַנק* דאָס קוויטשען פון די מיידלעך האָט געלעכערט דעם קאָפּ... עפּעס איינער, אַ שיכּור, האָט זיך אַוועקגעשטעלט איבער זיי מיט אַ בייטש,— זיי זאָלן זיך פאַר אים שטעלן אויפן קאָפּ, ער זאָל אים דאָרט פון די אַקסלען אַראָפּ! כע־כע... דאָס זיסטע שטיקעלע שלאָף כאַפּט מע אַריין אויף דער באַנק, וואו מ׳קאָן דאָס נישט; אַ מינוטקעלע אַז כ׳קאָן איבערכאַפּן, — נעם איך מער צו כּוח ווי פון

אַ האַלבע נאַכט אויפן בעט בײַ זיך... בײַ וועמען ס'בעט איז געבעט אויף צו רוען, — איך זע נישט דערויף קיין שלאָף פאַר די אויגן... אויף דער באַנק דאָ, אַז כ'גײ מיר אַדורך עטלעכע מאָל פאַר דער קאַזאַרמע, און כ'זע קיין הונט נישט, — האָב איך אַזוי ליב מיך צו צושפּאַרן... ווער רעדט: אַז דער הימל איז נאָך אַזוי פאַרוואָלקנט, און דער רעגן האַלט זיך אײַן, קאָן נישט גײן, — צעגײט זיך דאָס שטיקעלע שלאָף אין די בײנער, און כ'וואָלט אַוודאי אַזוי געקאָנט אָפּליגן אַ גאַנצע נאַכט ווי אַ טויטע, ווען נישט דער גראָבער סטראַזשניק, — אַ טויט אויף אים! וואָס ווייסט נאָך פריער פאַר מיר ווען כ'מאַך צו אַן אויג, און נעמט רײַסן פון מיר שטיקער... *קאַפּעט אים פון שלאָף* וואָס וועקסטו מיך?... כ'זאָל אַראָפּגײן פון דער באַנק... וואָס אַרט עס דיך, אַז כ'האָב מיך אויף איר צוגעשפּאַרט?... עפּעס אָפּקומען פון איר?... כאָטש איך ווייס: אַז ס'אַרט אים נישט, נאָר ער וועקט מיך בלויז כ'זאָל אים פריער גײן אָפּשטעקן: פּונקט ווי ער טשעפּעט זיך צו די הענדלער אויפן מאַרק, און זײ מוזן אים אָפּשטעקן מיט דעם וואָס זײ האַנדלען: אַ בײגל, אַן אײגל... ר'זאָל זיך נישט מאַכן זעענדיק... וואָלט איך אויך באַשטאַנען דערויף, כאָטש איך קאָן נישט פאַרטראָגן דעם שווערן בויך זײַנעם, וואָס ער טראָגט אַלעמאָל מיט זיך... ווײַל ער נאָר בײַם פּלויט! און אַז כ'שטעל מיך אַוועק בײַם פּלויט, שרײַט ער: ער קאָן מיך נישט געפינען... כ'בין אים קלײן אין די אויגן... כע-כע... געוויס: אַז ער איז מיט דרײַ קעפּ העכער... *נעמט אַרויס אַ פּלעשל פון בוזעם* אַ סך מאָל, אַז די פּיס זענען ווי די העלצער, און די אויגן נעמט נישט קיין שלאָף, איז אַ ביסל בראָנפן אַן אַנטיק... *טרינקט.*

אָ, ווי שווער
כ'ווער
ווי אַ שוואַרצער בער
צעלײגט ער
זיך, און וויל אַלץ מער,
מער, מער, מער...

שלאָפט אײַן.

ס'דערהערט זיך דאָס מיליטערישע טרומייטערן פון אַ טרומייט.

ד ע ר ס ט ר אַ ז ש נ י ק

קומט אָן

אַלע נאַכט מיך דאָ האָבן אָפּצויאָגן מיט איר?... כ'וועל, נישט אַנ־דערש, ווי מוזן זען: אָדער מ'זאָל דיך, אַנישט, — די באַנק הייסן אַוועקנעמען.

ס ' מ יי ד ל

כאַפּט זיך אויף

שוין פּאָוויערקע?

ד ע ר ס ט ר אַ ז ש נ י ק

גיי אַהיים, מ'גייט שוין שלאָפן אין דער קאַזאַרמע.

ס ' מ יי ד ל

מיך בחנם האָבן געדרייט?

ד ע ר ס ט ר אַ ז ש נ י ק

אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר די טובה טון: זאָלסט דיך נישט האָבן בחינם געדרייט...

ס ' מ יי ד ל

שטרעקט אויס דאָס הענטל

אַ גוטע נאַכט, זעלבערלעך! אָפּ.

ד ע ר ס ט ר אַ ז ש נ י ק

לייגט זיך אַוועק אויף דער באַנק

מיך אַליין אַוועקלייגן, זי עס נישט קאָנען טון... נעמט כראָפּען.

דאָס טרומייטערן פון פאַר דער קאַזאַרמע האַלט נאָך אָן אַ ווײַלע, ביז ס'נעמט זיך מיט אַלעם אויס. דאָס ליכט פון דער לאַמטער ווערט פאַרלאָשן.

די מאמעס זונדעלע

קאמעדיע אין צוויי אקטן

מיט א פראלאג און עפילאג

איזידאָר גאָלדשטיין
זעליק שטיינהאור —
אין שטענדיקער פריינדשאַפט.

עס שפּילן:

געצל

שאָשע — זײַן װײַב

משה־יאָסל — זײער זון.

עני

— זײערע טעכטער.

מעני

גדליה

מאַרטין — זײַנע זין.

אײבּי

ליזע — זײַן טאָכטער

לענעט

די שװיגער

די הײװן

דער שװערער ייִד

פראלאג

בײ געצלען און שטוב.

ע נ י, מ ע נ י

קליינע קינדער, זיצן ביידע אין מיטן שטוב אויף דער ערד, צוזאַמענגעטוליעט.

ש אָ ש ע

אין די צווייטע שטוב, גייט שווער צום קינד.

ג ע צ ל

לויפט אומרואיק

צוויי מיידן איז געגנוג ; איצט, אַז זי וועט מיר נישט ברענגען קיין יונג...

ד י ש ו ו י ג ע ר

שפּרינג נישט... וואַרף נישט... מאַך נישט קיין געוואַלטן... ס׳אי נאָך גאָר־נישט צו שפּעט... ס׳קאָן נאָך זיין אַ באָי...

ג ע צ ל

וועל איך איר גאָרנישט טון.

ד י ש ו ו י ג ע ר

און אַז אַ מיידל ?

ג ע צ ל

אַרויסשטעלן מיטן בעט.

ד י ש ו ו י ג ע ר

דו וועסט קאָנען שרייען צו גאָט, דאַטסאָל !

ג ע צ ל

שרייען צו גאָט וועט זי, און נישט, — איך.

ד י ש ו ו י ג ע ר

זי שרייט שוין ; אוי שרייט זי ?.. ס׳גייט נישט אַזוי לייכט צו... וואָס מיינסטו : אַ באָי ?... ס׳אַ שטיקל אַרבעט, וואָס מ׳קאָן זיך דערביי אויס־נעמען : ווי אַזוי ס׳זאָל זיין געמאַכט ? ווי ס׳וועט אַרויסקומען..

ג ע צ ל

כ׳זאָג אייך פריער, אַ באָי, — און ס׳וועט איר גאָרנישט העלפן.

פ. בימקאָ,

ד י   ש ו ו י ג ע ר

אפשר ביסטו גאָר שולדיק: וואָס זי האָט מיידן? גיי נאָר קוק דיך אַרום, אויב זי ברויך נישט שרייען איבער דיר, און דיר נאָך געבן אין טאַטן אַריין?

ג ע צ ל

כ׳וויל נישט וויסן.

ד י   ש ו ו י ג ע ר

דו מיינסט: זי אַליין וויל נישט קיין באַי? און נישט דווקא דיר צוליב, ווייל דו סטראַשעסט איר אַרויס צו שטעלן מיטן בעט, נאָר פאַר זיך אַליין: ס׳איז איר שוין מיאוס און נמאס פאַר די מיידן; ווידער אַ מויד און אָבער אַ מויד...

ג ע צ ל

אָלרייט! האָב איך איר געגעבן אַ טשענס; נאָך איין טשענס, — דעם לעצטן...

ד י   ש ו ו י ג ע ר

און טאָמער, אומאויסגערעדט, — ווידער אַ מויד? פון איר אפשר אַראָפּ־עסן די הויט?...

ג ע צ ל

איר גאָרנישט טון; אייך בלויז אָפּגעבן די טאָכטער, אַזוי ווי כ׳האָב איר גענומען.

ד י   ש ו ו י ג ע ר

מיט די קינדער זי גענומען?

ג ע צ ל

שוויגער, איר ווילט אייך מאַכן אַ האַרץ? אייך העלפן ווי דער פאַר־יאָריקער שניי...

ד י   ש ו ו י ג ע ר

פאַרנאַרטער מאַן, וואָס דו ביסט; ברויכסט דיך שעצן גליקלעך, וואָס זי האָט מיידן; ווילסט גלייבן אַן אַלטע יידענע, און הערן וואָס זי רעדט

צו דיר ? אַ מויד אַז דו האָסט, ביסטו שור : אַז דו וועסט איר האָבן ; און, אַז ס׳וועט זי דיר קיינער נישט אויסכאַפּן...

געצל

אַ-אַ-אַ-אַ !

די שוויגער

ווי פריער

און אַ יונג, אַז דו האָסט, — האָסטו אים נישט פאַר דיר, נאָך פאַר יענעם ; אַ יונג, אַז ער ווערט אַלט אַכצן יאָר, — ווערט ער גלייך אויסגעכאַפּט ; אַנטלויפט ער וואו ס׳איז פאַראַן אַ מויד, און איז נישט מער דיין ; צוואָס באַדאַרפסטו ווידער כאָוועץ זין פאַר פרעמדע מיידן, — זאָלן זאָל זיי אַן אַנדערער כאָוועץ פאַר דיינע טעכטער...

געצל

אַזוי קלוג זענט איר ? איר זיי כאָוועץ, די מיידן, און נישט איך...

ס׳הערט זיך דאָס קרעכצן פון שאָשען אין די אַנדערע שטוב.

די שוויגער

ווי פריער

די וואָל איז נאָך אויפן שטעפּ, און ער נעמט זיך שוין אויס : וואָס ס׳זאָל פון איר זיין ?... דערווייל האָט זי נאָך אַ פייג... און ברויכסט הייס צו בעטן : וואָס ס׳זאָל נישט זיין, אַבי אַ לעבעדיק קינד... פּפ צו איר.

דאָס קרעכצן אין די אַנדערע שטוב ווערט העכער.

עני, מעני

הייבן אויף א געוויין

מאַ — אַ — אַ — אַ — — —

געצל

צערודערט

שרייט נישט, ווערים ; די מאַמע גייט קריגן אַ בייבי.

ע נ י

אַ ריעל בייבי?

מ ע נ י

און נישט קיין בייבי דאָל?

ע נ י

פון וואַנעט וועט זי עס קריגן, פּאַ?

ג ע צ ל

דער דאָקטאָר איר דאָס ברענגען.

ע נ י

קאָסטן אַ סך מאָני, פּאַ?

ג ע צ ל

נישט קיין סך.

מ ע נ י

זאָל עס זיין אַ באָיעלע, פּאַ!

ג ע צ ל

דו גלייכסט בעסער אַ באָיעלע?

מ ע נ י

יע, פּאַפּע דיר; אַ באָיעלע וועט מיך נישט לאָזן שלאָגן.

ע נ י

און איך גלייך בעסער אַ באָי, פּאַ.

ג ע צ ל

איך האָב איר שוין אָנגעזאָגט אַ פּסוק מיט אַ שטעקן: ס'זאָל זיין אַ באָי.

דאָס קרעכצן אין די אַנדערע שטוב, — ווערט נאָך העכער.

ג ע צ ל

שטורעם אריין דעם קאָפּ

נו? וואָס הערט זיך? ער איז שוין באַלד דאָ, דער יונג?

די שוויגער

קומט אריין

וואָס נעמט מע נישט אַוועק די פּיצלעך קינדער אין ערגעץ, נאָר מ׳לאָזט זיי דאָ אַזוי זיצן און דאָס צוהערן ?... טוט זיי אָן די פּאַלטנדלעך אָרימע שע-פּעלעך ! דער טאַטע מעג זיך וואַרפן מיט אייך... באָיס גיב אים, זאָגט אים, מיידלעך, — אַז איר וועט זיך נאָך שפּעטער אויסלאַכן פונם... געצל, גיי פיר זיי אַריין צו אַ שכן...

געצל

אָפּ מיט זיי.

די שוויגער

פאַרמאַכט הינטער אים די טיר און רופט אין די אַנדערע שטוב

קומט אַריין, זייט מוחל !

די הייון

קומט אַריין.

די שוויגער

פאַרזאָרגט

איצט : וואָס טוט מע ? ער וועט הערן אַ מויד ?

די הייון

וועט ער זי אַרויסשטעלן מיטן בעט ?

די שוויגער

און, אַז אָן בעט ?

די הייון

כ׳האָב נאָך אַזעלכעס נישט געהאַט.

די שוויגער

צי : סתם כאַפּן ס׳פּעקל הינטערן אָרעם, און אַנטלויפן, — איר גוט זיין ?

די הייון

ווייסט איר גאָר וואָס ? אַז ער איז אַזאַ פויגל, זאָגט אים : ס׳אַ ייִנגל !

ד י ש ו י ג ע ר

הייסט, כ׳וועל אים זאָגן: ס׳אַ יינגל, אַז ס׳אי פּאָרט אַ מיידל?

ד י ה יי ו ן

וואָרן, ער וועט גיין באָבקוקן?

ד י ש ו י ג ע ר

ווי קאָן מע מאַכן פון אַ מיידל, אַ יינגל? אַ ברית... יידישן.. און אַ נאָמען געבן...

ג ע צ ל

קומט אריין, און בלייבט שטיין דערשראָקן

וואָס איז?

ד י ש ו י ג ע ר

וואָס ווילסטו, זאָל זיין?

ד י ה יי ו ן

זאָגט אים: מזל טוב!

ג ע צ ל

דערצ טערט

אַ באָי?

ד י ש ו י ג ע ר

אַז ר׳האָט זיך איינגעשפּאַרט, און וויל דורכאויס אַ באָי, — וואָס זאָל איך מיטן טון?... זאָל זיין אַ באָי!...

פ אָ ר ה אַ נ ג

ערשטער אקט

דרייצן יאָר דערנאָך
ביי געצלען אין שטוב.

ג ע צ ל

אין שטוב, לאָזט אויס פון פריער

אוי, האָט ער געדאַוונט...

ג ד ל י ה

פאַלט אַריין

העלאָ, געצל! וואָס מאַכסטו?

ג ע צ ל

באַטראַכט אים

גדליה? לויטן קול ביסטו גדליה, און אויפן פנים, — נישט.

ג ד ל י ה

גדליה... גדליה... דערקענסט מיך נישט?

ג ע צ ל

לויט דיין פנים פון אַמאָל, — אי דיך נישט צו דערקענען...

ג ד ל י ה

וואָס, דער אַלרייטניק האָט זיך דאַרויף צעלייגט?

ג ע צ ל

פאַרחידושט

זך געקאָנט אַדורכשטופּן צווישן די פּושקאַרטס אויף ריווינגטאָן סטריט, — מ׳זאָל דיר נישט אָנטרעטן אויף די שיינע שיכעלעך דיינע? רופט שאַ־שע, קום נאָר אַריין! וואַרף אַרויס דעם אויוון! אַ גאַסט איז געקומען!

ג ד ל י ה

אַז פון האַלב אַמעריקע לויפט מע זען דיין זיגדל, קאָן איך דאָך נישט זיין פון אייזן, און האָבן אַ האַרץ פון שטיין, — כ׳זאָל פון בעט־ביטש נישט קומען? מ׳ווערט אַפילו היינטיקע צייטן נישט שטאַרק נתפעל פון אַ באָר, נאָר אַזאַ בחור...

ג ע צ ל

אַזוי? האָט מיר פריער באַדאַרפט אַ נס געשען, און האָבן אַזאַ זון, — ס׳זאָל אַ ריר טון דעם רייכן פאַרשטייגערטן אָנקל, ימח שמו וזכרו, פון

זיין הייזקע אין בעט-ביטש? וואָס זאָלן נעבעך טון די קבצנים: וואָס ס׳פּאַלט צו זיי נישט אַריין אַזאַ פייגעלע. קומט אויס: די רייכע אַנ-קעלס זאָלן זיי נישט וועלן אָנקוקן?

ג ד ל י ה

האָסט אַ טענה צו דיין רייכן אָנקל? האָב אַ טענה צו אַמעריקע; אַמע-ריקע איז אַזוי: אַ רייכע פאַמיליע. - ווייל זי נישט קענען די אָרימע; וואָס זאָל איך זיין אויסגענומען פון אַלע אַמעריקאַנער. און יאָ גלייכן די אָרימע משפחה?

ג ע צ ל

איי, שאָשע! אַז זי האָט מיר יאָ געקאָנט צוליב טו... און אַוועקלייגן אַ באַי, און נאָך אַזאַ באַי, - געזונט און שטאַרק זאָל זי זיין...

ג ד ל י ה

איך האָב אויך מיט מיין ווייב געהאַט קינדער, מ׳קאָן נישט זאָגן: פיינע באָיס! כ׳וויל זיי אַליין נישט רומען, - נאָר וואָס כ׳הער פון פרעמדע מענטשן; און אַמעריקע זאָל מיט זיי אַזוי קלינגען ווי ס׳קלינגט מיט דיי-נעם, - דאָס נישט; כ׳ווייס פון אַ סך, וואָס וואָלטן זיך געלאָזט קאָסטן וויפיל, זיי זאָלן באַגליקט ווערן מיט אַזאַ קינד...

ג ע צ ל

אומעטום קאָנען די רייכע אָנשפּאָרן מיט זייער געלט. נאָר אונטערשטופּן דעם רבונו של עולם אויף אַ געראָטן קינד, - דאָס נישט; דעם רבונו של עולם קאָן מע ביי דעם מיט קיין געלט נישט אָפּקויפן; איך האָב בכלל נישט באַדאַרפט יוזן קיין געלט, כ׳זאָל אים האָבן; אַלץ וואָס כ׳האָב באַדאַרפט, איז שכל...

ג ד ל י ה

בלויז מיטן שכל אים געהאַט? מיינסטו צו זאָגן: אַז איך, דער גביר פון בעט-ביטש און באָראָ-פּאַרק, און פון וואו נישט, - האָב נישט דעם זעלביקן שכל וואָס דו, אַ קבצן אויף ריווינגטן סטריט?

ג ע צ ל

זעסט דאָך.

ג ד ל י ה

כ'וויל הערן...

ג ע צ ל

ראשית חכמה, האָב איך אָנגעזאָגט די יידענע מיינע, ווען זי האָט גע-טראָגן, — זי זאָל עסן פון אַלעם גוטן; צו וואָס ס'וועט איר אָנשמעקן, — דאָס גלייך זען אַראָפּצופּלאָון...

ג ד ל י ה

און איר דאָס אַלץ אַזוי געקאָנט נאָכקומען?

ג ע צ ל

כ'וואָלט מאַקע נישט געקאָנט, ווען ס'זאָל איר פּסדר אָנהשקן אַריינצו-גיין אין די וואָלוואָירטס, נאָשן; אָבער צו די פּושקאַרטס אויף ריווינגטן סטריט, וואו מ'קריגט צוויי אירים פאַר אַ פּעני, און מ'גיט נאָך צו אַ שטיקל געקענטע שאָלעכטס פון אַ באַנאַנע, — צו דעם קאָן יעדער איינער קבצן צוקומען...

ג ד ל י ה

און וואָס אַזעלכעס האָט זי געגעסן?

ג ע צ ל

אָראַנזשעס!

ג ד ל י ה

פליין: אָראַנדזשעס!

ג ע צ ל

פייגן, טייטלען, מאַנדלען, אינדיע-נאַטס...

ג ד ל י ה

אינדיע-נאַטס!

ג ע צ ל

וואָרן, כ'ווייס דען אַלץ אויסצורעכנען אויפן קאָפּ?

ג ד ל י ה

און מיין ווייב, צי אַן אַנדערן גבירס ווייב, האָסטו אַ קלער, — זאָל דאָס אַלץ האָבן אויסגעפּעלט? און נישט עפּעס בעסערס זיך געקאָנט האָבן דערלויבט אַראָפּצושלינגען?...

ג ע צ ל

מילא, ס'איבעריקע איז אַ גאָט־זאַך.

ש אָ ש ע

קומט אַריין

מיין מאַן האָט שוין ווען אָנגעקריגן, און מוז אָפּרעדן די ניין מאָס רייד זיינע; וואָס שטייסטו און ליימערסט? משה־יאָסל קומט באַלד אַהיים, — וואָס שטייסטו און ליימערסט? נאָך אַלץ נישט אַרויסגעפּאַקט די ניין מאָס רייד דיינע?

ג ע צ ל

אַז כ'האָב געקריגן אַזאַ גאַסט... גדליה!... דעם אָנקל קלינגער וואָס האָט די קלינגערס...

ש אָ ש ע

וואָס פאַר אַן אָנקל קלינגער? זינט ווען ווידער אָנגעקריגן אַן אָנקל קלינגער, מיט קלינגערס?

ג ע צ ל

דו ווייסט גאָרנישט? דרייצן יאָר נישט אָנגעשטאַנען אַראָפּצוקומען אויף ריווינגטן סטריט, אַ קוק אַריינטון צו געצלען, אַ ווייטיק אין זיין לייב, ביז אונדזער משה־יאָסל זאָל לעבן... האָט זיך גענומען לאָזן הערן...

ש אָ ש ע

און פרעמדע אָלרייטניקעס נייגיריק געווען צו קומען כאַפּן אַ בליק, — איז אַ חידוש: אַן אייגענער האָט געקאָנט איינזיצן אין הויז, און נישט געזאָלט קומען?...

ג ע צ ל

און נאָך וואָס פאַר אַן אָלרייטניק! ווי גרויס ער איז, אַזוי גרויס ריעל־עסטייט; ער ווייסט גאָר אַליין נישט, וויפיל הייזער ער האָט; ס'זענען

שוין באַלד נישט געבליבן קיין ליידיקע לאַטס דורך אים אין ברוקלין, — אַלע פאַרבילדט; ער טראָגט זיי דאָך אַרום אין די אַרבל, — די הייזער; מ׳זאָל אים געבן אַ שאָקל, — וועט אַרויספאַלן אַ הויז; אַ שאָקל, — אַ לאַט...

ש אָ ש ע

אַ גליק האָט מיך געטראָפן מיטן... וואו איז ער געווען ביז אַצינד, דער רייכער אָנקל דייגער, ווען אונזער זון, משה־יאָסל, האָט זיך נאָך נישט געלאָזט הערן, און מ׳איז געשטאָרבן דריי מאָל אין טאָג פאַר הונגער? אַצינד קומט ער. ווען פרעמדע אַלרייטניקעס רייסן אָפּ די טירן, — מוחל אים; זאָל ער צוריקגיין אין זיין רו אַריין...

ג ד ל י ה

כ׳בין נאָך נישט געשטאָרבן.

ג ע צ ל

ער שלאָ׳ט זיך על־חטא גרייט דערפאַר צוועקצולייגן, אַזוי, געזונט, — מ׳זאָל אים מוחל זיין...

ש אָ ש ע

אים געבן אַ פּראַפּערטי, — זיין אַ גוטער אָנקל; אויב נישט, — איז ער אַן אַמעריקאַנער אָנקל, און מעג גיין אין גאַטס דרערד אַריין; און אַזוי ווי כ׳האָב אים ביז איצט נישט געקענט, — אים ווייטער נישט קענען...

ג ע צ ל

ער וועט געבן... ער וועט געבן...

ש אָ ש ע

לעבן זאָל ער אַזוי, דער רייכער קורח...

ג ע צ ל

אַז די גאַנצע וועלט אַלרייטניקעס ווילן אים געבן, — וועט אַן אייגענער אַלרייטניק, וואָס איז נאָך אַן אָנקל דערצו, נישט געבן?

שאָשע

מיט אַן אייגענעם איז גוט צו גיין אין שול אַריין.

געצל

וואָרז, אַז מ'האָט דערלעבט פון גאָט: ס'זאָל זיין אַזאַ קינד אין דער משפּחה, – קער ער זיך דאָך אים אויכעט עפּעס אָן...

גדליה

איך שאָקל מיך נישט אָפּ פונם; אדרבא, זיך געקומען מתקרב זיין... ווערן נאָנט... און...

שאָשע

דער גולם נאַר קוקט אים נאָך אַזוי אין מויל אַריין... גיט אים אַ וואָרף וואָס שטייסטו? גיי אַריין עפּעס טון... משה-יאָסל קומט באַלד אַריין... גרייט אים אָן אַן אָליפּיק.. שטופּט אים אַרויס.

גדליה

אַליין, דערזעט אַ טעלעפאָן

אַ טעלעפאָן אויף ריווינגטאָן-סטריט? רופט ווער רעדט? ליזע? אָלרייט! איז מאַרטין האָום? יע? סענד הים אָווער טו טהי ווייער... צו וואָס?... כ'וויל רעדן מיט אים... העלאָ, מאַרטין? יע! איז אייבי אין הויז? יע? אָלרייט! ליסן: נעם דיין ברודער מיט די פּאַרנאַרטע שוועסטער דיינע, און קום אַרונטער אויף ריווינגטאָן סטריט... צו וואָס? סאָ-רייט! דיר נישט איינרייכטן דעם כבוד... אַז איר וועט דאָ זיין, איך איינאיינוועגס שוין ווייזן דעם קאָרנער, וואו כ'האָב, נישט היינט געדאַכט, געפּעדלט מיט הענקיטשעס... גיט אַ שפּרונג געהערט דעם שאָט, וואָס ער האָט דער-לאַנגט מיטן רעסיוועד?...

משה-יאָסל

קומט אריין, בלייבט שטיין

טאַ-טע! געצל קומט ווער איז דער ייד?

געצל

משפּחה.

מ ש ה - י אָ ס ל

כ'קען נאָך אַל, נישט די משפּחה דיינע ?

ג ע צ ל

בין איך אין דעם שולדיק ?

מ ש ה - י אָ ס ל

עפּעס ווע-סטו יעדן טאָג רייכער מיט אַ פרישער משפּחה, וואָס איך ווייס גאָרנישט פון איר...

ג ע צ ל

וואָס פאַרשטייסטו נישט ? אַז כ'בין געווען אַ קבצן, — האָט מע זיך געשעמט מיט מיר ; און אַצינד : צו אַמעריקע האָט גענומען קלינגען מיט דיר, — הייבן זיי אָן אַרויסצוקריכן פון די לעכער...

מ ש ה - י אָ ס ל

אויב אַזוי, גוד ביי.

ג ע צ ל

קום נאָר אַהער ! אַן אָנקל פון בעט-ביטש ; בעט-ביטש איז געקומען צו גאַסט אויף ריווינגטן סטריט...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַז כ'האָב גאָרנישט וואָס צו רעדן מיט אים.

ג ד ל י ה

עפּעס אַנטלויפט ער, ווי מ'וואָלט אים געוואָלט אָנבריען...

ג ע צ ל

קום נאָר אַהער ! בעט-ביטש וויל זען : וואָס ריווינגטן סטריט קאָן אַרויסגעבן...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַ צו גרויסער כבוד פאַר בעט-ביטש !

ג ע צ ל

קום נאָר אַהער ! דער אָנקל קלינגער מיט די קלינגערס !

מ ש ה - י אָ ס ל

וועד ברויך האָבן זיין געלט? אַז איך וועל דאַרפֿן, — נישט האָבן בײַ קיינעם צו נעמען ווי בײַ אים?

ג ע צ ל

צוויי הייזער אין פֿלעטבוש; דריי הייזער אין בענסהורסט; ניין הייזער אין באָראָ-פּאַרק; דרייצן הייזער אין בעט-ביטש! דער גרעסטער בילדער אין ברוקלין...

ג ד ל י ה

און דאָס איז נאָך נישט אַלץ?

מ ש ה - י אָ ס ל

קיין עין הרע... אויב יאָ אַן אָנקל מיט אַזוי פֿיל הייזער, טאָמער קאָנסט וויסן: וואו ער איז געווען ביז איצט?

ג ע צ ל

וואו האָט ער געזאָלט זיין? אין די הייזער!

מ ש ה - י אָ ס ל

און זיך קיין איינציק מאָל, זינט איך געדענק, — נישט געקאָנט אַראָפּכאַפּן אויף ריווינגטן סטריט?

ג ד ל י ה

קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין

חטאתי, עויתי, פשעתי...

ג ע צ ל

וויל זיך אויסקריכן...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַז, ער פֿאַרמאָגט גאָרנישט אַזוי פֿיל, טאַטע, — ר׳זאָל דאָס קאָנען... גצמט אוועקגיין.

ג ע צ ל

קום נאָר אַהער!

גדליה

וואו לויפט ער?

משה-יאָסל

קערט זיך אום

ווי לאַנג שוין, אַז ער איז דיין אָנקל, טאַטע?

גדליה

כ׳בין גאָרגישט אַזוי קלוג.

געצל

אַז דו ביסט נאָך געווען אויפן בוידעם, און אַראָפּגעקריכט פונם דאַך.

משה-יאָסל

איז ער שוין געווען אַזאַ דבר-אחר, אַ חזיר, דער רייכער אָנקל דיינער, דער ברוקלינער בילדער

געצל

ווי פאַלסטו אויס? נאָך דעמאָלט נישט געהאַט זיך מיט וואָס איבערצוּבעמען... אַ ייד, — אַ דלותניק, צוזאַמען געפּעדלט, אַ קאָרנער ביי אַ קאָרנער, נאָר, ס׳אי דאָך אַמעריקע! אים האָט עס אָפּגעגליקט; מיטאַמאָל געגומען גיין ביי ריעל-עסטייט, און געוואָרן דער גרעסטער בילדער אין ברוקלין... דרייצן הייזער דאָ... זיבעצן דאָרט... וואו מ׳פאַרדרייט זיך: הייזער, בילדינגס מיט פּראָפּערטיס... אַז ס׳שווינדלט נאָר פאַר די אויגן... נו, ווייסטו דאָך: אַז מ׳ווערט רייך, איז אויס משפחה! אויס אָנקל! אויס ברודער! אויס טאַטע-מאַמע...

משה-יאָסל

אפשר קאָנסטו מיר זאָגן: וואָס ער איז פּלוצלינג אין מיטן דרינען, געוואָרן אַזאַ צדיק, דער רייכער אָנקל דיינער, — און זיך גענומען קלאַפּן אין הארץ אַריין: על-חטא?

גדליה

די מאַמע האָט זיך שוין ס׳אייגענע פריער געפרעגט.

מ ש ה - י אָ ס ל

און וואָס האָט ער איר געזאָגט?

ג ע צ ל

דו ווייסט נישט? אַז משה־יאָסל פֿון ריווינגטן סטריט, האָט זיך גענומען לאָזן הערן איבער האַלב אַמעריקע, און פֿרעמדע, רייכערע פֿאַר אים, — נעמען כּאַר דיר איין די כּפּרה, נו? זאָל ער איר, אַן אייגענער, זי פֿאַר דיר נישט איינגעמען?

מ ש ה - י אָ ס ל

אויב אַזוי, גוד ביי. אָפּ.

ג ע צ ל

אַ האַרטע נוס, גדליה; איר שווער זיין צו צעקנאַקן.

ג ד ל י ה

בייז

דו אַליין האָסט אים איבערגעפֿירט; אָנגערעדט כּל־בו, — וואָס ס'איז נישטאָ אין די קאָרט, און גיי טו אים עפּעס...

מ ש ה - י אָ ס ל

קערט זיך אום

אַזוי... דרייצן יאָר ווי מ'האָט זיך געפּרעגלט אויף ריווינגטן סטריט אין אָרימקייט, און בעט־ביטש איז קיין איינמאָל נישט איינגעפֿאַלן זיך צו קומען נאָכפֿרעגן: וואָס ס'הערט זיך דאָ? צי מען זשיפּעט נאָך?... מע ציט דעם אָטעם?.. און אַריינוואַרפֿן אַן איבעריקן טאָלער... מ'איז אויסגעבאַנגען... געשוואָלן געוואָרן פֿון הונגער... נישט געווען מיט וואָס אַרויסצונעמען קיין פּרעסקריפּשן... דער דראָגיסט האָט זיך געהייסן פֿריער באַצאָלן, — ווייל מ'האָט אים די פֿריערדיקע געלאָזן איבערן קאַרק... דרייצן יאָר, אַ וועלט אַ גאַנצע... און די טיר האָט זיך דורך קיינעם מער נישט אויפֿגעמאַכט, ווי בלויז פֿון עטלעכע גוטהאַרציקע שכנים... און דער רייכער אָנקל, דער קאַרגער הינט, איז געזעסן אין בעט־ביטש, געווען פֿאַרקאָכט אין די לאָטס, בילדינגס און פּראָפּערטיס... פּונקט ווי מ'וואָלט דאָ אינגאַנצן נישט געלעבט... און ריווינגטן סטריט, — אויסגעמעקט געוואָרן... קיין סטריט נישט געווען... נאָר בלויז בעט־ביטש, באָ־

ראָ-פּאַרק, בענסענהורסט, מיט אַלע אָנגעפּרעסענע אָלרייטניקעס, וואָס שעמען זיך מיט די אָרימע משפּחות אין דאון-טאַון... גוד ביי!... אַפּ.

ג ד ל י ה

קראַצט זיך אין קאָפּ

מיר גוט אַריינגעלייגט.

ג ע צ ל

וואָס מיינסטו, איז ער אומגערעכט?

ג ד ל י ה

ווער מיינט דען?

ג ע צ ל

און ס'מעג נישט אַ רוח אין דיין טאַטנס זאַטן, אָנגעפּרעסענעם בויך אַריין...

ג ד ל י ה

אָלרייט! ס'אי דאָך שוין פאַרפאַלן... כ'וועל טרייען גוט צו מאַכן?

ג ע צ ל

וואָס מיינסטו, קאָן ביי אים, דעם בחור מיינעם, הייסן: גוט מאַכן?

ג ד ל י ה

אַ הייזקע, איז גוט?

ג ע צ ל

אַ הייזקע? ער קאָן אפילו אויסשאָקלען אַ הייזקע פונם אַרבל זיינעם... באָר... קוקט זיך איין אים אין פּנים גדליה, דו געפעלסט מיר נישט...

ג ד ל י ה

דיר אויכעט נישט?

ג ע צ ל

אַזאַ דבר אחר, כלב שבכלבים ווי דו ביסט, און פלוצלינג: מיר-נישט,

דיר נישט, — אים אָוועקגעבן אַ הייזקע? גלאַט אַזוי? אויף זיין שיין פּנים, קוקנדיק?...

גדליה

פֿאַרן כּבוד, וואָס די משפּחה כאַפּט אַריין דורך אים...

געצל

גדליה, מיך וועסטו נישט נאַרן; זאָג מיר, ממזר, — וואו דער שיך קוועטשט דיך...

גדליה

ווייסט דאָך: כ׳האָב אַ מיידל, — וואָס פֿרעגסטו אַזוי פֿיל?...

געצל

אַזוי קאַכט מע די לאָקשן? בעט-ביטש מיט ריווינגטאָן סטריט? האָב איך מורא: מיט איין הייזקע נישט קאָנען צוטרעטן צו אים...

גדליה

איז צוויי, וואָס קאָן דאָ זיין?

געצל

ווייניק.

גדליה

איז דריי, נו?

געצל

אויב אַזוי, וועל איך טרייען זיין אַ שדכן ביי אים; דו געפעלסט מיר אוודאי, כ׳מיין: די הייזער דיינע, פֿאַר אַ מחותן, נאָר, — איך ברויך דאָך נישט חתונה צו האָבן מיט זיי; און ער, — כ׳ווייס? אָפּ מיט אים.

ענני, מעני

קומען ביידע אַריין, צעשטרייט.

ענני

געוואַלט. אפשר וואָלט מיר עמעץ געקאָנט זאָגן: צוואָס מיין מאַמע האָט מיך געהאַט?

מ ע נ י

דו ווייסט נישט? די באָיס זאָלן פון דיר קאָנען מאַכן ס׳געגנער; האָבן פאָן..

ע נ י

אויב בלויז נאָר אויף דעם, אז די באָיס זאָלן מיר פאַרצאַפּן מיין בלוט, — האָב איך פריער באַדאַרפט שטאַרבן, איידער כ׳בין נאָך געבוירן געוואָרן...

מ ע נ י

איך פאַרשעלט שוין לאַנג די שעה, וואָס כ׳בין אין איר אויף די וועלט געקומען...

ע נ י

אַזוי נישט צו האָבן קיין מזל צו באָיס?

מ ע נ י

איך זאָג: אַז די מיידלעך דאַרפן צווישן זיך אָפּמאַכן, — גאָרנישט צו וועלן געבוירן ווערן קיין מיידלעך...

ע נ י

ס׳שטייט, יאָ: אַ סך איין ביי זיי אין די הענט...

מ ע נ י

זינדיקע מיידלעך! וואָס די באָיס האָבן אַ חוצפה פון זיי אַלץ צו וועלן?

ע נ י

מיין באָי וויל נישט מער און נישט ווייניקער: ווי בלאָנדע האָר און שוואַרצע אויגן...

מ ע נ י

און מיט מיינעם איז פונקט פאַרקערט; ער וויל שוואַרצע האָר מיט בלאָנדע אויגן...

ע נ י

כ׳וועל מיר דאָס באַלד לאָזן מאַכן, צו אָרדער!

מ ע נ י

אַז כ׳בין שוין אויסגעווען אין אַלע ביודי־פּאַרלאָרס פון טשערי סטריט, גאָרעק סטריט, קענאָן סטריט, און זיי קאָנען פאָרט פון שוואַרצע צויגן קיין בלאָע נישט מאַכן...

ע נ י

אָרימע מיידלעך ? ווי טיף געפאַלן מיר מוזן געבעך זיין, צוליב אַ שטי־קעלע באַי ! וואָס מ׳קלערט אַלץ היינט אויס, סאַר מאַשינען ; מע מאַכט אייז־קרים אָן קרים, אייז אָן וואַסער, מ׳בריט אויס לעבעדיקע הינדעלעך, אָן די הינער...

מ ע נ י

און וואָס נאָך אַלץ ?

ע נ י

און ס׳זאָל דאָס אַרויסקומען אַזאַ מאַשין, — מ׳זאָל זיך קאָנען באַגיין אָן די באָיס ? חתונה האָבן אָן זיי ?...

מ ע נ י

מיר וועלן זיך שוין אויף דעם נישט דערוואַרטן.

ע נ י

זיי וואָלטן דאָך דאָן געלעגן ביי אונז צו די פיס, און געחלשט... זיך געבעטן...

מ ע נ י

און זיי מיט די פיס געטרעטן...

ע נ י

אַז, ער ווייסט ? אָך גאָרנישט אויף וואָס ער גייט, — דער באָי מיינער ?

מ ע נ י

פאַרוואָס זאָל ער יאָ וויסן ? אַז ס׳זענען פאַראַן זיבן־און צוואַנציק מיידן אויף איין שטיקל באָי ?

עני

נײַנציק פונט, ווײַל ער, — זאָל איך וועגן, נישט מער...

מעני

נײַנציק פונט, יאָ? ביסטו דאָך שוין באַלד אָלרײַט! מיט מײַנעם בין איך דאָך גאָר אויף צרות; ער וואָלט געוואָלט: כ'זאָל גאָרנישט וועגן!...

עני

און וויאַזוי קאָן איך אים נאָכקומען וואָס ער וויל, אַז איין פוס מײַנער וועגט באַלד מער ווי נײַנציק פונט, — וועט ער זיך דען באַניגן לאָזן מיט איין פוס?

מעני

כ'בין מער ווי שור, אַז נישט...

עני

אַחוץ די פיס, דאָך פאַרגעוויס נאָך עפּעס וועלן... נו... באַרעכן: בײדע פיס. און דאָס... און עפּעס אַנדערש... אַרום און אַרום... וויפיל דאָס וועגט?... געוואַלט! דער בלויזער שכל בײַ מיר, וועגט דאָך מער באַלד ווי דאָס...

מעני

נאַרישע מויד! ער וויל דאָך דאָס עקסטרע, — ר'זאָל קאָנען דײַנע שוואַרצע פּטור ווערן...

עני

איך ווייס: אַז ס'אי נאָר אַ תירוץ.. אַן אויסרייד... ווי קאָן זײַן בעסער: אַז זיבן און נײַנציק אַנדערע מײדלעך שמײכלען און ווײַזן אים חנדלעך: פיטסטריטער מײדלעך קומען ספּעציעל אַהער; די מײדלעך פון ווילעט סטריט, שעריף סטריט, — היטן אים כסדר אָפּ... געוואַלט! אַזוי פיל מײדלעך אויף איין באַי, — ס'איז זיך נאָר ס'לעבן צו נעמען...

מעני

כ'וואָלט אויך געקאָנט לעבן און האָבן אַ שטיקל באַי, — אַז די אַנדערע מײדלעך זאָלן אים נישט קריכן פאַר די אויגן...

ע נ י

ווייסטו וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, שוועסטער? ס׳בלייבט אונז ביידע נישט עפּעס אַנדערש איבער, — ווי צו נעמען די געזעצליכע, און זאָגן: גוד ביי צו די וועלט! אַפּנים: אַז ס׳וועלן זיין מיט צוויי מיידלעך ווייניקער אויף ריווינגטן סטריט, — אַ דריטע גיכער קאָנען געהאָלפן ווערן מיט אַ באָי...

פאַרמאַכן די פענסטער, דרייען אויס די עלעקטריק, דרייען אויף די גאַז־רערן, און לייגן זיך אַוועק איינע ביי די אַנדערע אויף דער ערד.

עס קומען אַריין: געצל, גדליה, שאָשע, משה־יאָסל.

אַ ל ע

מיט איינמאָל

געז! מ׳שפּירט געז! אַ פולע שטוב מיט געז!

די פענסטער ווערן אויפגעמאַכט, צוריק ליכטיק.

ש אָ ש ע

דערשראָקן

זיך גאָר געוואָלט אומברענגען? וואָס איז דאָס?...

ג ד ל י ה

דערשראָקן

געצל! דיינע מיידן האָבן זיך געוואָלט ב׳טויט מאַכן? אפשר קאָנסטו מיר זאָגן, ווײַ?

ג ע צ ל

קאַלט

גיי פרעג ביי מיין ווייב, זי וועט דיר שוין זאָגן: ווײַ?

ש אָ ש ע

פאַרארבעט ביים אַרויסטרייבן דעם גאַז

מיינע שונאים זאָלן אַזוי וויסן וואו זיי וועלן אַהינקומען, צי איך ווייס צו זאָגן: ווײַ?

מ ש ה - י אָ ס ל

איך בין אַפילו צו יונג... נאָר אַזוי ווי ס׳רירט מיך נישט ווייניק אָן, פאָרט נישט מער ווי צוויי שוועסטערן, — קאָן איך נישט בלייבן גלייכ־גילטיק, און מוז זיך אויך ס׳אייגענע פרעגן: ווײַ?

ג ע צ ל

צו די מיידן, בייז

ווי? ווי?

מ ש ה - י אָ ס ל

צוויי שטיקלעך מיידלעך, נאָך אינגאַנצן נישט קיין צוואַנציק יאָר אַלט, — האָט זיי שוין באַצייטנס געזאָלט נמאס ווערן ס׳לעבן?

ג ד ל י ה

שאָשע, איר ווייסט מיר אויכעט נישט צו זאָגן: ווי?

ג ע צ ל

ווי פריער

ווי? ווי?

מ ש ה - י אָ ס ל

נישט: זיי האָבן געקרענקט צו זיין מאווי-אַקטריסעס; נישט, זיי גייען אויס מיט עקטערס אויף בראָדוויי; נישט, זיי שפּילן אין קאָרטן און געמבלען אין די נייט-קלאָובס; נישט, זיי האָבן נאָך אָנגעגעבן אין די קאָורטס אויף דיוואָרסעס, און זיך געקלאָגט פאַר בריטש אָף פּראַמיס...

ג ד ל י ה

איז דאָך טאַקע אַ האַרבע שאלה: ווי?

ג ע צ ל

ווי? ווי?

מ ש ה - י אָ ס ל

צוויי פּיצלעך מיידלעך אויף ריווינגטן סטריט, וואָס ווייסן אוודאי נישט ווייטער צו גיין ווי ביז דילענסי, — און ס׳האָט זיי שוין געזאָלט טרייבן דערצו, מוז דאָך עפּעס זיין דערביי?

ש אָ ש ע

מ׳וועט שוין היינט אַמאָל די זכיה האָבן צו הערן: ווי?

א ל ע

מיט איין קול

ווי — — יי — —יי ?...

גוואַלט, וויי ?
ווי קומט עס, וויי ?
מיידלעך צוויי,
נישט אַזוי איי-איי,
און ווען מאַכן שמיי-דריי,
לאָ׳מע שוין הערן: וויי — — יי ?

ע נ י , מ ע נ י

מיטאַמאָל

ווייל, מיר האָבן נישט קיין מזל צו קיין באָיס !

מ ש ה - י אָ ס ל

טפו זאָלן זיי ווערן..

ש אָ ש ע

אַזוי גאָר ? ווער הייסט אייך שוין אַזוי פרי אַרומלויפן מיט יונגען, האָב איך אַכט און אַכציק... ווען איך בין געווען אין אייערע יאָרן, און אַ שפּאָר ביסל שענער פאַר אייך, — איז מיר נאָך אַפילו דער טאַטע אייערער אין קאָפּ נישט געלעגן, מאַנקיס וואָס איר זענט...

ג ע צ ל

לאַכט

גדליה, דו מיינסט, כ׳האָב נישט באַלד געוואוסט: ס׳וועט אַזוי זיין ? אַזוי כ׳האָב געזען: מיין ווייב גייט איינמאָל אַוועק אין האָספּיטל, און ברענגט מיר אַהיים אַ מויד; גייט צום צווייטן מאָל אַוועק, און ברענגט מיר ווידער אַהיים אַ מויד; אַזוי האָב איך מיך, אַז ס׳אי געקומען צום דריטן מאָל, — אַוועקגעשטעלט מיט אַ בעזעם ביי די טיר: דאָ, מיסעס לעבן, — לייגט אייך אַוועק, און דעליווערט די גודס ! נאָ מאָר האָספּיטאַלס ! ס׳אי נישט מיגלעך: כ׳זאָל זיך נישט מער אויסטויגן ווי צו מיידן ! און געמאַכט די קונץ אין שטוב, — און דווקא מיט אַ באָי... נו, האָב איך מיך געוואוסט אויף וואָס איינצושפּאָרן ?...

ש אָ ש ע

זאָלסט אַזוי מ׳ט די נאָז זיין, יאָ...

ע נ י, מ ע נ י

פאַרוואָס האָט זיך דער טאַטע ביי אונז נישט געזעגן, איינגעשפּאַרן?

ג ע צ ל

איך רייס טאַקע געוואַלד פון מיר שטיקער, וואָס כ׳האָב פריער, ווען ס׳האָט געהאַלטן ביי אייך. — דאָס נישט געטון? אַזוי, וואָלט אַן אַנדערער גע־האָט דעם קלאַפּאָט זיי צו וואַטשן, זיי זאָלן זיך קיין מיתה נישט אָנטון...

ש אָ ש ע

זיך טאַקע באַנאַרישט, געצל; נאָך איין טופּע מיטן פיס ווען די גיסט, — וואָלטן זיי אויך געווען באָיס; פונקט ווי משה־יאָסל איז, אַזאַ באָי...

מ ש ה - י אָ ס ל

וואָס וואָלט געווען, זיי זאָלן זיין באָיס?

ע נ י, מ ע י

ווען מיר זאָלן זיין באָיס, — זיך שוין איינמאָל נוקם געווען אין די מיידלעך...

מ ש ה - י אָ ס ל

פאַרוואָס זענען זיך די באָיס אין אייך נישט נוקם?

ע נ י, מ ע נ י

זיי טוען אונז ווייניק צום טויט?

מ ש ה - י אָ ס ל

וואָס טוען זיי אייך צום טויט? בין איך אַ באָי, מ׳שטיינסגעזאָגט, און זאָגט מיר: וואָס כ׳זאָל טון...

מ ע נ י

אויב דו ביסט אַ באָי, און ווייסט נישט וואָס צו טון, — ביסטו גאָר קיין באָי נישט. .

משה־יאָסל

זי האָט נאָך קיינמאָל נישט אַזוי וואָר געזאָגט, ווי אַצינד...

עני

אַז אַ באַי האָט נישט קיין שכל אַליין צו פֿאַרשטיין, ווען ער איז מיט אַ מיידל: ווי איר אַנטקעגן צו קומען, — טויג ער אויפֿן פֿייער.

משה־יאָסל

טאַטע, גיי אַרויס און זאָג די באָיס אויפֿן סטריט: זיי זאָלן אָנלייגן אַ פֿייער; ווייל אַצינד ווייס איך באַשטימט, אַז ס'קומט צו אַ מיידל, — טויג איך אויפֿן פֿייער...

מעני

אַז איך זאָל זיין אַ באָי, וואָלט אַ מיידל ביי מיר נישט געטאָרט וועגן קיין איין אונס מער ווי ניינציק פונט.

עני

ווען איך זאָל זיין אַ באָי, וואָלט מיין מיידל נישט געטאָרט מער האָבן ווי זעכצן אונטשעס אַרום די טאַליע, און טראָגן קיין גרעסערע סייז שיך ווי דריי מיט אַ האַלב.

מעני

און מיין מיידלס אויגן געמוזט זיין בלאָ ווי דער הימל ביי טאָג, און די האָר שוואַרץ ווי די נאַכט.

משה־יאָסל

אויב אַזוי, שוועסטערלעך, גייט און נעמט אייך ס'לעבן; אויב איר האָט אַ חוצפה דאָס צו וועלן, ווען איר חלומט בלויז צו זיין באָיס; פֿאַרוואָס זאָלן די באָיס, וואָס חלומען עס נישט צו זיין, נאָר די מאַמעס האָבן זיי באַלד געהאַט: ריכטיקע מענספערשוינען, — נישט וועלן ס'אייגענע ביי אייך? און אויב איר האָט עס נישט, זאָגט גוד ביי און נעמט אייך ס'לעבן...

עני, מעני

הייבן אויף אַ געוויין.

שאָשע

צעשרייט זיך

באַיס אויף מיין קאָפּ!

געצל

האַלט זיך ביי די זייטן פון לאַכן.

מ'הערט אינדרויסן דאָס בלאָזן פון אַן אויטאָמאָביל.

גדליה

די חברה מיינע קומט אָן! כ'דערקען אין זייער בלאָזן מיטן האָרן, ס'איז פון מיין דאַטש; אַ דאַ-אַ-אַ-טש בלאָזט אַזוי...

ס'קומען אַריין: מאַרטין, אייבי און ליזע.

שאשע

אָן אַ זייט

שיין זיין צוצוקוקן: ווי די משפחה וועט זיך באַקענען...

גדליה

רופט אויס

יעמוד, אייבי, דער עלטערער בחור, וואָס האָט געהאָלפן אַרויפאַרבעטן דעם טאַטן...

געצל

אם הבתולה, יפת-תואר, מיס ענ'י.

אייבי, ענ

באַגריסן זיך.

משה-יאָסל

מיר אַזאַ יאָר, סאַר שיין פּאָר.

גדליה

ווי פריִער

יעמד, מאַרטין, דעם טאַטנס יינגערער בחור...

ג ע צ ל

רייסט איבער

אם הבתולה, יפה ומהודרה, מיס מעני.

מ אַ ר ט י ן , מ ע נ י

באַגריסן זיך.

מ ש ה - י אָ ס ל

נאַראָנים, מיידן, — גיין זיך ס׳לעבן נעמען צוליב אַ שטיקל באָי פון פיט, ריט און אטוירני סטריט, ווען ס׳זענען דאָ אַזעלכע שיינע, רייכע. און ליכטיקע באָיס אין די משפחה...

ג ד ל י ה

שטעלט אַרויס ליזען

איצט ברידערל, איז דיין נעקסט ; כ׳וועל זען : מיט וואָס דו האָסט דיך צו באַווייזן... רוף אויף דעם באָי דיינעם. .

ג ע צ ל

יעמוד...

מ ש ה - י אָ ס ל

אוי, אַ בראָך איז מיר !

ג ע צ ל

הייבט-אָן נאָכאַמאָל

יעמוד הבחור, החתן, היונגאַטש...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַ בראָך איז מיר !

ג ע צ ל

נאָכאַמאָל

יעמוד, משה-יאָסל...

מ ש ה - י אָ ס ל

רייסט ווידער איבער

אַ בראָך איז מיר...

ג ע צ ל

צעקאָכט

דו ווערסט אפשר היינט אַמאָל אויפהערן צו ברעכעווען? יעמוד...

מ ש ה - י אָ ס ל

איצט איז שוין געקומען מיין סוף; און כ׳מעג מיר לאָזן אויסנעמען אַ גרוב, — אַריינלייגן אין אים לעבעדיקערהייט...

ג ע צ ל

האַלט אים פעסט

יעמוד, דעם טאַטנס בנאַק, וויס שמט איבער אַמעריקע, און די גאַנצע איסט-סאַיד ווייבער בענטשן זיך אין אים...

מ ש ה - י אָ ס ל

מאַמע, בחנם געווען דיין אַרבעט..

ל י ז ע

קושט אים

אוי, ווי שיין ער איז...

מ ש ה - י אָ ס ל

ס׳זאָל דאָס אויף אַלע שונאים בייגער אַרויפקומען, וואָס זי קאָן דער־לעבן ביי מיר... ענדערט קריכט שוין באַצייטנס... פע, די חצופה! אויס־געלאָסענע מויד וואָס דו ביסט! ביי דיינע ברידער האָט אויכעט גע־זען, — זיי זאָלן זיך גלייך אַרויפפאַלן קושן?...

ל י ז ע

נאַריש

דיינע שוועסטער; זענען נישט אַזוי שיין, ס׳זאָל באַלד אָננעמען אַ חשק זיי צו קושן...

ע נ י, מ ע נ י

אַ בראָך איז דאָס...

ל י ז ע

ווען איך בין אַ באָי, — און מ׳שטעלט מיר צו איינע פון די צוויי מיאוסע מיידן, איז, — גוד־ביי!...

ע נ י, מ ע נ י

אַ בראָך איז דאָס!

מ ש ה - י אָ ס ל

איר וועט אַמאָל אויפהערן צו ברעכעווען?

ע נ י, מ ע נ י

ס׳אַר אָנשיקעניש ווידער מיט איר?

ג ד ל י ה

דרייט איר אָפּ ס׳אויער

שוין געגומען אַרויסווייזן דעם חכם דיינעם?

ש אָ ש ע

באַווייזט זיך

די רייכע משפחה וועט מיר מוחל זיין: כ׳וועל אַריינבעטן די וואַזשנע געסט אין פּאַרלאָר, ס׳איז נישט בעט-ביטש! אויף ריווינגטן סטריט איז נישט פּענסי... דריי רומקעלעך מיט אַ קיטשן צו די בעק, — קאָן מע זיי הייַנט קריגן, אונטער זיבעצן דאָלאַר, — נישט קריגן; נאָר אַזוי ווי איך וואוין נאָך פון פריער, — געבליבן זיצן פאַר די פריערדיקע ניין טאָלער אַ חודש וואָס כ׳האָב געצאָלט. אַז דעם לענדלאָרד זאָל די גאַל פּלאַצן, די לעבער געשוואָלן ווערן...

א ״ ב י, מ אַ ר ט י ן

ס׳אָ-רייט! נישט געקומען זוכן פענסי אויף ריווינגטן סטריט.ביידע אָפּ מיט ענני, מעני, ליזע מיט משה-יאָסל, שאָשען.

ג ד ל י ה

רופט איר צוריק

משה-יאָסל, כ׳וויל נאָך עפּעס רעדן מיט דיר.

מ ש ה - י אָ ס ל

קערט זיך אום

אַפילו אַ גאַנצן טאָג, נאָר כ׳זאָל נישט ברויכן איר אויסצושטיין...

ל י ז ע

אומגעקערט

מיך נישט אַוועקרירן אויף קיין האַלבן יאָרד, פונם אָרט צוועק...

מ ש ה - י אָ ס ל

שוין? זיך שוין צוגעקלעפּט?

ג ד ל י ה

טרייבט איר אַרויס

גיי, גיי... נאָך האָבן אַ גוט שטיקל אַרבעט, — ביז כ׳וועל אים צונויפּ־שפּאַנען מיט דיר...

מ ש ה - י אָ ס ל

די שונאים זאָלן אַזוי לעבן, אוי... ר׳וועט דאָס אַמאָל באַווייזן...

ג ד ל י ה

משה-יאָסל, כ׳האָב אַ טענה צום טאַטן דיינעם...

מ ש ה - י אָ ס ל

אָ, איר זוכט אייך צו אים, ווייל ער האָט אַ טענה צו אייך? ס׳וועט נישט אָנגיין, פעטער!

ג ד ל י ה

ער האָט אַזאַ אוצר, און לאָזט אים אַזוי טרוקענען אויף ריווינגטן סטריט...

ג ע צ ל

ער בליט, נישט ער טרוקנט.

מ ש ה - י אָ ס ל

אוודאי איז בעט-ביטש בעסער; אָבער מיין טאַטן האָט עס נישט אָפּגע־גליקט ביי ריעל-עסטייט...

ג ע צ ל

אים, ביי עפּעס אַנדערש אָפּגעגליקט...

ג ד ל י ה

נישט שווער אָנקומען בעט־ביטש, אַז דו זאָלסט וועלן; כ׳נעם דיך די מינוט אַריבער צו מיר, — דיר נישט פעלן פון קיין פייגל־מילך...

מ ש ה ־ י אָ ס ל

איך וועל מיך זוכן אַרויסצוקריגן, און דעם טאַטן מיט די מאַמע, — דאָ לאָזן?... ווייניק זיך געפּרעגלט אויף ריווינגטן סטריט?

ג ד ל י ה

דער טאַטע מיט די מאַמע, זיי וועלן דאָ שוין די קאַפּיטעס אויסציען...

מ ש ה ־ י אָ ס ל

אַזוי?

ג ד ל י ה

דיך וועל איך אַריינגעמען צו מיר אין הויז... נישט לאָזן: ס׳זאָל אויף דיר עמעץ אַ קוק טון... קאָנען אַרומפּלינדערן איבער אַלע רומס... אין דער לערנען... אין יענער שפּילן... דאָ טאַנצן... שפּרינגען... זינגען... אַפילו שלאָפן ביי מיר, אין מיין רום.

מ ש ה ־ י אָ ס ל

מאַמע, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן...

ג ד ל י ה

נעמט זיך צו אים

דו וועסט זען, בחורל, אַ רום... די פעל, זיך אָפּצוווישן די פיס, אַז מ׳גייט אַריין אין בעט... דאָס מעבל... מיין ווייב ליגט אין דרערד... און כ׳בין איינער אַליין אין איר... ס׳בעט איז אַזוי ברייט, אַז מ׳קאָן דערין שלאָפן זאַלבע צוויי... דיך אַריינגעמען צו מיר און זיך ערשט אויסגלייכן די ביינער...

משה-יאָסל

מאַמע, געוואַלט! מאַמע, כ'וועל שטאַרבן! עס נישט אויסהאַלטן! פאַלן אויפן פּנים, און קריגן אַ האַרצשלאַק...

שאָשע

קומט אַריין

געצל, וואָס נעמסטו אים נישט אַוועק, דעם דבר-אחר?

געצל

נעמט זיך צו אים

אַז מ'הייסט גיין, בפרט נאָך אַ יידענע דערצו, — טאָר מען קיין חזיר נישט זיין...

גדליה

כ'ווייס נישט: מיט וואָס כ'האָב אים דאָ אָנגעטראָפן, — ער שפּרינגט אַזוי פון די הויט?... אָפּ מיט אים.

משה-יאָסל

אויסער זיך

געוואַלט, מאַמע, פאַרוואָס האָב איך נישט געקאָנט זיין קיין מיידל מיט אַלע מיידלעך צוגלייך, — נאָר מיך געמוזט מאַכן פאַר אַ באָי?

שאָשע

וואָס האָב איך געזאָלט טון מיטן משוגענעם טאַטן דיינעם, — אַז ער האָט מיר אָפּגעזאָגט ס'לעבן; כ'וועל אים האָבן נאָך אַ מיידל, — שטעלט ער מיך אַרויס מיטן בעט; נאָך אַלעם: זע איך גאַרנישט דאָס טרפהנע מזל ביי דיינע שוועסטערלעך... און הלוואי וואָלסטו טאַקע שוין געקאָנט פאַרבלייבן אַ באָי, — אַ באָי איז אַלעמאָל בעסער-אָפּ פאַר אַ מיידל...

משה-יאָסל

דו זעסט נישט, וואָס ס'האָט זיך דאָ אַצינד פאַרקאָכט? דער געשמדטער אָנקל פון בעט-ביטש, מיינט דאָך גאַרנישט אַזוי די הגדה: ווי די קנייד-לעך... מיך אָנצוקריגן פאַר די געראָטענע טאָכטער זיינע... כע-כע... אַ שיינע חתונה קאָן דאָס זיין צווישן אונז ביידען...

שׂאָשע

ביסט נישט קיין נאַרישער באָי, כ'מיין: מויד, — זאָלסט פאַרשטיין, אַז דער טאַטע מיינט נישט מער ווי אָנצוקריגן עטלעכע טויזנט טאָלער פונם, און אים דערנאָך אַרויסשטעלן אַ פייג...

משה-יאָסל

פאַרוואָס זאָל ער דאָס אַזוי מיינען? ווי לאַנג ער ווייסט: כ'בין אַ באָי, — וועט ער זיך ברעקן מיט אים משדך צו זיין?... אַ קלייניקייט: אַן אָרימער פעדלער פון ריווינגטן סטריט, און דעם רייכסטן ברוקלינער בילדער... פאַר אַ מחותן צו האָבן?...

שׂאָשע

ס'זאָל אַפילו אַזוי זיין, — אויך קאָנען קנאַפּ אָנוואַרימען אין אים; היינט לאָזן רייכע קינדער שטאַרבן אַן אייגענעם טאַטן, נישט: איין מחותן דעם אַנדערן... וואָס איז אַ מחותן?... און אַפילו ווען ער איז אַן אָנקל?... נאָך ערגער!... ס'גלייבט זיך מיר נישט: ער זאָל דיך וועלן פאַרשלייערן צו אַזאַ פאַרזעעניש...

משה-יאָסל

כ'ווייס?... פאַר געלט קאָן היינט דער טאַטע ס'אייגענע קינד זיינס, אויכעט וועלן פאַרקויפן...

שׂאָשע

ער האָט דיך צופיל ליב... זעסטו: מיט דיינע שוועסטערלעך, — ער זאָל זיך קאָנען אַרויסדרייען, — אַפילו אויף לאָמע, קרומע, שטומע, וואָלט ער'ס זיכער געטון, אַבי זייערע פּטור צו ווערן... אָבער מיט דיר?... דו ביסט דאָך זיין קרוין!... זיין אויג אין קאָפּ!...

משה-יאָסל

די גאַנצע זאַך, טאָמער קאָנסטו וויסן: אַרט מיך ווי דער פאַראַיאָריקער שניי; ווי קאָן ער, ווען ער זאָל אַפילו וועלן, און זיך שטעלן אויפן קאָפּ, — מיך צונויפפּאָרן מיט אַ מיידל, אַז איך בין גאָר, קיין באָי נישט?... נישט מער: ס'אי מיר שוין מיאוס און נמאס פאַר די הויזן... ווי לאַנג, קלערסטו, זאָל איך נאָך אַזוי ברויכן אין זיי צו גיין?... נאָך צוליב זיי אַריינזיצן אין גראָען צאָפּ אַריין!...

ש אָ ש ע

נאָך זערווייל קיין דרייצן יאָר נישט אַלט, און שוין מורא, — נישט אַריינצוזיצן אין גראָען צאָפּ אַריין ?...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַז קיין שום באָי ווייסט דאָך נישט : ס'אי ביי מיר גאָרנישט דאָס, וואָס ס'איז...

ש אָ ש ע

אַלע מיידן קריכן אין די הויזן, און ביי איר איז גאָר פאַרקערט ; זי וויל פון זיי אַרויס...

מ ש ה - י אָ ס ל

דו ווייסט גאָרנישט, מאַמע, וואָס פאַר אַ צרות איך האָב פון זיי ; מיר נישט איינמאָל שוין דעם טויט פאַרוואונטשן ; אַז די מיידלעך זען אַזאַ יינגל, — גלייכן זיי מיר אַ קניפּ צו טון... נו, האָט דאָס אַ טעם ?... אַז אַ מיידל לייגט אויף מיר אַרויף אַ האַנט, צי די ליפּן, — ווי זאָל איך דיר זאָגן, מאַמע, ס'אַ ריין חלשות...

ש אָ ש ע

אַז מ'וויל פילן אַ טעם, נעמט מע און מ'כאַפּט זיך אַרום מיט אַ באָי...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַ באָי מיט אַ באָי ?

ש אָ ש ע

דו ווייסט דאָך ביי דיר : אַז דו ביסט עס נישט ; און יענער וועט דיך נישט חושד זיין אין עפּעס אַנדערש ; וועסטו דיר אָפּנעמען ס'דייגיקע, און געבוג...

מ ש ה - י אָ ס ל

ס'אי דאָך אָבער נישט אַזוי, מאַמע... אַז איך האָב אַנומעלטן אַרומגע- כאַפּט אַ באָי, און זיך צעשפּילט מיט אים, האָט אים באַשלאָגן אַזאַ היץ, אַ שווייס אַרויסגעקומען אויפן שטערן... און מיך געגומען באַטאַפּן... זיך

אויסרעדן ס׳הערץ: ער ווייסט גאָרנישט... אַז, ווען איך קוש, איז גאָר־נישט ווי אַ באַי וואָלט געקושט...

שאַשע

ביסט שוין באַלד נישט בעסער פאַר דיינע שוועסטערלעך... אַז דו צאַפּלסט שוין מיטן טויט פאַר אַ שטיקל יונג, – וואָס זאָלן זיי שוין זאָגן?... דו זע בעסער: מ׳זאָל דיך נישט צופיל אויסטאָפּן... ברויכסט עס נישט געניטיק אין טאָפּ אַריין... אָפּ.

משה-יאָסל

נישט גוט אַזוי, און אַזוי נישט גוט... זעצט זיך אַריינקוקן אין אַ ספר איידער מיט זיי אינעווייניק צו זיצן ביים טיש, איבערהויפּט מיט די נאַרישע מויד, – גרינגער זיין דאָ אָפּצוקומען איבער אַ בלאַט גמרא... לערנט און אַז כ׳וועל אַמאָל אַרויס פון די הויזן, קענען ווערן אַ רביצין צווישן ווייבער..

לענעט

קומט אַריין

העלאָ, משה-יאָסל! וואָס ביסטו היינט אַזוי גיך אַוועק אַהיים פון די די ישיבה?

משה-יאָסל

אַז דו ביסט נישט געווען, האָב איך עפּעס קיין קאָפּ נישט געהאַט צום לערנען...

לענעט

מיין טאַטע גיט אַוועק ס׳גאַנצע לעבן: מ׳זאָל פרעמדע קינדער אָנשטאָפּן מיט תורה, און אויף זיין אייגענעם זון, – קוקט ער זיך גראָד נישט אַזוי שטאַרק אום..

משה-יאָסל

און דו ברויכסט נישט מער ווי מ׳זאָל פון דיר אַראָפּנעמען אַן אויג..

לענעט

וואָס האָב איך מיך צו נאַרן? אַז כ׳האָב מיך פאָרט נישט ליב צו קוועטשן איבער די גמרא: אמר אביי... אמר אביי... וויפיל איז דער שיעור איבערצוחזרן, וואָס אביי האָט געזאָגט מיט אַזוי פיל טויזנטער יאָרן צוריק? כ׳גלייך בעסער זיך אַרויסצוכאַפּן אין די לעבעדיקע סטריט אַריין שפּילן באָל, ווי זיצן צווישן די טויטע ווענט פון די ישיבה...

שפּילט באָל.

משה־יאָסל

פאַרטראַכט

און איך האָב ליב די שווערע גמרא... אַז כ׳גיב מיר אַ צעעפן די טאָוו־לען, און ס׳נעמט זיך אַרויסגיסן פון איר אַזאַ זיס געזאַנג... אפשר וויסטו וואָס פאַר אַ געזאַנג דאָס איז. וואָס קאָן האַלטן צוגעשמידט שעהן לאַנג, און כ׳זאָל נישט וויסן פון קיין לעבעדיקע ווענט... פון קיין שום עלנט... נאָר ווי אַ גאַנצע וועלט מיט פריינט זאָלן זיין מיט מיר, מיך אַרומרינגלען; און דער ניגון פון אמר אביי, וואָס ער האָט געלערנט מיט טויזנטער יאָרן צוריק, — נאָך זיין אַזוי פריש, אַזוי זאַפטיק אין מויל, פונקט ווי ער וואָלט נעכטן באַשאַפן געוואָרן...

געצל, גדליה

קומען ביידע אַריין מיט פלעשלעך בראָנפן אין די הענט, פירן זיך געאָרעמט.

גדליה

טרינקט

נו? ווי געפעלט דיר דאָס שטיקל סחורה?

געצל

טרינקט

דעם אמת געזאָגט: געפעלן מיר די אַנדערע צוויי שטיקלעך סחורה בעסער...

גדליה

טרינקט

פון יענע איז אָפּגערעדט; יענע זענען עי־וואָן.

ג עצ ל

טרינקט

וואָס-זשע ווילסטו מיר ווידער פאַרהאַנדלען די דעמעדזשד-גודס?

גדליה

טרינקט

מ׳קאָן נישט זאָגן: זי איז פּוירפעקט; אָבער נישט, חלילה, ווי דו זאָגסט: געדעמעדזשט...

משה-יאָסל

ס׳פּעלט איר בלויז אַ קלעפּקע אין קאָפּ, דאָס אַלעס.

געצל

טרינקט

וועל! ווען דו קומסט מיר בלויז אָוועקגעבן די צווי באָיס, ריכטיקער: אַרויסנעמען די צוויי מיידן פון שטוב, אסור, — אויב כ׳וואָלט מיט דיר געהאַט איבערצורעדן ס׳צווייטע וואָרט...

גדליה

טרינקט

פאַר וועלכע מעשים טובים? זעסט: איך בין אַ ביזנעס-מאַן; און בין נישט געקומען דיר אָוועקגעבן די גודס, נאָר זי נעמען פון דיר...

משה-יאָסל

איר פאַרשטייט: ווי אַ גרויסער דבר אחר אַ ביזנעס-מאַן איז? אַזוי האָט מע דאָ דרייצן יאָר נישט אויפגעמאַכט די טיר, און אַזוי גיך ווי ס׳האָט זיך געמאַכט עפּעס צו נעמען, — מעג זיין אַפילו אויף ריווינגטן סטריט, זיך אויך נישט געשעמט צו קומען... דאָס מאָל וועט ער האָבן געטראָפן דערנעבן...

געצל

טרינקט

גדליה, ס׳זענען אַרויסגעוואָרפן די רייד; איך וועל דאָ גאָרנישט קאָנען טון דערין; עס שטייט איין ביי אים אין די הענט...

מ ש ה - י אָ ס ל

שור, בײַ מיר אין די הענט.

ג ע צ ל

ער איז טאַקע אַ וואויל קינד...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַ וואויל קינד.

ג ע צ ל

אַ גוט קינד...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַ גוט קינד.

ג ע צ ל

אַ טײַער קינד...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַ טײַער קינד.

ג ע צ ל

לערנט זעלטן גוט...

מ ש ה - י אָ ס ל

לערנט זעלטן גוט.

ג ע צ ל

האָט אַ בריליאַנטענעם קאָפּ...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַ בריליאַנטענעם קאָפּ...

ג ע צ ל

און וועט נאָך אם ירצה השם, זײַן אַ רבֿ בײַ יידן אויף דער **איסט-סאיד...**

מ ש ה - י אָ ס ל

אַלץ ריכטיק, נאָר היגע חברה וויל זיך נישט לאָזן פירן ווי די קעלבער צו די שחיטה ; און נאָך פריער, איידער זיי טינקען איין אַ פינגער, – זען מיט די אייגענע אויגן...

ג ד ל י ה

נו, האָסטו דאָך שוין געזען...

מ ש ה - י אָ ס ל

ווי פריער

און אויסנעמען : ברחל בתך הקטנה...

ג ד ל י ה

אויב אַזוי, וועל איך מיט דיר האַנדלען...

ל ע נ ע ט

שאַרט זיך אַרויס

איר וועט מיר מוחל זיין, כ'זע : ס'האַלט ביי עפּעס... כ'וויס אַליין נישט...

ג ע צ ל

העלאָ, לענעט ! אַזאַ גרויסער יונג, וואָס האָסטו דיך צעריינגעשטעלט אין ווינקל, מ'זאָל דיך נישט אַרויסזען ?...

ל ע נ ע ט

דער טאַטע, מיך אַהערגעשיקט זאָגן : ביים נעקסטן מיטינג פון די באָרד אָף דירעקטאָרס, ער פאָרברענגען : משה-יאָסלס בר-מצווה זיין אין די ישיבה... אָפּ.

ג ע צ ל

וואַרט נאָר אַ רגע... ער קערט זיך אום גיב אים, דעם טאַטן דיינעם, אַ גרויסן יישר-כוח, און זאָג אים : אויב ס'איז אים ליב, איז מיר ניחה.

מ ש ה - י אָ ס ל

ברייט

ביזנעס ! איך האָב צו פאַרקויפן די גודס, אָנקל ! וואָס האַלט איר ביים געבן ?

גדליה

איך פרעג נאָר איין וואָרט: האָו מאַטש?

משה-יאָסל

איר ווילט ציילן געלט? כ'ווייס: איר האָט צו ציילן, און קאָנט נישט; און אויב איר ווילט גראָד איצט יאָ אויפמאַכן דעם בייטל, — וועל איך אייך פאַרשפּאָרן אַן אַרבעט... מוחל די קעש!..

גדליה

וואָס רעדט ער?...

געצל

ער קוילעט מיך אינגאַנצן אַוועק...

משה-יאָסל

ווי פריער

איך וואָלט באַשטאַנען צו נעמען די יפה-פיה, כאָטש: די שונאים זאָלן אַזוי לעבן: צי כ'וועל עפּעס קאָנען אויפטון מיט איר, — און נישט גראָד אַצינד, ווען איר זענט דער רייכער ברוקלינער בילדער, נאָר אַפילו דער געוועזענער פּעדלער פון העבקיטשעס אויף ריווינגטן סטריט...

גדליה

וואָס ספּיטשט ער? געצל, אפשר ווייסטו וואָס ער רעדט?...

געצל

געוואַלט, גזלן, משה-יאָסל! מ'האָט אַזאַ רייכן אָנקל און אַ דבר אחר דערצו, אַ קאַרגן הונט, וואָס וואָלט זיך געלאָזט אַרויסרייסן צוויי ציין פאַר אַ פּעני; האָט נאָך אויף זיין לעבן נישט אַוועקגעגעבן וואָס דאָס איז, — און זיך אַוועקגעלייגט ביי מיר אונטער די פיס, וועסטו מיך נישט לאָזן ביי אים אַרויסרייסן קיין פאָר טויזנט דאָלאַר?..

משה-יאָסל

אויב ס'גייט דיר, טאַטע, אין דעם: וואָס דו קאָנסט כאַפּן עטלעכע טויזנט דאָלאַר, — קאָנסטו נאָך ווייניק משה-יאָסלען; איך בין טאַקע אַ געראָטן

קינד, אָבער דו מוזט נאָך דערווייל צו מיין גאַנצע געראָטנקייט, אונ־טערהונגערן; ס׳קאָן זיין: אַז ווען כ׳וועל גרעסער ווערן, זיך דער־שלאָגן, — וועסטו אויסער נחת און פרייד אויך האָבן די ממתקים, די קלינגערס...

גדליה

וואָס ספּיטשט ער? געצל, דו ווייסט אפשר וואָס ער רעדט?

געצל

כ׳זאָל אַזוי וויסן, וואו כ׳וועל נאָכן טויט אַהינקומען...

משה־יאָסל

כ׳ווייס, טאַטע, אַז דו מוזט, נעבעך, געגוג שווער און ביטער אַרבעטן, זיך אויסרייסן דעם האַלז ביי די יענטעס פון פּלעטבוש, בעט־ביטש און פון אומעטום, ווען זיי קומען מיט די גרויסע מאַשינען אויף אָרטשאַרד און ריווינגטן סטריט, זיך איינהאַנדלען מיט באַרגענס... אָבער כ׳מוז דיר זאָגן, כאָטש דו ביסט מיין טאַטע, — אַז כ׳וואָלט דיך נאָך אַזוי, אָן שום צווייפל, געלאָזט מוטשען גאַנצע הונדערט און צוואַנציק יאָר, אויסשפּייען דריי מאָל אין טאָג די נשמה פּאַר אַ ביסן, ווען כ׳זאָל וויסן: אַז דו ווילסט דיר גרינגער מאַכן דורכדעם, וואָס איך וועל מיר לאָזן דעם קאָפּ אַראָפּהאַקן...

גדליה

וואָס ספּיטשט ער? געצל, דו ווייסט אפשר וואו ער צילט?

געצל

הייבט די אַקסלען

כ׳זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטע קאָסטימערס צו זאָגן...

משה־יאָסל

גיט אַ רוף

ענני! מעני! זיי קומען אַריין מיט אייבי און מאַרטין. אַ פּאָר וועמען איך וועל מיר לאָזן ב׳קאָפּ אַראָפּהאַקן!... קוקט זיך אַרום וואו איז ס׳פּאַרזעעניש?...

נעמט ליזען צו זיך זאָג דעם טאַטן דיינעם: אַז כ׳וועל אַלעריאַל זיין גרייט מיט דיר חתונה צו האָבן, די שונאים זאָלן אַזוי לעבן, יאָ... נאָר ווען?... אויב ער וועט באַשטיין חתונה צו מאַכן זיינע צוויי זין פאַר מיינע צוויי שוועסטערן...

ג ע צ ל

כאַפּט איר קושן

אַ ממזר, כ׳זאָל אַזוי לעבן!... אַ ממזר!...

ג ד ל י ה

נעמט זיך וואַרפן

דאָס קאָן נעווער זיין...

ל י ז ע

רייסט פונעם שטיקער

זאָג: יע... זאָג: יע..

מ ש ה - י אָ ס ל

איך פיל דעם ביטערן טעם פון מיינע שוועסטערן, וועלכע מוזן זיין אַזוי עלנט, דאָס זיי האָבן זיך אַפילו געפרוווט אומצוברענגען; דעריבער באַשטיי איך זיך אַפילו אָפּצוגעבן פאַר אַ קרבן, אויב כ׳וועל וויסן: כ׳וועל זיי דערמיט העלפן...

ג ד ל י ה

ווי פריער

מיך בעסער האַלטן מיט איר ס׳גאַנצע לעבן, איידער אָפּהאַקן די קעפּ ביי אַזעלכע צוויי ליבע, טייערע, ליכטיקע באָיס...

ל י ז ע

קלעפּט אין אים

פאַ, זאָג: יע... זאָג: יע..

גדליה

גיט זי אַ וואָרף אַוועק

דו קאָנסט זיין די כפרה פאַר זייער מינדסט נעגעלע... פון זיי האָב איך שוין געהאַט פּלענטי נחת, און דו, — מיר מער ווי צרות נישט פאַרשאַפט... באָיס, האָום! ריווינגטן סטריט איז נישט פאַר אייך געדאַכט...

עני, מעני

לאָזן אַרויס אַ געוויין.

אייבי, מאַרטין

גאָרנישט האָבן וואָס צו שעמען מיט די צוויי מיידלעך פון ריווינגטן סטריט, אין בעט-ביטש, טאַטע...

גדליה

אויפגעקאָכט

וו-אַ-ס?

שאָשע

קלאַפּט צונויף די הענט

אַז גאָט העלפט: ס׳קומט דער אמתער זווג, — געפעלט מע זיך איבער איין רגע, און ס׳ווערט אַ שידוך...

גדליה

געוואַלט, אַ האָלד-אַפּ! העלפּ! פּאָליס! מוירדער!

משה-יאָסל

אייער שרייען, אָנקל, וועט אייך העלפן ווי אַ טויטן ביינקעס; איר קאָנט זיך שוין איצט נעמען ס׳פּאַרזעניש, און האָבן מיט איר אַ גוטן שליט-וועגס; און אייער געלט וועלן שוין אייערע זין, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַריבערברענגען אַהער...

ליזע

לאָזט אַרויס אַ געוויין.

ג ד ל י ה

אויב אַזוי? אַז די באָיס מיינע האָבן זיך שוין, ווי כ'זע: דאָ אָפּגע־קאָכט ביי די צוויי מיידן; און ס'געלט מיינס, ווי זאָגט ער? איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, אויב נישט פריער, — אַריבערברענגען אַהער: נעמט־זשע ביי מיר אויך צו ס'שטיק אומגליק, און לאָמיר זיין איוועץ; אַ סוף, וואָס וועל איך מיך נאָך האַלטן מיט איר?...

ל י ז ע

כאַפּט אַרום משה־יאָסלען, און באַדעקט אים ס'פּנים מיט קושן.

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אקט

נישט לאַנג דערנאָך
אין אַ האָל

ג ע צ ל

קומט אריין אָנגעטון אין פראַק, צילינדער

כ׳האָב אַ טענה; אַ שווערע טענה, מחותן.

ג ד ל י ה

נאָכקומענדיק נאָך אים, אין פראַק, צילינדער

מחותן רופסטו מיך, און נישט: אָנקל?

ג ע צ ל

אַצינד: אַז מ׳האָט דערלעבט צו פירן אונזערע קינדער אויף איינמאָל צו דער חופה, — זענען מיר געוואָרן אויס משפחה, נאָר מחותנים... פליין מחותנים...

ג ד ל י ה

ווילסט דיך אַרומקריגן מיט מיר, און פאַרפירן אַ מלחמה?

ג ע צ ל

אויף טויט און אויף לעבן...

מ ש ה - י אָ ס ל

קומט אריין

ס׳אי גאַנץ יידישלעך: מחותנים זאָלן זיך אַרומקריגן אויף אַ חתונה.

ג ע צ ל

אַ מחותן ברויך קודם כל נאָכקומען וואָס ער האָט זיך מתחייב געווען, און ס׳איז אויף אים קיין רחמנות נישט צו האָבן...

ג ד ל י ה

און דערפאַר געוואָרן אויס משפחה. ווייל דו ווילסט דיך וואַשן צו מיר...

מ׳הערט פון די אַנדערע שטוב שפילן.

מ ש ה - י אָ ס ל

טאַטע, וואָס ווילסטו?

געצל

נישט רעדן צו אים, דאַטשאַל!

משה־יאָסל

אַ שיינע זאַך, כ׳לעבן; פריער האָט ער דיך נישט געוואָלט קענען, און גאַנצע דרייצן יאָר צו דיר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, — גייסטו דיך איצט נוקם זיין, און אים אָפּטון ס׳אייגענע?

געצל

טאַקע ווייל כ׳האָבן אָנגעקריגן אין מיינע הענט אַריין, — וויל איך מיטן לערנען בלק...

משה־יאָסל

טאַטע, זאָלסט וויסן: ווי לאַנג מ׳גייט נישט אַפּיר פון אונטער די חופּה, און מ׳זאָגט נישט אָפּ דעם פּסוק, — איז נאָך דאָס ווייב קיין ווייב נישט, דער מאַן קיין מאַן נישט, און דער מחותן קיין מחותן נישט...

געצל

גייט צו

ווייז נאָר די הויזן... נישט געוואָרן קיין שפּאַלט אין זיי?...

משה־יאָסל

זוכסט אַ שפּאַלט אין די הויזן, צי דו ווילסט מיך גלאַט אַזוי באַטאַפּן?...

געצל

פאַרביטערט

כ׳וויל רעדן... נאָר, דאָס עגמת־נפש דריקט מיך אַזוי צו, אַז כ׳קאָן נישט... נאָך קריגן אַ פּאַפּלעקציע... דאָס וועט זיין דער סוף...

משה־יאָסל

פריער זיך געגעסן: האָסט זיצן איבער דיר צוויי מיידן, וואָס וועלן דיך גראָ מאַכן; און אָפּגעזאָגט די מאַמע ס׳לעבן: אויב זי וועט האָבן אַ דריטע מויד, — צוליב וואָס זי האָט מיך איבער גוואָלט געמוזט מאַכן פּאַר אַ באָי; און אַצינד דיר אייגנטלעך, באַדאַרפט לאָזן שפּילן: אַז דו גיסט זיי שוין מיט מזל אויס, — מאַכסטו דיר אָן אַזאַ ביטער לעבן?...

ג ע צ ל

גייט ווידער צו

אַ פּאָר בייע הויזן, און שוין אויסגעריבן ?...

מ ש ה - י אָ ס ל

שטופּט אים צוריק

וואָס גייען דיך הייגט די הויזן מער אָן, ווי אַן אַנדערש מאָל ?... דו מיינסט, זע איך: נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך ; גיישט אַזוי די הויזן, נאָר וואָס ס׳אי פאַראַן אין זיי...

ג ע צ ל

פאַרביטערט

כ׳וואָלט גערן געוואָלט רעדן, נאָר כ׳האָב אַ שלאָס אויפן מויל, און כ׳קאָן נישט...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַזוי איז אַ ייד... אויב ער האָט נישט קיין פּעקל, גייט ער דאָס זוכן... קאָן נישט לעבן אָן דערין...

ג ד ל י ה

און איך וועל עס אים פאַרשאַפן... נאָך אַזאַ פּאַק, ער זאָל זיך האָבן ביי אים אָרנטלעך צו קאָפּען... שטייט אין גרויסן מיט זיינע מיידן !... מיינע באָיס וועלן עני-טאַים קריגן אַזעלכע וואַזשנע בתולות...

ג ע צ ל

גיט זיך אַ וואָרף

אַ רוסישן וואָט ! געדענקסט אים נאָך פון די היים !... ווען דו וואָלסט געקאָנט, און ס׳וואָלט איינגעשטאַנען ביי דיר, — זיי שוין לאַנג געהאַט צוגעכאַפּט, די באָיס דיינע, און אַנטלאָפן מיט זיי וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט...

ג ד ל י ה

נעווערמאַינד ; איך קאָן מיך נאָך ווענדן ביז צו די לעצטע רגע ; ווי זאָגט דער חכם משה-יאָסל ? ווי לאַנג זיי זענען נאָך נישט געשטאַנען אונטער

די חופה, — זענען זיי נאָך אַלץ ביי מיר, און נישט ביי דיינע צוויי פאַרנאַרטע מיידן...

מ ש ה - י אָ ס ל

אין אַ שעה אַרום זיין אייערע שנירן, און נאָך אַלץ פאַרנאַרטע מיידן?

ג ע צ ל

ביי דיר זענען זיי שוין נישט געווען, מיט דער מינוט וואָס זיי האָבן באַטרעטן די שוועל פון מיין הויז...

ג ד ל י ה

אַזוי? די האָסט זיי כישוף געטון?

ג ע צ ל

נישט איך, נאָר די צוויי פאַרנאַרטע מיידן מיינע...

ג ד ל י ה

אַזוי שיין זענען זיי? אַזוי רייך? אַזוי קלוג? און געלערנט?

ג ע צ ל

נאָכמער קונץ, כע-כע-כע...

מ ש ה - י אָ ס ל

אָנקל, אַז מ'האָט ליב, זעט מע נישט: ווען אַפילו אַ כלה איז לאָם, קרום, טויב און שטום... יעדער חסרון איז דאָן אַ מעלה: די כלה איז שטימלעך? מ'ברויך איר האַקן די צונג, ווייל מ'קאָן קריגן דעם פיפיטש, ביז זי רעדט אַרויס אַ וואָרט, — ביים חתן רעדט זי ווי אַ וואַסער; די כלה הינקט אונטער, און ס'נעמט איר אַ שעה אַריבערצוגיין די גאַס, — ביים חתן גייט זי ווי אַן אויטאָמאָביל; די כלה איז בלינד, זעט נישט איבערצולייענען דריי ווערטער, — ביים חתן אין די אויגן לייענט זי אַדורך אַ בוך אין עטלעכע מינוט... דעם בעסטן ס'מן האָט איר אין מיר: אַלע ווייסן: אייער טאָכטער איז נישט אַזוי מיט אַלעם, ווייסט נישט איינצוהאַלטן די צונג, לאָבט אַן איבעריק מאָל ווען מ'ברויך נישט, און פונדעסטוועגן, אַז כ'בין פאַרליבט אין איר, זע איך נישט און כ'הער נישט... און זי איז שיין... און וואויל... און קלוג... און געלערנט...

גדליה

כאַפּט אים אַרום קושן

אַ לעבן אויף דיין קאָפּ!... נאָך אַ גליק: ער איז נישט געראָטן אין טאַטן דיינעם...

געצל

נו?... געהערט רייד?... און דו, דבר אחר איינער, אויב דו ווילסט אים האָבן מיטן ברילאַנטענעם קאָפּ זיינעם, — באַצאָל!

גדליה

וואָרן, איך וויל נישט באַצאָלן?

געצל

אויף טראָמבע אים אָנגעקריגן?

גדליה

אַז איך זאָג צו, איז נישט גוט? מיין וואָרט איז בעסער ווי געלט...

געצל

נאָ סער! כ'וויל זען ליגן קעש אויפן טיש!... שוין אויסמאַכן אַ טשעק אויף פופצן טויזנט טאָלער, און אַריינטראָגן אויף זיין נאָמען אין די בענק, — דענסטמאָל וועלן זיי ביידע גיין אונטער די חופּה מיט דיינע זין...

גדליה

אַזוי שטאַרק מיך אָנגעקריגן מיט די מיידן דיינע?...

משה-יאָסל

צעשטרייט

איבער מיר גייט דאָס אָן די גאַנצע מלחמה, ווייל איך ברויך קריגן די פופצן טויזנט דאָלאַר?

גדליה

וועמען כ'וועל נישט געבן, אים, — זיכער קיין עוולה נישט טון...

משה-יאָסל

טאַטע, וואו איז דער שכל דײַנער?

גדליה

אין דרערד...

משה-יאָסל

אַז די זין זײַנע װעלן זײַן דײַנע, האָסטו מורא; ער װעט זיך אָפּשטעלן, און נישט װעלן געבן קײן געלט, — כ'זאָל חתונה האָבן מיטן פּאַרזעעניש דײַנעם?... װאָרן, אַז איך זאָל זי נישט נעמען, װעט ער באַלד קריגן עמעצן אַנדערש, װאָס זאָל זי נעמען?... און נאָך אָן געלט דערצו?...

גדליה

כאַפּט אים קושן

לעבן זאָל ער, משה-יאָסל; נישט דו, בעליוו מי, — װי כ'װאָלט דעם טאַטן דײַנעם שוין לאַנג געהאַט אָנגעשפּיגן אין פּנים אַרײַן... דאָס אײנע: װאָס דו האָלסט מיך אָפּ דערפון, כ'זאָל עס נישט טון...

משה-יאָסל

איך, טאַטע, האָב דעריבער אויף איר באַשטאַנען: אַז ער זאָל פירן זײַנע צװײ זין מיט דײַנע אָרימע, און לאָמיך דיר זאָגן: מיאוסע מײדן, — אונטער די חופּה; און אַזוי גיך װי מ'איז געקומען דערצו, גײסטו דיר אויסשטעכן מיט מיר די אויגן, און פרעסן געלט?...

גדליה

כאַפּט אים װידער קושן

כ'װעל אים, כ'װײס אַלײן נישט װאָס טון...

משה-יאָסל

געוואַלט, טאַטע, װאָס טוט זיך מיט דיר?... דערמאָן דיך נאָר: צװײ האָזן מיט אײן שאָס, און אָן אַ פּעני געלט; צװײ באָיס, און װאָס נאָך פּאַר אַ באָיס!... װעלכער קבצן אויף ריװינגטאָן, אָדער װעלכע ס'איז אַנדערע סטריט, — קאָן דערפון חלומען?...

ג ד ל י ה

דאָס וואָס ער ברויך מיר ליגן צו די פיס, — זאָל איך מיך גאָר בעטן ?

ג ע צ ל

פאַרביטערט

כ'קאָן נישט רעדן, נו ?.. ס'קומט מיר אויס : כ'זאָל צעפּלאַצט ווערן... קריגן אַ פּאַפּלעקציע...

מ ש ה - י אָ ס ל

גיט אַ רוף

ענִי ! מענִי !

ע נ י , מ ע נ י

קומען ביידע אַריין אין די חופּה-קליידער פּאַרוויינטע.

מ ש ה - י אָ ס ל

קלאָגט נישט... יאָמערט נישט... איר וועט באַלד גיין אונטער די חופּה...

ג ע צ ל

זיי וועלן שוין גאָרנישט גיין...

מ ש ה - י אָ ס ל

אַז זיי וועלן נישט גיין, וועט מע זיי טראָגן ; מיט סטרעטשערס טראָגן...

ג ע צ ל

אַז, כ'וועל לאָזן...

מ ש ה - י אָ ס ל

זיך אַקעגנשטעלן, קריגן די ביינער אָנגעבראָכן...

ע נ י , מ ע נ י

לאָזן זיך מיט אויפגעהויבענע הענט

ברענגען אַ קאַפּ צו אים... אַרויסנעמען אַ וואַראַנט... אַריינוואַרפן אין פּריזן...

גדליה

כאַפּט קושן משה־יאָסלען

ביסט אַ חכם, משה־יאָסל; ווען ס׳אַי פֿאַראַן אַ קייסער אין אַמעריקע, — וואָלט פֿאַר אים געווען איין גליק: זאָלסט זיין דער שני למלך...

געצל

כע־כע... אַז ער זאָגט, מיינסטו, — ס׳אַי קודש קדשים?... דו, גדליה, קענסט נאָך נישט מיך... איך הייס: געצל...

עני, מעני

שפּעטן נאָך

געצל, פּלעצל,
טרינקט ווי אַ קעצל
פֿון אַ טעצל.

גדליה

און איך הייס: גדליה.

עני, מעני

גרויסן אים

גדליה
איז ווי אַ פּאַליע,
וואָס קאָן געבן אַ כמאַליע.

געצל

פֿאַרגעס נישט, אַז איך בין חיים־יאָקעלס אַ ברודערן־זון.

גדליה

און דו פֿאַרגעס נישט, אַז איך בין חיים־יאָקעלס אַ שוועסטערן־זון.

משה־יאָסל

איר האָט זיך ביידע נישט וואָס איבערצונעמען...

ג ע צ ל

אַז איך זאָג: ס׳וועט נישט זיין קיין חופּה, זאָלן זיך אַלע אויף די קעפּ שטעלן, און ס׳וועט נישט זיין...

מ ש ה - י אָ ס ל

איך הייס שפּילן.

ע נ י , מ ע נ י

כאַפּן אים אַרום, קושן

אַזוי, ביסטו אַלרייט!

ג ע צ ל

און איך הייס נישט.

ע נ י , מ ע נ י

נעמען אים שלאָגן

ווער הייסט נישט? פאַרוואָס?

ש אָ ש ע

פאַלט אַריין מיט אַ געוואַלט

געוואַלט, מענטשן, מיין מאַן איז משוגע געוואָרן...

די כּלי-זמרים, וועלכע האָבן שוין עטלעכע מאָל געהאַט אָנגעהויבן און אויפגעהערט שפּילן, — הייבן ווידער-אַן אויפסניי.

ג ע צ ל

גיט זיך דאַן אַ ריס צום פענסטער, און שפּרינגט אַרויס.

אַ ל ע

נאָך אים מיט אַ געשריי, צעלויפן זיך דורך אַלע טירן און פענסטער אין דרויסן אַרויס, וואו ס׳ווערט אַ געפּערלעכער טומל.

ש אָ ש ע

קומט אַריין מיט משה-יאָסלען, פאַרזאָרגט

געלם געוואָרן, דער טאַטע דיינער.

מ ש ה - י אָ ס ל

גוט כאָטש, ער האָט געקאָנט נעלם ווערן; אים נישט געברויכט אַוועק־צוטראָגן.

ש אָ ש ע

הלוואַי וואָלט ער איבערגעלאָזט די פּיס אויפן סאַידוואָרק, און אַוועק אָן זיי?

מ ש ה - י אָ ס ל

וואָס האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט, אַ רוח?

ש אָ ש ע

די מעשה געפעלט מיר נישט, משה־יאָסל.

מ ש ה - י אָ ס ל

מיר געפעלט זי שוין לאַנג נישט.

ש אָ ש ע

ר'זאָל נישט האָבן עפּעס דערשמעקט: אַז ס'אי נישט גלאַטיק ביי דיר?...

מ ש ה - י אָ ס ל

כ'האָב מורא: אַז ס'אי נאָר טאַקע דערפאַר, ווייל ר'האָט דערשמעקט, אַז ס'אי נישט גלאַטיק ביי דיר...

ש אָ ש ע

און וויל פריער האָבן דאָס געלט, ווייל ר'ווייסט: ס'וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם מיט מיר...

מ ש ה - י אָ ס ל

כ'האָב אויכעט מורא: אַז ס'אי נאָר דערפאַר, ווייל ער ווייסט, אַז ס'וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם מיט מיר... מיר היינט צופיל געקראָכן אין די הויזן... אָפּ.

ש אָ ש ע

כ'גיי מיך צוריק אַרויס אין דרויסן אויפן אומקוקן. אָפּ.

ע נ י , מ ע נ י

קומען ווידער אַרײַן, בײדע פֿאַרזאָרגט.

ע נ י

וואָס זאָגסטו נישט צו אים?

מ ע נ י

וואָס קאָן איך וויסן צו זאָגן?

ע נ י

אַלע יאָרן נאָר געהאַט אַן אַרבעט: מײדן! מײדן! ס׳ווײַב אים אָנגעשריגן מײדן אויפֿן קאָפּ אַרויף: גראָ און אַלט ווערן בײַ זײ, און אַצינד: אַז ס׳האַלט שוין בײַ אונזערע פּטור ווערן, זיך איבערגעדרײט, און ווײַל אונדז אפֿנים, נישט אַרויסלאָזן גאָר...

מ ע נ י

ברעכט זיך די הענט

מיר זענען אומגליקלעך, עני.

ע נ י

אומגליקלעך, מעני.

מ ע נ י

אונז אַ גוטע קלאָג געטראָפֿן מיט אים...

ע נ י

כ׳וועל דיר זאָגן, מעני... כ׳האָב שוין נישט קײן כּוח אַזוי לאַנג צו וואַרטן...

מ ע נ י

און בײַ מיר שטײט שוין די נשמה אויף די שפּיץ-נאָז...

ע נ י

געמײנט: די גאַנצע וועלט איז מײַן, – שוין מיט מזל קאָנען זײַן מיט אַ מאַן אינאײנעם...

מעני

קומט דער משוגענער טאַטע, און האַלט גאָר אויף ס׳גאַנצע גלות, נו? קאָן מע נישט צעפּלאַצט ווערן?

עני

אים נישט מקנא זיין: כ׳וועלן אָנקריגן אין מיינע הענט אַריין...

מעני

נאָר איצט אַרויס פון דער צרה, — שוין וו סן אָפּצורעכענען מיט אים פאַר אַלע צייטן...

עני

איך וועל אים מער נישט טון: ווי צונעמען די מאַמע צו זיך אויף אַ גאַנץ יאָר, — ער זאָל זיך דראַפּען אויף די גלייכע ווענט, ווי מיר דראַפּען זיך...

מעני

און דערנאָך, איך ווידער אויף נאָך אַ יאָר...

עני

און דערנאָך, איך ווידער נאָך אויף גאַנצע צוויי יאָר...

מעני

און דערנאָך, איך ווידער אויף גאַנצע דריי יאָר...

אייבי, מאַרטין

קומען ביידע אַריין, אָנגעטון אין פראַקן, צילינדערס, ווי חתנים וואָס זענען צוגעגרייט צו גיין צו דער חופה.

אייבי

נישט געפינען אים נאָך?

עני

פאַרביטערט

ס זאָלן זיך אים מאַכן דריי לעבער אין קאָפּ... כאַפּט זיך צוריק גיין, אייבי, דיר!

מ אַ ר ט י ן

און מ׳ווייסט נישט: וואו ער האָט זיך ערגעץ געקאָנט אַהינטון?

מ ע נ י

אוי, ווען ער קאָן שוין אויף אייביק אַזוי אָוועקפליען!... כאַפּט זיך אַזוי אייגן צוריק ניין, מאַרטין דיר!

א יי ב י

דאַטס פאָני!

מ אַ ר ט י ן

סאַם דזשאָוק!

ע נ י

ס׳אָ-רייט, אייבי; איך וועל אים אויך וויסן ווי אַנטקעגן צו קומען...

מ ע נ י

צנד מי טאָ, מאַרטין.

ע נ י

אים שוין זען צו פיקסן...

מ ע נ י

פאַרן צוגעטראַכט אַ סקים, אַז ר׳וועט ביי מיר ווייַנען ווי אַ טאַטע...

ע נ י

צוליינגן אַן אמתע לאַטע.

א יי ב י

נישט געפערלעך, מ׳זאָל זיך ברויכן אַזוי פאַרביטערן ס׳לעבן... נאָר אַ שאָד: וואָס אונזער האָני-מאָן זאָל זיך ברויכן אָנהייבן מיט איין האַלבע שעה שפּעטער...

מ ע נ י

אויסקרענקען זאָל ער׳ס נאָר... כאַפּט זיך צוריק דאָס איז ווייניק?

ע נ י

צו אייבין

ברוכן זיין מיט אַ גאַנצע האַלבע שעה לענגער, אַ מיידל!

מ ע נ י

צו מאַרטין

איז נאט טעריבל? די איינע האַלבע שעה איז ערגער פאַר די גאַנצע יינצן יאָר...

ע נ י

צו אייבין

אַז מ׳מעג שוין, פאַרוואָס זאָל מע ווידער נישט קאָנען?...

מ ע נ י

צו מאַרטין

אַז מ׳האָט אַזאַ שיינעם באַי פאַר זיך, ווי קאָן מע נאָך לענגער וואַרטן?...

ע נ י

צו אייבין

און דאָס אַפּלייגן?

מ אַ ר ט י ן

וואָס וואָלסטו אַזוי געטון, מעני, ווען איך וואָלט נישט אַזוי צוגעפאַלן צו דיר ווי צו אַ הייס געבראָטנס, און געהייסן שטעלן אַ חופּה אויף איין פוס?

ע נ י

גענומען די געז-פּייפּ, אייבי.

מ ע נ י

און איך, מאַרטין, נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס...

מ אַ ר ט י ן

דעריבער, מעני, דאָס פּריער געטון; ווייל ס׳אי נישט געווען קיינער אונטער די האַנט, מיט וועמען מ׳זאָל קאָנען חתונה האָבן...

א ײ ב י

די מײנסט, ענע, אַז מ'זעט אַ מײדל, מוז מע גלײך אויף איר אַרויפפאַלן, און װערן מאַן און װײַב?

ע נ י

מ'קאָן אויף איר אַרויפפאַלן, אײבי, מ'זאָל אַפילו נישט ברויכן צו װערן מאַן און װײַב...

א ײ ב י

װי איז: ס'אי טאַקע גוט און װאויל, דאָס מײדל געפעלט, און װי די גאַנצע װעלט באַיס, — פאַרגליסט זיך אויך צו שפילן אַ ליבע. װײ נאָט? אַ ביסל אויסגײן... פאַרברענגען...

ע נ י

און דערנאָך, אײבי?

מ אַ ר ט י ן

װידער

שרײַבן תנאים, מעני.

מ ע נ י

און דערנאָך, מאַרטין?

א ײ ב י

װידער

און ביז עפּעס װאָס, צװײ מאָל חתונה האָבן, ענע...

ע נ י

כ'שטאַרב פאַר צרות.

מ אַ ר ט י ן

אײנמאָל אויפן גוײשן אַרט: אין קאָורט...

מ ע נ י

מונטערט זיך

אַ — אַ — אַ ביסל גרינגער...

א יי ב י

און, אַ חופּה...

ע נ י

און, דערנאָך?

מ ע נ י

יאָ, און דערנאָך?

א יי ב י

אַז מ׳האָט שוין קיין ברירה נישט...

מ אַ ר ט י ן

און, מ׳מוז זיך אונטערגעבן...

ע נ י

דאָך אַלץ אַרויסקומען אויף דעם זעלביקן...

א יי ב י, מ אַ ר ט י ן

ווען דער חלף ליגט שוין אויפן האַלז?...

ע נ י, מ ע נ י

וואָס טויגן ווידער די אַלע אומזיסטע טראָבעלס? מטריח זיין דעם דזשאָדזש? דעם ראַבאַי? די האָל? מוזישענס!

א יי ב י, מ אַ ר ט י ן

זיי ברויכן דאָך אויך אַ לעבן צו מאַכן...

ע נ י, מ ע נ י

אויב ס׳גייט אין דעם, זיי צושיקן אַהיים דעם טשעק, וואָס זיי שטעלן זיך דערביי צו מאַכן, און אויסקומען אָן אַלעם...

מ ע נ י

ביי אַלע באָיס: איידער וואָס, האָבן זיי שוין דאָס אין זינען...

ע נ י

און בײַ זײ זאָל זײַן פאַרקערט װי בײַ אַלע באָיס ?

מ אַ ר ט י ן

באַרעכן נאָר, מעני, און נעם דיר גוט אין קאָפּ אַרײַן: װאָס איך האָב געטון ?...

מ ע נ י

װאָס, מאַרטין, האָסטו געטון ?

מ אַ ר ט י ן

נישט געלעבט, נישט געליבט... נישט געקענט פון פריער און דערנאָך... נאָר פלײן געגעמבעלט מיט דיר... געזען אַ מײדל: מעני, צומאָלט נישט געװאוסט מיט װאָס זי שמעקט, און געזאָגט: אָלרײט !

מ ע נ י

װײַל, דו האָסט געװאָלט זײַן אָריגינעלער פאַר אַנדערע באָיס.

ע נ י

מ׳ברויך נישט זײַן קײן מאָנקי, אײבי; און נאָכגײן, און נאָכטאַנצן װי יעדער אײנער. און אַלע אינאײנעם טון ?... פאַרליבן זיך, אױסגײן, צע־קריגן און איבערבעטן, — און ערשט נאָך אַלעם גײן ברוגזערהײט, אַראָפּגע־לאָזט די נאָז, אונטער די חופּה ?...

א ײ ב י

איך קלער נאָר אַרײַן: אױב ס׳װעט אונז דערנאָך נישט עפּעס אױספעלן, עני ?

ע נ י

אַ בײבי, מעיבי ?

א ײ ב י

דער ציטער פון שיפל, אױפן װאַסער; דער שאָטן פון בײמל אין פּאַרק...

מ אַ ר ט י ן

נישט אַפילו װיסן פאַר אַ קינד גאָר צו דערצײלן...

ע נ י

דאָס קומט קיינמאָל נישט אַוועק, אייבי; אויב ס'אי נישט פריער, ווען מ'איז חתן-כלה, — איז עס דערנאָך: מ'איז מאַן און ווייב... איינמאָל אין לעבן מוז עס זיין... דער חילוק איז בלויז, וואָס ביי אַלע אַנדערע גייען די יאָרן אַוועק מיטן ליבן זיך פאַר די חתונה... און אַז ס'קומט דערנאָך, איז מע שוין אויסגעליידיקט, טרוקן ווי אַ שפּאָן... און ביי יענעמען, וואָס גייט חתונה האָבן אָן דעם אַלעם, דערוועקט זיך ערשט די ליבע, די הייסע, וואָס וואַרימט און גליט, — דערנאָך, דערנאָך, און ווערט שוין פאַרדאָס קיינמאָל מער נישט אָפּגעקילט. איס אַרומגענומען.

מ ע נ י

אזוי אייגן מיט מאַרטין

די אייביקע ליבע, וואָס ווערט מער קיינמאָל נישט מער אָפּגעקילט...

מ ש ה - י אָ ס ל

קומט אַריינצולויפן

שוין באַלד איבערגעקערט ס'גאַנצע הויז, און ער איז נישטאָ...

ע נ י

באַדאַרפט אָפּרופן די רעזוירוו-פּאָליס.

מ ע נ י

דעם פייער-דעפּאַרטעמענט.

ל י ז ע

קומט נאָך אים נאָכצולויפן

אויף אַ רגע קאָן איך אים נישט אָנקריגן, כ'זאָל מיטן זיין אַליין...

מ ש ה - י אָ ס ל

מיך אַפילו אָנקריגן אויף אַ גאַנצע נאַכט, דיר אויכעט גאָרנישט אַרויס-קומען... רייסט זיך פון איר אויס, אָפּ.

ל י ז ע

אָפּ נאָך אים

נישטאָ קיין באַוועלטעניש פאַר מיר.

א י ב י

אַ געלעכטער אָן אַ זייט: איך האָב גענומען אַ טיקעט פֿאַר די פּענסיל־וויניע רעילראָוד טריין, וואָס גייט אָפּ איין מינוט נאָך צוועלף, און איך זע נישט איין, מ׳זאָל נאָך קאָנען היינט פֿאָרן...

מ אַ ר ט י ן

און איך וועל מוזן מאַכן אַ לאַנג דיסטאַנץ קאָל, אָפּרופֿן דעם האָטעל־קיפּער: אַז כ׳וועל קומען שפּעטער, ־ ער זאָל דערווייל נישט אַוועק־געבן די רום צו קיין אַנדערן... נישט אַנדערש אויסקומען ווי זיך אַוועקצולייגן אין מיטן די גאַס...

ע נ י

מ׳ברויך נאָך דערווייל גאָרנישט טון, אייבי; דער טאַטע וועט זיך באַלד אָפּזוכן, און זיין רעדי אין טיים... די ערד האָט דאָך אים נישט איינגע־שלונגען...

מ ע נ י

ס׳גאַנצע הויז אַרבעט אויף אים! צוגעזאָגט יעדן איינעם אַ גוטן טיפּ, ווער ס׳וועט אים ברענגען... אַ לעבעדיקן צי אַ טויטן, ־ איי דאָנט קער!... אַבי די חופּה זאָל קאָנען זיין...

ג ד ל י ה

פֿאַלט אַריין, אַ צעהיצטער

נאָ סער! מיך נישט לאָזן פֿירן פֿון אַ פֿעדלער פֿאַר די נאָז... באַלד גע־זאָגט: מ׳טאָר זיך מיט ריווינגטן סטריט נישט פֿאַרטשעפּען... אַ שנאָרער, אַ קבצן, מוז נעמען זיינס גלייכן, אַנישט וועט ער אים אייביק זוכן צו טרעטן אויפֿן קאָפּ... באָיס, אַהיים! מע האָט אייך דאָ אַריינגעכאַפּט!...

ע נ י, מ ע נ י

שטעלן זיך זיי פֿון פֿאָרנט

זיי וועלן אין ערגעץ נישט גיין אָן אונז...

ג ד ל י ה

נעמט אַראָפּ דעם פּאַסעק פֿון די הויזן, אַריינצולייגן

אַהיים, זאָג איך אייך...

ע נ י, מ ע נ י

הייבן אויף אַ געוויין

דאָס וועט מער קיינמאָל נישט זיין...

ש אָ ש ע

לאָזט זיך הערן

כ'האָב אים! זיך שוין איצט קיין לעבעדיקער פון מיינע הענט נישט אַרויסדרייען... *ברענגט אַריין געצלען, האַלטנדיק אַ פּיסטאָלעט אים ביים קאָפּ* נאָך איינמאָל דו זאָלסט פּרוּוון צו אַנטלויפן, לייג איך דיך אַוועק אַ טויטן אויפן אָרט... איר זעט ווי אַזוי איך פיר דעם טאַטן צו דער חופּה פון זיינע קינדער?...

ע נ י, מ ע נ י

לאָזן זיך אים אַנטקעגן מיט אויפגעהויבענע הענט

וואו האָסטו אים דערטאַפּט?...

ש אָ ש ע

מאַכט זיי אַוועק

אין די קאַר! דאָ לויפן אַלע אַרום ווי די פאַרסמטע מייז; שוין איבער-געקערט די בילדינג מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס קאַפּויר, די בעביכעס פון איר אויסגעטרייסלט, און דער מאַן מיינער זיצט זיך, גאָרנישט ווי מ'וואָלט אים געמיינט, — אין דעם מחותּנס זיבן-טויזנט-דאָלאַרדיקע קאַר און קוקט צו...

ג ד ל י ה

אַ גוט פּלייס זיך אָפּגעזוכט, אַ? ס'שמעקט אים די קאַר מיינע, אַ?

ש אָ ש ע

וואָס אַרט עס אים?...

ע נ י

שטילט זיך איין

אַז מיר ווערן אויסגעריסן און פאַרשעמט?...

מ ע נ י
שטילט זיך איין

ווען ס׳אי נישט אַזוי ביי מיר אויף די חתונה, שוין געוואוסט מיטן וואָס צו טון...

ע נ י

ווען ס׳אי נישט אַזוי ביי מיר אויף די חתונה, — זיך שוין געמעגט אָפּגעזעגענען מיטן לעבן...

מ ש ה - י אָ ס ל
לויפט אריין

די מאַמע האָט נ׳טאַטן געפונען ?... זי מוז יאָ זיין לאַקי... נישט אַלעמאָל געפינט דאָס ווייב אַזוי גרינג דעם מאַן... כע-כע... ס׳אי ווייניק, מאַמע, אַ פּיסטל... דו ברויכסט אים צוקייטלען צו זיך מיט אַ האַנט-קייטל, — מער געקאָנט זיכער זיין, אַז ר׳וועט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר נישט אַנטלויפן פון דיר... און ביי די צוויי פּאָר פלעקער, אויך דאָס זעלביקע מעגן טון... ווייל אַ חתונה, אַ קינד און עווערייטינג, איז נאָך אַלץ ווייניק פאַרן מאַן, ער זאָל נישט כאַפּן די פיס אויף די פלייצעס, און אַנטלויפן פון איר...

ג ע צ ל

ס׳וועגד זיך: ביי וואָס פאַר אַ ווייב אין די הענט מ׳שטייט איין...

ש אַ ש ע

גיי אַוועק, משה-יאָסל; כ׳וויל מאַכן אַ האָלד-אָפּ אויף זיין לעבן; ביי אים צונעמען ס׳לעבן...

מ ש ה - י אָ ס ל

כ׳ווייס נישט: וואו און ווען ס׳האָט נאָך אַ טאַטע דערלעבט אַזוי פיל שמחות מיט איינמאָל: צוויי חופּות מיט אַ בר-מצווה, — גייט ער זיך זיי אַליין פאַרשטערן... אָלרייט: דו האָסט אַן עוולה פון מחותן, — וואָס לאָזטו אויס צו די מיידן ?... און אויב דו קערסט נישט פאַר זיי, — וואָס האָסטו צו מיר ?... דו ווייסט דאָך: אַז ס׳איז אַלץ געקניפּט און געבונדן, זייערע חתונות מיט מיין בר-מצווה... און אויב ס׳וועלן קיין חופּות נישט

זיין, — וועט איך קיין בר־מצווה נישט זיין... באַשטייסטו: ס׳זאָלן, צוליב אַ נאַרישקייט, וואָס ס׳האָט דיר דאָרט געקאָנט אונטערפליען, — אַזוי פיל שמחות פאַרשטערט ווערן?...

ע נ י

אויב כ׳האָב נישט היינט חתונה, וואַרף איך מיך אויף צומאָרגנס אַראָפּ פון די ברוקלין בריק...

מ ע נ י

און איך, פון די מאַנהעטן בריק...

ש אָ ש ע

און אַז זיי זאָגן, מעג מע זיי גלייבן...

מ ש ה ־ י אָ ס ל

פון פריער

איך האָב די גאַנצע צייט געמיינט: דאָס איינשפּאָרן וועט זיך דער מחותּן, דער רייכער אָנקל דיינער: כ׳זאָל פריער פאַר אַלעם, איידע־ עפּעס וואָס, ווערן אַ חתן פאַר איר; און אויב ער האַלט זיך נישט אין די האַנט, — וואָס האַלטסטו אים ביים האַלז?...

ג ע צ ל

ציטעריק

אָלרייט!... אַז די גאַנצע וועלט זאָגט שיכּור, — גיין שלאָפן?...

אין די מינוט הייבן די כּלי־זמרים אָן שפּילן, און אַלע נעמען זיך פאַר־ מירן אין פאָרלעך, וועלכע גייען אָפּ אין די אַנדערע שטוב.

מ ש ה ־ י אָ ס ל

פאַרהאַלט די מוטער

סאַם דזשאָב! ווייסט, מאַמע, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? אויב איך האָב געברויכט ליידן אַ דין אַ די הויזן, און דרייצן יאָר זיין אין גלות ביי זיי, בלויז צוליב דעם וואָס צוויי יידישע טעכטער, ווער רעדט נאָך, — אַז דאָס זענען מיינע שוועסטערן, זאָלן קאָנען געהאָלפן ווערן, האָט זיך ס׳עסק שוין געלוינט!... נאָר וואָס ס׳וועט זיין דערנאָך, מאַמע... אַ בר־ מצווה ביי אַ מויד אין הויזן...

ש אָ ש ע

נאָר האַלטן אַ מינוט דערנאָך, מעגן אַריינקריכן אין אַ קליידל, און מעגן זאָגן גוד-ביי צו די הויזן...

מ ש ה - י אָ ס ל

ווידער האָבן גערעכט געווען, פאַרוואָס כ׳האָבן נישט געלאָזט אַרויס-רייסן קיין געלט ביי אים?

ש אָ ש ע

אַז כ׳פּטר אַראָפּ די צוויי מיידן פונם קאָפּ, איז עס ביי מיר מער ווערט ווי ס׳גאַנצע געלט; די צוויי זין זיינע זענען אים ווייניק? און מוז נאָך קריגן געלט אויכעט? רייך ווערן ביי די שרפה?

מ ש ה - י אָ ס ל

וואָס קלערסטו? די צוויי מיידן האָבן אים אַזוי ליב, – נאָך די חתונה אים אוודאי פאַרגעטערן; אויסגעצעבענע טעכטער אין אַמעריקע, גיבן בכל אַ סך, נישט, - די צוויי מיידן זיינע... אויף אַ צוקער-שטריקל, ער זאָל זיך האָבן אויף וואָס אויפצוהענגען, – דאָס אַלץ וואָס זיי וועלן אים געבן...

אין די אַנדערע שטוב הערט זיך דאָס שפּילן שטאַרקער. ס׳גייט אָן די חתונה.

ש אָ ש ע

שוין באַלד קומען נאָך אַלעם. אָפּ.

מ ש ה - י אָ ס ל

אַליין

מיט מזל איבערגעקומען, זיך איצט אָנהייבן אַן אַרבעט מיט מיר... און דאָס מאָל זיך מיאוס אָפּנאַרן: איך וועל שוין קיין חתן פּאַר די מויד נישט ווערן!... קיין בר-מצווה-באָי אויכעט נישט זיין... אָבער ביז עפּעס וואָס, דער ירידי הייבט זיך אָן, איז גוט וואָס כ׳בין אַליין... כ׳בין שוין לאַנג אַליין נישט געווען... אין דעם גרויסן טומל זיך אַליין געהאַט פאַרגעסן... די ביליגקייט און ביזנעסקייט פון די שידוכים ביי מיינע שוועסטערלעך, זאָלן לעבן, – האָבן מיך נישט געלאָזט נ׳קאָפּ אויפהייבן...

און די איצטיקע מינוט איז ווי געוואוינטשן... דער קאָפּ איז קלאָר...
די מחשבות ריין... און ס'האַרץ הייבט אָן זינגען...

לענעט

פאַלט אריין

העלאָ, משה־יאָסל!

משה־יאָסל

מוף! כ'וויל דיך נישט קענען!

לענעט

ברוגז?

משה־יאָסל

נאָכמער ווי דאָס...

לענעט

וואָס קאָן זיין מער?

משה־יאָסל

כ'וויל נישט: דו זאָלסט רעדן צו מיר...

לענעט

אָבער הערן, וועסטו?

משה־יאָסל

מיר אין דעם אויער אַריין, און דורכן אַנדערן אַרויס...

לענעט

דיר געבן אַן עצה: זאָלסט דיר פאַרשטופּן ס'צווייטע אויער, — אַז ס'זאָל
אינעווייניק בלייבן...

משה־יאָסל

מיר פאַרשטאָפּן ביידע אויערן, ס'זאָל גאָרנישט באַלד אַריין...

ל ע נ ע ט

וואָס האָב איך קעגן דיר אַזעלכעס געזינדיקט?

מ ש ה - י אָ ס ל

דו ווייסט שוין...

ל ע נ ע ט

זאָל איך שטאַרבן.

מ ש ה - י אָ ס ל

איידער דו זאָלסט שטאַרבן, וועל איך שוין בעסער הערן...

ל ע נ ע ט

אַזוי, ביסטו אַ גוטער ברודער.

מ ש ה - י אָ ס ל

קיין גוטער ברודער וועל איך שוין קיינמאָל נישט זיין, סיי... אַ גוטע שוועסטער!

ל ע נ ע ט

וואָס?

מ ש ה - י אָ ס ל

וואָס ביסטו מיר געקומען זאָגן?

ל ע נ ע ט

אַז כ'גיי אויף די אַנדערע וואָך אַוועק אין קעמפּ.

מ ש ה - י אָ ס ל

און די ישיבה?

ל ע נ ע ט

אין קעמפּ.

משה-יאָסל

שיינע ישיבות, די קעמפּס; כ'שטעל מיר פאָר די תורה, וואָס מ'קאָן זיך דאָרט אויסלערנען...

לענעט

דו האָלטסט נישט פון קעמפּ. און איך בין געקומען, דו זאָלסט מיט מיר מיטפאָרן...

משה-יאָסל

זיך אויסלערנען זייערע תורות, דאָרטן?

לענעט

ביי מיר נישט אַנדערש געווען, ווי, — אַז כ'וועל גיין נעמען אַ רום, זאָל איך דיך אין זינען האָבן...

משה-יאָסל

מיטן אָנקל גיין אין אַ טירקישע באָד, און מיט אים וואוינען אין איין רום, — ס'אי מיר גוט...

לענעט

מיט אַ חבר, אַ פריינט, אַן אייגענעם, וואָס מ'זיצט טאָג און נאַכט צוזאַמען: האַנט ביי האַנט, אָרעם ביי אָרעם, און מ'לערנט תורה, — זאָל מע אין קעמפּ אויך נישט מאָרן וואוינען אינאיינעם?

משה-יאָסל

אוודאי; דו האָסט גאָרנישט וואָס איינצושטעלן, און ס'וועט פון דיר גאָר נישט אָפּקומען...

לענעט

וואָס האָסטו איינצושטעלן? און וואָס קאָן דיר אָפּקומען?

משה-יאָסל

כ'וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת: כ'בין נאָך קיינמאָל נישט געשלאָפן מיט אַ פרעמדן מאַן אַליין, אין איין רום...

לענעט

שעמסט דיך פאַר אים אין די אויגן, אויסצוטון?

משה-יאָסל

וואָס איז זיך דאָ פאַראַן צו שעמען? ביסט אַ יונג און איך אַ מויד? מיר וועלן עפּעס צוכאַפּן? און אַז דו וועסט וועלן, בין איך אַזאַ טשוטשעלע, — כ'זאָל מיך לאָזן?...

לענעט

נאַר, וואָס דען?

משה-יאָסל

כ'גלייך נישט צו הערן יענעמען כראָפּען ביינאַכט; אַז כ'הער ווי עמעץ הייבט-אָן פייפן און גרילצן מיט די נאָז, — האָב איך אַזאַ געפיל ווי אַרויסצושפּרינגען דורך אַ פענסטער...

לענעט

איך כראָפּע נישט ביינאַכט; כ'רעד בלויז פון שלאָף.

משה-יאָסל

דאָס אַלעס?

לענעט

וואָס אַרט עס דיך? מיך קאָנען לאָזן רעדן צו די ווענט...

משה-יאָסל

איך וויל אָבער נישט זיין דערביי, און דאָס הערן...

לענעט

ווייסטו וואָס?

משה-יאָסל

ניין.

לענעט

אויב דו זאָלסט באַשטיין צו נעמען מיט מיר די רום, — וועל איך מיר פאַרן שלאָפן גיין לאָזן פאַרקלעפּן ס'מויל...

משה-יאָסל

אַז ער וועט זיך לאָזן פאַרקלעפּן ס׳מויל, בין איך שוין זיכער: כ׳זאָל מעגן מיטן שלאָפן אין איין רום...

לענעט

מיט וואָס קאָנסטו דען מער זיין באַוואָרנט פאַר מיר?

משה-יאָסל

און דאָס איז צופיל...

לענעט

אויב דו ווילסט וויסן, וואָלט איך מיך גאַנץ גוט געקאָנט באַגיין אָן דיר; ווייל מער ווי צרות, ווייס איך, — פון דיר דאָרט נישט האָבן; וואו כ׳וועל מיך ווענדן צורירן, — באַלד אַרויסקומען מיט אַ פּסוק...

משה-יאָסל

וואָס זאָלסטו דיך עפּעס ווענדן צורירן?

לענעט

ס׳אי נאָר דערפאַר: ווייל, אַז מ׳נעמט אַ גרויסע רום, האָט מע אַלע באַקוועמלעכקייטן; צוויי פענסטער, אַ פאָטש אַ ברייט דאָבל-בעט...

משה-יאָסל

דער אָנקל מיטן בעט! אַלע, מיט די ברייטע בעטן...

לענעט

אין אַ קעמפּ איז ס׳אָרט זייער טייער, און מ׳קאָן זיך אַ סך, איבער-הויפּט זומער, — נישט אויסביטן; צוויי בעטן אין איין רום, דאָס איז אַפילו אין שטאָט ביי פאַרעלטערטע מענטשן, ווייניק צו טרעפן; און אין די קעמפּס, וואו ס׳קומען בלויז פּאָרלעך, זענען די רומס באַלד אויפגעפיקסט מיט דאָבל-בעטן...

משה-יאָסל

כ׳וויל נישט פאָרן אין קעמפּ אַריין, זיין אַ פאַרטנער מיט דיר צו אַ דאָבל-בעט...

ל ע נ ע ט

זע נאָר ס׳אַר פּיטשאָכדיק פּנימל דו האָסט... און ווי קליין דו ביסט אײנגאַנצן... שטענדיק אין די ישיבה... איבער די גמרא...

מ ש ה - י אָ ס ל

מיך נישט פאַרעדן...

ל ע נ ע ט

אויב דו זאָלסט זיין אַ ביסל מער אויף די לופט, — קאָן נאָך אַמאָל אַרויסוואַקסן פון דיר אַ שטיק יונג...

מ ש ה - י אָ ס ל

דאָס, קיינמאָל נישט.

ל ע נ ע ט

דו האָלטסט ערשט אין וואַקסן... און נאָך נעמען אויף זיך אַ שפּאָר ביסל פלייש... בלויז ביינער!

מ ש ה - י אָ ס ל

האַקט אים איבער די הענט

טאַפּ אַ ביסל וויניקער...

ל ע נ ע ט

מ׳קאָן זיי דאָך אויף דיר אָנציילן...

מ ש ה - י אָ ס ל

צייל דיר דיינע ציין.

ל ע נ ע ט

אין קעמפּ, אַז די ביימער וועלן זיך צעבליען אַרום פענסטערל... די פייגעלעך אַריינזינגען... און דערפילן די ריחות... מיינסט, כ׳וועל נישט לערנען?... ס׳לערנט זיך דאַן נאָך געשמאַקער!...

מ ש ה - י אָ ס ל

כ׳שטעל מיר פאָר...

לענעט

וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לייט איז צו לייט...

משה-יאָסל

אוודאי... מיינסט, כ'ווייס נישט צוליב וואָס דו פּאָרסט?

לענעט

צוליב וואָס?

משה-יאָסל

דאָ קאָנסטו נישט אָפּן אַרויסוויַיזן מיט וואָס דו שמעקסט, און דאָרטן ווערן הפקר... נאָכלויפן די מיידן אויף וואָס די וועלט שטייט...

לענעט

דו ביסט דאָך אַ באָי; וואָס קאָן דיך אָרן אַז כ'וועל נאָכלויפן די מיידן? ווען דו זאָלסט זיין אַ מיידל, און כ'זאָל נאָכלויפן אַנדערע, — גיכער געקאָנט האָבן אויסצוזעצן...

משה-יאָסל

נו?... אַ יונג ווי אַ בוים... און... קאָן נישט ס'האַרץ פּלאַצן?...

לענעט

אַזוי לאַנג ווי דו ביסט אַ באָי, דיינע ביזנעס, — אַז כ'לויף נאָך מיידלעך?...

משה-יאָסל

ווי פריער

נישט קיין ריס אין האַרץ, אַז צוליב אַ פּאָר נאַרישע הויזן, וואָס מיין מאַמע האָט אויף מיר אַרויפגעשלעפּט, — זאָל איך אַלץ ברויכן דערשטיקן אין זיך?...

לענעט

וואָס האָסטו געזאָגט?

משה-יאָסל

וואָס וואָלסטו, אַ שטייגער, אַזוי געטון: ווען איך זאָל זיין אַ מיידל?

ל ע נ ע ט

דו קאָנסט עס אַזוי זיין, ווי איך אַ באָבע.

מ ש ה - י אָ ס ל

דאָך ?

ל ע נ ע ט

פרווו נאָר...

מ ש ה - י אָ ס ל

נו ?

ל ע נ ע ט

זיכער נישט געקומען דערצו, כ׳זאָל נאָכלויפן אַנדערע ; ווייל כ׳וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געוואָלט קיין שענערע, קיין קליגערע, ווי דו ביסט...

מ ש ה - י אָ ס ל

ר׳זאָל עס מיינען מיטן גאַנצן האַרץ, — שוין באַלד געווען אַ יושר...

ל ע נ ע ט

וואָס ?

מ ש ה - י אָ ס ל

זיך איבערצודרייען אויף אַ מויד...

ל ע נ ע ט

ס׳וועט שוין פון דיר אין דעם גלגול קיין מויד נישט זיין...

מ ש ה - י אָ ס ל

מ׳קאָן גאָרנישט וויסן ; ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך...

ל ע נ ע ט

סוף גנב לתליה, און פריער צי דערנאָך מוזן גיין לויפן זוכן ס׳אייגענע וואָס איך...

מ ש ה - י אָ ס ל

וואָס זוכסטו?

ל ע נ ע ט

אַ קליידל.

מ ש ה - י אָ ס ל

איך וועל מיך שוין מוזן באַגיין אָן דערין.

ל ע נ ע ט

מיט קיין באַי וועט פון דיר גאָרנישט אַרויסקומען.

מ ש ה - י אָ ס ל

דו קאָנסט גאָרנישט זיין אַזוי שור.

ל ע נ ע ט

דערווייל: ווי לאַנג דו ביסט נאָך אַ באַי, האָב איך דיך ליב, — ווי ס'קאָנען זיך ליב האָבן צוויי באָיס, ישיבה-בחורים, וואָס זיצן יאָרן לאַנג איינאיינעם אַריבערגעבויגן איבער איין גמרא, און לערנען... און לערנען... און לערנען... אָפּ.

פון די אַנדערע שטוב, וואו ס'איז שוין נאָך אַלעם, קומען אַריין: עניּ מעני, —ביידע צעטראָגן.

ע נ י

אוי, געוואַלט! שוין צוויי מאָל חתונה געהאַט.

מ ע נ י

אין קאורט.

ע נ י

און דורך אַ רב.

מ ע נ י

געשטאַנען אונטער די חופּה.

ע נ י

אַרומגעדרייט זיבן מאָל ווי אַ טשיקן, ווען מ׳שלאָגט מיט איר כּפּרות...

מ ע נ י

געטרונקען סאַקראַמענטל־ווייַן...

ע נ י

צעבראָכן ס׳גלאָז.

מ ע נ י

שוין נאָך די גילדערנע יויך, אויך.

ע נ י

אַ פֿריש אומגליק מיט משה־יאָסלס בר־מצווה.

מ ע נ י

וואָס האַלט מע איר אויף?

ע נ י

דער מחותּן מיטן טאַטן האָבן זיך נאָך אַלץ די קעפּ נישט אַראָפּגעדרייט.

מ ע נ י

וואו איז די מאַמע מיטן פּיסטל?

ע נ י

נישט אַלעמאָל גילט עס

ע נ י, מ ע נ י

לויפֿן בײדע און ברענגען אַרײַן משה־יאָסלען אויף די הענט צו טראָגן

דו וועסט נאָך הײַנט אַמאָל בר־מצווה ווערן, צי ניין?

מ ש ה ־ י אָ ס ל

וואָס ברענט בײַ אײַך? אַ? שוין חתונה געהאַט, ניין?

ע נ י, מ ע נ י

דאָס הייסט: חתונה געהאַט?

מ ש ה - י אָ ס ל

קיינער ביי אייך גאָרנישט איצט אָוועקכאַפּן; נישטאָ וואָס צו שפּרינגען פון די הויט...

ע נ י , מ ע נ י

ס'אי דאָך גלאַט אַ רחמנות אויף די בּאָיס!

מ ש ה - י אָ ס ל

ס'אויף אייך מער רחמנות צו האָבן, האָב איך מורא...

ע נ י

שוין צוליבן ערשטן ברוגז, זיך פּאַרשפּעטיקט מער ווי מיט אַ האַלבע שעה; און ביז מ'וועט איבערוואַרטן דעם צווייטן ברוגז...

מ ש ה - י אָ ס ל

רבונו יונה!

מ ע נ י

אויף ווען וועט עפּעס אַרויסקומען?

מ ש ה - י אָ ס ל

אַזוי? דער האָבער שטעכט אייך? נעמט די מענער, און גייט באַהאַלט אייך מיט זיי, ס'זאָל אייך קיינער פאַר די אויגן נישט זען...

מ ע נ י

נישט אַנדערש אויסקומען צו טון, זע איך...

ע נ י

אַנישט: וועט מיין אייבי נאָך פאַרלירן די טריין...

מ ע נ י

אין מיין מאַרטין מוזן מאַכן אַ לאָנג-דיסטאַנץ קאָל, דער האָטעל-קיפּער זאָל די רום נישט אַוועקגעבן..

ע נ י

מיט די טריינס פאָרן גאָר היינט נישט קיין אַנדערע מענטשן, ווי יונגע פאָרלעך אויף זייער האָני-מאָן. אָפּ.

מעני

דזשון-ברייטס; די רומס ווערן נאָך פריער אויסגעכאַפּט פון די קאַפּעלס, איידער די אַנדערע ליידיקן זיי אויס... אַפּ.

משה-יאָסל

איצט בין איך זיי אין די וועג... ווילן זיך נישט וויסנדיק מאַכן: אַז נאָר מיר צוליב האָבן זיי חתונה געהאַט; אַזוי גיך ווי זיי האָבן זיך אָפּגענומען ס׳זייעריקע, — בין איך זיי איבעריק, און קענען מיך נישט מער; לוינט זיך אַפילו נישט אויף מיר צו פטרן קיין איבעריקע האַלבע שעה...

לענעט

קומט

וואו איז דער טאַטע דיינער?

משה-יאָסל

וואָס ברויכסטו אים?

לענעט

כ׳וויל אים זאָגן: ער זאָל זיך נישט צואיילן מיט די בר-מצווה... די גאַנצע ישיבה לערנערס ברויך קומען... רבנים... זיבן אַלטע יידן דיך פאַרהערן... צו דרייצן יאָר אַרויסגעבן סמיכה, זאָלסט מעגן זיין אַ רב ביי יידן... אַפּ.

משה-יאָסל

סיי-ווי נישט אַזוי גיך אַרויסקומען; זיך נאָך אַרומדינגען ביז נאָך די האַלבע נאַכט.. זינגט אונטער.

זיבן יידן ווי די בערן,
וועלן קומען מיך פאַרהערן.

ליזע

קומט אריין

שיין! זייער שיין! אַוועקגענאַרט, מ׳זאָל נישט ברויכן זיצן אינאיינעם ביים טיש...

משה-יאָסל

דאָס געטון פאַר דיין טובה וועגן; זאָלסט קאָנען אויך אויפעסן מיין חלק.

ליזע

אויפעסן דיין עסן, אַלעמענס עסן, און אַלץ נישט זיין זאַט, — אַז כ'וועל דיך נישט האָבן...

משה-יאָסל

מיך, האָב איך מורא, — שוין קיינמאָל נישט האָבן.

ליזע

כ'האָב היינט באַנייט אַ ניי דרעסקעלע, ס'געפעלט דיר?

משה-יאָסל

וואָס קאָן מיר אַ דרעסקעלע געפעלן?

ליזע

גיב מיר אַ קוש.

משה-יאָסל

וואָס וועט דיר שוין אַרויסקומען, כ'וועל דיר געבן אַ קוש?

ליזע

וועל איך מיך באַלעקן מיטן.

משה-יאָסל

פאַרוואָס זאָל איך דיך קושן, און נישט דו מיך?

ליזע

ווייל איך בין אַ מיידל; און אַ באָי ברויך קושן אַ מיידל.

משה-יאָסל

אויב אַזוי, זענען מיר איוועך; און מ'ברויך זיךביידע נישט קושן.

ליזע

מיינסט: ווייל דיינע שוועסטערן האַלטן שוין דערנאָך, — וועסטו שטיין

אין גרויסן, און זיך רייצן מיט מיר?

מ ש ה - י אָ ס ל

מיך פריער נישט גערייצט, און נישט רייצן דערנאָך...

ל י ז ע

נעמט אים קושן

דיך נאָר אַ ביסל דערוואַרימען, באַלד אַנדערש ווערן...

מ ש ה - י אָ ס ל

קוש היינט, קוש מאָרגן, אַז כ'שפּיר דערין קיין טעם נישט...

ל י ז ע

וואָס דען זאָל איך פאַר דיר טון, זאָלסט שפּירן אַ טעם?

מ ש ה - י אָ ס ל

וואָס דו זאָלסט נישט טון, אַלץ זיין אַרויסגעוואָרפן...

ל י ז ע

שוין? בין איך שוין פאַר דיר גאָרנישט?

מ ש ה - י אָ ס ל

פאַר יעדן איינעם באַי, נאָר נישט פאַר מיר.

ל י ז ע

וואָס איז מיט דיר?

מ ש ה - י אָ ס ל

אַ רעטעניש.

ל י ז ע

נאָר געזען: ווען דו זאָלסט מיט מיר אָפּירגיין פון אונטער די חופה, — צי דו וואָלסט אויך געקאָנט אַזוי איינשטיין?...

מ ש ה - י אָ ס ל

און קיין חופה דאָ גאָרנישט העלפן.

ליזע

ווייל דו ביסט נאָך יונג?

משה־יאָסל

עלטער ווערן, דיר אויך קנאַפּ אַרויסקומען.

ליזע

זאָל איך מיך איינשפּאַרן, און וועלן אַ חופּה

משה־יאָסל

אַזוי ווי דער טאַטע האָט זיך איינגעשפּאַרט, און געוואָלט אַ באַי...

ליזע

דיין גליק: ביסט נאָך קיין דרייצן יאָר נישט אַלט, כ'זאָל קאָנען זיכער זיין מיט דיר...

משה־יאָסל

עפּעס ייִנגערס טויג זיך היינט אויכעט אויס...

ליזע

זאָל איך מיך איינשפּאַרן?

משה־יאָסל

אַ גרויסע זאַך?

ליזע

גאָר אַ גרויסע...

משה־יאָסל

מ'נעמט, און מ'זאָגט אָפּ דעם פּסוק...

ליזע

און, שוין?

משה־יאָסל

מ'צעברעכט אַ גלעזל.

ל י ז ע

און, שוין ?

מ ש ה - י אָ ס ל

מ׳טרינקט וויין.

ל י ז ע

און, שוין ?

מ ש ה - י אָ ס ל

מ׳פאַרזוכט פון די גאָלדענע יויך.

ל י ז ע

דאצרייט, די גאָלדענע יויך ! כ׳וויל פאַרזוכן פון די גאָלדענע יויך...

מ ש ה - י אָ ס ל

קום אַריין, נאָך אוודאי געמוזט עפּעס דאָרטן איבערבלייבן ; מיינע שוועסטערלעך זענען אַפילו גרויסע נאַשערס, נאָר איר מסתמא אינגאַנצן נישט אויסגעטרונקען... אָפּ מיט איר.

ס׳קומען אַריין די זיבן יידן ווי די בערן, מיט די שווערע בערד.

ד י י י ד ן

רופן

משה-יאָסל ! משה-יאָסל !

משה-יאָסל, ליזע, געצל, גדליה, שאָשע, עני-אייבי, מעני-מאַרטין.

אַ ש ו ו ע ר ע ר י י ד

פון זיי

מיר זענען דיך געקומען פאַרהערן, משה-יאָסל ; דיין קאָפּ, דיין שאַרפ-קייט און חריפות, - זאָגט מע : איז נישט פון קיין קינד, נאָר פון אַן אַלטן ; דיין עלוישקייט, תורה-לערנען, - האָט נישט קיין גלייכן ; דערי-

בער ווילן מיר וויסן: אויב דו וועסט ראוי זיין נאָך בר־מצווה צו ווערן רב ביי יידן...

זעצן זיך אַלע אַרום׳ן טיש. באַלד קומען די ישיבה־לערנערס, עס באַקומט זיך אַ ריין בית־מדרש מיט אַן ארון־הקודש, אַ בימה, אַן עמוד, הענגל לייכטער, מיט אָנגעצונדענע ליכט.

אַלע לערנען הויך און געשמאַק אויפן קול.

שאָשע

שטייט איבער געצלען מיט אַ רעוואָלווער ביים קאָפּ

אַפילו צו דער בר־מצווה פון קדיש זיינעם, וואָס ער וואָלט זיך תּמיד געלאָזט פאַרן ב׳קאָפּ אַראָפּשניידן, — ברויך מע אים אויכעט נעמען איבער אַ געוואַלט...

עני, מעני

קאָנען נישט איינשטיין

ווען ווערט שוין דאָס היינט אַמאָל אַ סוף איינגענעמען?...

עני

אים נאָך אויסקומען צו נעמען אַן אַנדערע טריין, מיין אייבּין.

מעני

און מיין מאַרטין צו מאַכן אַ לאָנג־דיסטאַנץ קאָל; אים נישט מיידן.

דער שווערער ייד

געצל בן דוד! דו ביסט אויפגעפאָדערט צו זאָגן פאַרן בית־דין: די שעה, די רגע, און די מינוט, — ווען דיין זון משה־יאָסל, האָט דערזען די ליכטיקע וועלט פאַר די אויגן; וואָרן טאָמער, חלילה, פעלט אים נאָך אויס אַ הונדערטסטל פון אַ רגע צו דרייצן יאָר, ווערט זיך דאָס בית־דין זען אויפצוהאַלטן מיטן כתב־רבנות.

געצל

ציטעריק

וואָס ב׳ין איך דען געשטאַנען דערביי, ווען ער איז אויף דער וועלט געקומען?

ד ע ר ש װ ע ר ע ר ײ ד

שאָשע בת טאָלצע, װאָס װײסט איר צו זאָגן ?

ש אָ ש ע

ציטעריק

אַז, ס'איז געװען בײנאַכט... ס'האַרץ האָט מיר געקלאַפּט װי בײַ אַ גזלן... דער פאַרנאַרטער מאַן מײַנער האָט מיר געהאַט אָפּגעזאָגט ס'לעבן: אַז כ'װעל אים האָבן נאָך אַ מײדל... און געלעגן אין אײן טויטשרעק... נישט געװאוסט פאַרװאָס פריער מורא צו האָבן: צי פאַר אַ שלעכט האָבן, אָדער פאַר נאָך אַ מײדל... די אײנע מאַמע, אָדער די הײװן, װעלכע זענען געװען דערבײַ, לעבן נישט מער... און דעריבער װײס איך נישט... אַז כ'האָב אים געהאַט, האָבן די װײַבער מיר געזאָגט: אַ מײדל! און פאַר גרויס שרעק, – ער זאָל מיך נישט אַרויסשטעלן מיטן בעט, פאַר אים געזאָגט: אַ ײנגל!

ג ע צ ל

שיסט אויס

בחנם אפשר מלחמה געהאַלטן? נישט פריער געװאוסט, אַז מ'האָט מיר אונטערגעשטעלט אַ פיסל? און אַז ער איז גאָר קײן באָי נישט?

ג ד ל י ה

אויסער זיך

װ-אָ-ס ? מיך גאָר אָפּגענאַרט ?

מ ש ה - י אָ ס ל

האַלב אַמעריקע אָפּגענאַרט.

ג ד ל י ה

און ער איז גאָרנישט דאָס, װאָס כ'האָב מיר פאָרגענומען? אם כן, למה זה אנוכי? צװאָס בין איך װידער געקראָכן אויף ריװינגטן סטריט?... כאַפּט אַראָפּ דעם פּאַסעק פון די הױזן באָ-יס, אַהײם!

ע נ י, מ ע נ י

מחותן, האָלד יור האָסעס! זײ זענען נישט מער אײערע באָיס, נאָר אונזערע מענער!

מ ש ה - י אָ ס ל

פּעטער גדליה, וואָס ווילט איר? אַלץ אַריינכאַפּן? אויך מאָל זיך משדך געווען, — געננוג; אַ דריטן מאָל איז מע ביי יידן זיך נישט משדך...

ש אָ ש ע

וואָס שיט ער אים. נאָך זאַלץ אויף די וואונדן?

ג ד ל י ה

נאַדיר ווידער, איר; אַ רב אין אַ ספּאָדניצע, — און ביי מיר פּסקענען שאלות..

פ אָ ר ה אַ נ ג

עפילאג

אַ פּאָר מינוט דערנאָך
אין אַ זייטיק צימער

געצל

אצינד וועל איך דיך פרעגן: גזלן, משה-יאָסל! אַז דו האָסט געוואוסט: ביסט נישט דאָס וואָס דו ביסט...

משה-יאָסל

אַנגעטון ווי אַ מיידל

יאָ!

געצל

וואָס האָסטו נאָך געהאַט אַזוי מלחמה צו האַלטן, און בשום אופן נישט געלאָזט אַרויסשלעפּן פונם די עטלעכע טויזנט דאָלאַר?

משה-יאָסל

אים צוגענומען ביידע זין, איז פאַר דיר ווייניק? אים נאָך געזאָלט לאָזן אויסרייסן מיט געלט אויך? מ'ברויך דאָך האָבן אַ שטיקל נאמנות אויכעט?

געצל

אַ מצווה אַ חזיר אַ האָר אויסצורייסן...

משה-יאָסל

דו ווייסט, טאַטע, אַז כ'האָב באַשטאַנען צו זיין אַ באָי, בלויז צוליב די צווי שוועסטערלעך מיינע, וואָס דו האָסט געהאַט זיצן איבערן קאַרק, און אַזוי געציטערט: זיי זאָלן דיך נישט גראָ און אַלט מאַכן... אָבער מיט דער מינוט וואָס זיי האָבן חתונה געהאַט, און אַראָפּגעפּטרט די דאגה פון קאָפּ, — וואָס האָב איך נאָך לענגער געהאַט צו שטעקן אין די הויזן?...

געצל

ווי אַזוי האָט מיר דער קאָפּ געקאָנט אויפהערן דאַרן, אַז נאָכדעם ווי כ'וועל פטור פון ביידע מיידן, האָב איך געוואוסט: ס'רוקט זיך אָן אַ פרישע צרה אויף מיין קאָפּ!... און כ'קריג פון דער העלפט הויט אַ פרישע מויד... נו?... מיך כאָטש געמעגט וועלן באַוואָרענען מיט דיר, — כ'זאָל האָבן, ווי ס'מאַכט זיך, אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר צוקאָפּנס?...

מ ש ה - י אָ ס ל

בין איך, מיט מײַן גאַנצע שײנקײט, חכמה, נאָך אַלץ בײַ דיר געװען א זאָרג אױפֿן קאָפּ?

ג ע צ ל

מיט אַ מויד: װי קלוג, װי געלערנט, און װי שײן זי זאָל נישט זײַן, — קאָן מע אַלץ קײן חכם נישט זײַן...

ל ע נ ע ט

רוקט זיך אונטער

אויב אַזוי, װעל איך אײַך די זאָרג פֿונם קאָפּ אַראָפּנעמען... נעמט זיך מיט איר אַרום.

ג ע צ ל

צעטומעלט

אויב דו האָסט אים געהאַט צוקאָפּנס, מוז איך מיך שוין אונטערגעבן...

מ ש ה - י אָ ס ל

נו?

ג ע צ ל

דאָס אײנע אָבער מוזן צוגעבן: אַז נישט יעדעס אײנע מײדל איז באַלד אַזוי שײן, אַזוי קלוג, אַזוי געלערנט, און געראָטן מיט אַלעמען, — אַז אַ רײַכן טאַטנס זון זאָל איר װעלן נעמען װי זי גײט און שטײט...

מ ש ה - י אָ ס ל

מ׳ברויך נישט זײַן שײן, נישט קלוג, נישט געלערנט, און נישט געראָטן. דו קאָנסט עס זען בײַ דײַנע אײגענע טעכטער... אַלץ װאָס מ׳ברויך האָבן, איז אַ שטיקעלע מזל; און ס׳מזל איז פּונקט אַזאַ זאַך, װאָס קאָן זיך אַרײַנלײגן אין מיאוסטן באַשעפֿעניש, און ס׳זאָל אויסנעמען נאָך מיט עפּעס בעסערס װי מיט אַ רײַכן טאַטנס אַ קינד...

ג ע צ ל

שאָשע, קום נאָר אַהער.

ש אָ ש ע

וואָס ווילסטו ווידער ?

ג ע צ ל

וואָס וועט אַצינד זיין מיטן נאָמען ?

ש אָ ש ע

מיטן נאָמען וועט גאָרנישט זיין ; מיטן נאָמען איז אָלרייט ; ערשט באַדאַרפט נעמען די באָבעס נאָמען, אַ ליכטיקן גן-עדן, — און אים איבערפירן, צעקאָליטשען. פון מרים-יוטע אויף משה-יאָסל ; אַזוי האָסטו איר, די באָבע דיינע, וואָס דו הרגעסט דיך אַזוי פאַר איר אַוועק, — אַזוי ווי זי איז, איר צו לאַנגע יאָרן, — מרים-יוטע !

ג ע צ ל

פאלט איר אויפן האלז

מרים-יוטע ! מרים-יוטע !

פ אָ ר ה אַ נ ג

משה דר״קאפ

א סצענע

עס שפּילן:

ר' ברוך

משה

בײ ברוכן אין שטוב

ב ר ו ך

זיצט פאַר זיך, פאַרטיפט אין אַ סדר׳ל, אַ קאַפּל אויפן קאָפּ.

מ ש ה

קומט אַריין

אַ גוטן אָוונט, ר׳ ברוך! דאַכט זיך: כ׳האָב געטראָפן, אַ?... וואַ... מיר אַ חידוש: ווי אַ ייד, און נאָך דערצו אַזאַ ייד ווי איר, קאָן זיך פאַרגינען צו וואוינען אויף אַזאַ גויישע גאַס? איך, בין אָנגעקומען אַהער, ממש מיט סכנות נפשות... געשפּילט מיטן לעבן... זיך אָנגעגאַנגען הענט און פיס.. אַ וויסטע לענג פון אַ גאַס, — גרויס ווי ס׳גלות!... קיין ייד זעט מע נישט אויף איר... און אויב יאָ, — גיי, און דערקען עס דאָ אין אַזעלכן, אַז ס׳אי קיין ברעקל יידישקייט און קיין פנים נישטאָ... גאַלע מאָרדע! ס׳קומען מיר אַנטקעגן גויים, רק מיט אַזעלכע רציחהדיקע און אָנגעפרעסענע צורות, אַז זיי וואָלטן מיך איינגעשלונגען מיטן קוק; און אַז איך שטעל מיר איין ס׳לעבן, און האַלט איינעמען׳ אָפּ: „וואו ס׳וואוינט דאָ אַ ייד, ר׳ ברוך?״ קוקט מיך יענער אָן מיט אַ פּאָר בלאָע אונטערגעהאַקטע אויגן, און שטופּט מיר גלייך זיין טריפהנע צורה מיט די שפּיציקע וואָנסעס אין פּנים אַריין... טפו!... עשו?... רק, עס שיכורט!... כ׳פאַרשטיי: אַזוי ווי דאָס באַקומט נאָר די פּאָר רובל שכירות, מאַכט מע תיכף מיט זיי אַ שפּאַציר אין שענקל אַריין, און דערנאָך אַ טענה, צו וועמען? צום ייד! נו?...

ר׳ ב ר ו ך

יאָ... יאָ..

מ ש ה

וואָלט דאָס געטרונקען ווי אַ ייד טרינקט, אויף אַלע שבת אַ פלעשעלע, און באַזונדער אַ פלעשעלע, ווען דער פעלדשער הייסט מאַכן וועלכן קינד ס׳איז, אַ קאָמפּרעסל אויף אַ זייטעלע, און ס׳בלייבט דערפון עפּעס איבער, אַן עוקץ.. און... דאָס הייסט געטרונקען אַ ביסל, אַ?... איי, וועט איר מיך פרעגן: מה קמשמע לן? וואָס האָט אַ ייד מער, אַז ער טרינקט נישט, און עשו ווייניקער, אַז ער טרינקט יאָ? נאָר, וואָס פאַר אַ גלייכן?... אַ ייד האָט דאָך סיי־ווי נישט, און עשו, ווען ער זאָל

נישט טרינקען און אַריינלייגן ס'גאַנצע דאַבּרע מזל אין פּעשל אַריין, — וואָלט ער דאָך יאָ געהאַט !... אַ קליינינקייט: וואָס אוצרות זיי בּראָקן אין דעם אַריין ?... און רעד מיט זיי, איז דאָס אַ גאַנצער עולם הזה... אַז, אָך און אַז וויי, וואָס פאַר אַן עולם הזה דאָס קאָן שוין זיין !... כע־כע... אַהיימקומען, ס'גילדערנע און גוטע, — צעדמט, און אויסהרגענען ס'ווייב מיט די קינדער, מאַכן אַ תּל פונם ביסל בעביכעס... און ווען נישט, איז רעכט צו בּלייבן ליגן אַ גאַנצע נאַכט אין רינשטאָק... כע־כע... אַ שיין ביסל עולם הזה... היט מיך אָפּ, רבונו דעלמא כולא.

ר׳ ברוך

אוודאי אַהערגעקומען מכּות צפּעס אַן ענין ? און, נישט רעדן גלאַט אין די וועלט אַריין ?...

משה

אוודאי ! איך רעד נישט גלייך צו די זאַך, פאַרשטייט איר מיך, איז דערפאַר: ווייל אַזאַ ייד ווי איך, איר קוקט אים אָן, פון קאָפּ ביז צו די פיס, זייט וויסן: האָט אַ גרויסן שלימזל ! אָבער ! גאָר אַ גרויסן ! און וואו ער גייט, לויפט שוין דער שלימזל זיינער צופריער פאַר אים, און באַגראָבּט איטליכעס עסק, איטליכעס געשעפטל, ניין איילן טיף אין דרערד אַריין... און ווי שייך, איז ער, דער שלימזל מיינער, נישט אַריינגעקומען אַהער מיט אַ רגע פריער, איידער איך בין אַריינגעקומען, און היט מיר דאָ שוין אָפּ ס'לעבן ? דעריבער וויל איך זיך נישט וויסנדיק מאַכן פון גאָר, ער זאָל מיינען: מי־יודע, וואָס איך האָב דאָ בדעה אויפצוטון ?... און אַז ער וועט זען: כ'בין דאָ גאָרנישט אויסן, — זיך מסתמא גיין זיין וועגס, און דענסטמאָל ערשט קאָנען רעדן אַ וואָרט, זיין זיכער: ס'שטייט נישט קיינער דערביי וואָס מאַכט קאַליע...

ר׳ ברוך

יאָ... יאָ...

משה

פרעגט אייך: ווי אַזוי כ'בין אַהערגעקומען ? גאָר קיין שאלה נישט... פאַרשטייט זיך: אויף די פיס... אויף אַזאַ גאַס, קאָן מע זיך דאָך אָנגיין נישט בלויז אויף די פיס, נאָר אויך ס'לייב מיטן לעבן ?... נאָר דערויף

בין איך דאָך אַ ייד, אויף וואָס גיט זיך דאָס אַ ייד נישט קיין עצה?... אָנגעקלאַפּט צופריער אוודאי אין אַ שיינע פּאָר הייזער... געלאָזט אויפמאַכן אומזיסט איבער צוואָנציק פּאָר טירן... מטריח געווען אַ ביסל משרתים און יוצר משרתים, — זיי זאָלנס מיר מוחל זיין... נאָר דאָס, זעט איר, פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט: ווי האַלט עס נאָך, כ׳בעט איבער אייער כבוד, אַ ייד, — ביי זיך אין שטוב, אַזאַ מרשעת פון אַ גויע?... מילא: אין גאַס, בין איך טאַקע ביי זיי אין גלות... אָבער ביי זיך אין שטוב...

ר׳ ברוך

איז זי ווידער אין גלות ביי מיר...

משה

כ׳גיי אַזוי אַ רעכטע שעה איבער די שטיגן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, פאַרשטייט זיך: אַז כ׳האָב שוין מיט מזל געזען אַ מזוזה, איז די גאַנצע וועלט געווען מיין, און ס׳אויף מיר אָנגעפאַלן אַ גדולה: כ׳בין שוין ביי מיר אין שטוב... דערווייל, אַ רשעות פון אַ גויע? ווי איך עפן די טיר, בנאמנות, ווען כ׳כאַפּ נישט באותו רגע צעריס די נאָז, — בלייבט זי קוועטשן פון יענער זייט... דערלאַנגט אַ שאָס מיט איר, אַז כ׳האָב געמיינט: ס׳הויז פאַלט אויף מיר איין... וואָס אַן ערלטע קאָן?...

ר׳ ברוך

לאָזט זיך גיין

טאַקע אַ רשעות!

משה

וואו גייט איר? ר׳מיינט, ס׳לוינט זיך צו מאַכן דערפון אַן עסק? וואָס? אויסווייזן גביעת עדות? אַן עבירה! אָנמסרן? נישט כדאי. כ׳בין איר מוחל! מוחל!

ר׳ ברוך

זעצט זיך צוריק

אפשר געקאָנט עפעס רעדן?

משה

פון פריץ, מיינט איר? אוודאי... ווי כ׳פאַרשטיי: שטייט אייך שוין די נשמה אויפן שפּיץ-נאָז... אַז כ׳בין געווען ביי אים ס׳לעצטע מאָל, אָ, דאָ, בייזערט ער זיך: „וואָס כ׳לויף איבערן? ס׳אי נישט צו כאַפּן פון די האַנט... מ׳קריגט היינט אַזוינע מציאות, ווי כ׳ברענג אים, אויף יעדן טריט...״ און אַוועק מיט אַן אָפּגעשנייצטע נאָז... אין אַ פּאָר טאָג אַרום בין איך שוין ווידער ביי אים, און דערגיי, טאַקע אין די קיך, — אַ ייד האָט דאָך אומעטום די נאָז! וואָס? אַז דער חברה-מאַן איז געווען אויפן דאָרף... און טראַכט מיר: „שוין ליגן אַצינד ביי מיר טיף אין די אדמה...״ פון דרויסן, אפּנים, בריקעט ער זיך, משמעות: כ׳זאָל זיין געפאַלן ביי זיך, און אינעווייניק ציפּט דאָס אים אָרנטלעך...

ר׳ ברוך

יאָ... יאָ...

משה

און מאַך מיך כלא ידע, אַ פּיש אי, וואַסער: „פּריץ, ווילסט נישט קויפן ס׳דאָרף, וועל איך עס אָפּטראָגן צו אַן אַנדערן... קאַרג בעלנים פּאַראַן, וואָס ווען זוכן אַ מציאה צו כאַפּן?״ אַ גוישער קאָפּ, מיינט ער טאַקע: ס׳אי קודש קדשים! און אויב כ׳טראָג מיך דאָ נישט אַרום מיט קיין צען אַנדערע פּריצים אין קעשענע? וויל ער עפּעס רעד, נאָר כ׳לאָז אים נישט... „ווייסט דאָך, — זאָג איך, — אַז ס׳דאָרף ליגט מיר נישט אין די לינקע פּאה, נאָר וואָס כ׳קוק אַליין אויס עפּעס צו פאַרדינען; און פון דעם וואָס דו איילסט דיך נישט, און האָסט אַלץ צייט, — ביי מיר אין דער היים דערוויייל אַוועקגיין אַ ווייב מיט אַ שפּאָר ביסל קליינע קינדער פון די וועלט, פאַר וועלכע איך וועל זיין עתיד ליתן דין וחשבון אחר מאה ועשרים שנה. און אויב נישט נאָך פריער?

ר׳ ברוך

יאָ... יאָ...

משה

גיט ער אַ געשריי איבער מיר, מיך איינצושלינגען: „אויב די בענקאַרטן ביי מיר, איר הערט? בענקאַרטן! ימח שמו זאָל ער ווערן! האָבן

ניִשט וואָס צו קייִען, זאָל איך מיר אַרויסגייִן, נעמען אַ זאַק קאַרטאָפל, מייערן, קרויט, און אַפילו שטרוי אין די בעטן אַרייִן, זיי זאָלן האָבן אויף וואָס צו ליגן...״ זאָג איך צו אים: „פּריִץ, ס׳אי זייער שייִן פון דיר, נאָר דו ווערסט מיך אָבער מיט קיין שטרוי און שטעשקע ניִשט אונטער־קויפן... אויב ס׳האָט עפּעס צו זיין, וויל איך דאָ מער האָבן ווי מייערן און קרויט...״ און אַזוי ווי כ׳רעד, קוק אים אין מויל אַרייִן, זע איך, וואָס זע איך? ווי זיין טריפהנע צורה פאַרקרימט זיך. ווערט פאַרענדערט, כ׳זאָל אייך אָפּמשלען: ווי אייִנער זאָל אַראָפּשלינגען אַ לעבעדיקן ראַק, וואָס נעמט שפּאַרן און צעשפּאַרן, ר׳זאָל קאָנען אַרויסקריכן אונטנאַרו־מעט: פּידוע, קריכט אַ ראַק אונטנאַרומעט... און ער מאַכט צו מיר פון פּאַפּיר אַרויס, וואו כבודו האָט אים באַשריבן פּאָדראָבנע פון אַלע מטלטלים, נכסים, מיר אַרויסלייגנדיק אויף די האַנט אחת ואחת: „צוויי וולאָג וואַלד, זיבן הונדערט מאָרגעס פעלד, — און קוועלט. — פאַרוואָס מ׳האָט שוין אינאַייִנוועגס ניִשט אַרייִנגעשריבן ס׳וואַסערל אויכעט?...״ זאָג איך צו אים: „ס׳וואַסערל, מ׳זאָל וועלן אַרייִנקוקן דעריִן, — איז אויך אַ מעלה; אַ דאָרף אָן וואַסער־ איז להבדיל ווי אַ פערד אָן אַן עק... עלעהיי מ׳קאָן צושטעלן אַ מיל, אַז מ׳וויל...״

ר׳ ברוך

פּאָלג מיך אַ גאַנג.

משה

„נו, גוט! — נעמט ער זיך אַרייִנאַרבעטן אין עסק, — זיבן הונדערט מאָרגעס פעלד, — מער זאַמד ווי ערד צום פאַרזייִען; טויגן אַפילו ניִשט אויף קיין ריבן צו זעצן...״ זאָג איך אים: „ער האָט דאָך די ערד פון זיך ניִשט געמאַכט, נאָר אַזוי ווי ר׳האָט איר געקויפט, — וויל ער איר ווייטער פאַרקויפן... און ניִשט מער ווי אָפּגענוצט איר... אָבער, די זעל־ביקע ערד...״ און לאָזט ווידער אויס צום וואַסערל: „פאַרשטינקען וואַ־סער, אַפילו פיש זיך דעריִן ניִשט האַלטן, און אויסגורן... פון אַ ראַק איז אָפּגערעדט...״ מנע! אויף מייִנע שונאימס פּלייצעס, — ראַקעס!

ר׳ ברוך

הכלל, ביי וואָס איז געבליבן?

מ ש ה

ביי גאָרנישט.

ר׳ ב ר ו ך

נישט געקאָנט מיטן אַדורכקומען ?

מ ש ה

וואָרן, איר וועט דען פֿאַרקויפֿן ס׳דאַרף מיט זיבן טויזנט רובל ווייניקער, — ווי מ׳האָט אייך פֿאַראַיאָרן געוואָלט געבן ?

ר׳ ב ר ו ך

אַזוי לאַנג זאָל ער ליגן אויף איין זייט, און נישט קאָנען איבערדרייען אויף די אַנדערע, דער שונא ישראל... ער מיינט אויכעט : ר׳האָט מיך אָנגעקריגן ?... אַז, כ׳שטיי שוין מיט אַלעם איין ביי אים אין די הענט ?...

מ ש ה

וויל אים איינגעמען

וואָס אַרט עס אייך, אַז ער רעדט ? ס׳ברויך קאָסטן געלט, — מוז ער דאָך רעדן... נישט רעדן אויכעט ?... און נעם מיך צו אים אויף אַ שטייגער : „פֿריץ, און דער וואַלד ?״ גיט ער אַ געשריי : „ס׳עפּעס אַ וואַלד ? בייטשן ! דער גרעבסטער בוים קאָן טויגן אויף אַ לאַטע צו לייגן אונטער אַ שינדל־דאַך ; אויף אַ קראָקווע שוין נישט...״ נו, מילא, אַז כ׳האָב דאָס דערהערט, האָט עס מיך שוין גוט פֿאַרדראָסן... אַ מענטש האָט דאָך עפּעס אין זיך אַ גאַל !... און אים געזוכט צו כאַפּן אויף די ווענדקע : „פּריצל, אַז דו ווייסט שוין אַזוי אַלץ אויף די האָר, אפֿנים : געמוזט זיין אויפֿן דאַרף, און אַרומגעטאַפּט ווי אַ פֿערדס־הענדלער ס׳פֿערד, און אַ קצב די בהמה...״

ר׳ ב ר ו ך

יאָ... יאָ..

מ ש ה

נו... נו... זיך גאָרנישט פֿרעגן... געוואָרן אויף אַ מאָדע צעקאָכט.. גע־נומען שפּריצן מיט פֿייער... געקריגן אַ פּנים ווי אַן אָפּגעקאָכטער ראַק...

שוין אַמאָל געזען אַן אָפּגעקאַכטן ראָק ?... און געמיינט : ער וועט מיך דורכן אויפן אָרט... איינשלינגען ווי כ'גיי און שטיי, מיט די שטיוול, און אויסשפּייען פון יענע זייט הויף... „געוואַלט, פריץ לעבן, וואָס האָב איך דיר אַזוי שטאַרק פוגע בכבוד געווען ?..." און ער : „ווי אַ ייד, און נאָך אַזאַ פאַראַכטעטער ייד דערצו, איר הערט ? קאָן האָבן אַ חוצפּה און אַ העזה..." איר הערט ?... אַ ממזר בלבול ! געהרגעט זאָל ער נישט ווערן... מ'טאָר דאָך אים, צו אַלע צרות, אַפילו נישט שעלטן... ווייל, ווי-נישט, האָט דאָך אַמאָל אַ ייד עפּעס פונם, און אַליין אויכעט ברויכן פונם האָבן...

ר' ברוך

יאָ... יאָ...

משה

הכלל, זיך אָפּגעקילט, דער כעס אָפּגעגאַנגען, זאָג איך צו אים גאַנץ גע-לאַסן : „פריץ, זיי מיר הונדערט טויזנט מאָל מוחל, וואָרן איין גאָט ווייסט, אַז כ'האָב אסור, נישט געמיינט דיין כבוד... נאָר, דו ביסט דאָך פּאָרט נישט הי געווען אַ גאַנצן טאָג ? און אויב נישט אויפן דאָרף, — וואו דען ?..." לאַכט ער : „ר'איז געווען ביי אַ גרעפין..." מילא, ס'לייגט זיך אַפילו אויפן שכל : אַז אַ גראַף זאָל גיין צו אַ גרעפין... איר וועט צו קיין גרעפין נישט גיין, און איך אודאי נישט... כ'פאַרשטיי : אַ פלגש ! און באמת : ווער ווייסט אים ?... האָט ער, ווי ער זאָגט : גע-זאָלט זיין ביי אַ גרעפין ?... פון וואַנעט מיר ווידער געוואוסט אויסצו-רעכענען דעם גאַנצן צעטל שבחים ?... ואם תמצא לאמר ?... האָב אים אַכט און אַכטציק... מ'טאָר אים אפילו, ווי גרויס גוי ער איז, — אויכעט נישט שעלטן... אויף די חברה איז אַלץ צו גלייבן... אַז ער זאָל אַלץ ווייסן, און נישט האָבן געווען אויפן דאָרף אויכעט... נאָר, ערגעץ ביי אַ ווייב אין דרערד... ווייניק ווייבער, מיינט איר, האָבן זיי ?... דער שטאַנגאַרעט זיינער האָט זיך פאַר מיר אַליין געשוואוירן, אַז ער ווייסט פון זיבן... קעגן די זיבן טעג אין די וואָך... אַלע טאָג פאַרבייסן מיט אַן אַנדערע... און ביי מיר איז אַ סברא : קעגן די שבעה מדורי גיהנום... אַז מ'זאָל פונם נאָכן טויט פאַר יעדע איינע באַזונדער, אַראָפּציען די הויט אין אַן אַנדער מדור...

ר׳ ברוך

יאָ... יאָ...

משה

און אַז כ׳זע: ער רירט זיך נישט, גיב איך אים אַ כאַפּ אָן, נ׳אָגלע: „פּריץ, און די גאָספּאָדאַרסטווע?״ ווערט ער אָנגעצונדן: „וואָס? די שטעלעכלעך? סוכּות! איר הערט? ער ווייסט אויכעט פון סוכּות! דער ווינט וועט געבן אַ בלאָז, זיי אַוועקבלאָזן!...״ „געוואַלט. ער בלאָזט דאָך שוין אויף זיי, נאָך איידער מיר זענען געבוירן געוואָרן, — און שטייען אַלץ ווי מ׳האָט זיי אַוועקגעשטעלט?...״ נאָר גיי רעד, אַז ער הערט נישט... איז טויב ווי די וואַנט... נו, אַז כ׳האָב געזען: דאָס אומעטום ווי איך טרעט צו, האָט ער שוין פאַר מיר עפּעס אָנגעגרייט, און פאַרלויפט מיר דעם וועג... כ׳קאָן אים מיט גאָרנישט מער נעמען... מיך געמאַכט געפגרט: „ווי כ׳זע, פּריץ, האָסטו קנאַפּ חשק צו קויפן, און דערמיט אַריבערגיין צום כראַביע בראַטינסקי.״ און, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אויפן אָרט אים אָנגעקריגן... גלייך געזען: ווי ס׳איז אים נישט גוט געוואָרן, און נאָך אוודאי פינסטער פאַר די אויגן, אויכעט... דאָס גלייך ביי אים דערקענט אונטער די אויערן... און נאָך געזוכט צוצוהאַלטן: „אַז כ׳וועל עס ביי יענעמען אוודאי פאַרצוקערן...״ כאָטש צווישן אונז זאָל עס בלייבן, נישט ווייטער קומען: איז די גאַנצע מעשה מיטן כראַביע נישט געשטויגן און נישט געפלויגן... נאָר, ווי אַזוי דען, זיך געטראַכט, אים דאָ נעמען אין חדר אַריין?... אַז, כ׳ווייס: זיי זענען זיך דם־שונאים, די צוויי פּריצים?

ר׳ ברוך

יאָ... יאָ...

משה

אַ גוישער קאָפּ, האָט ער געמיינט: אַז וואָס ס׳גייט אַרויס פון מיין מויל, איז תורת משה...

ר׳ ברוך

און גענומען דערמיט?

מ ש ה

לעת עתה, נישט; נאָר, קאַליע געמאַכט דערמיט אויכעט נישט; אדרבא, איך בין בטוח: אַז אַצינד וועט ער דערלייגן... וואָרן, אַזוי ווי כ'בין אַוועקגעגאַנגען, זיך נאָך געהאַלטן שטאָל און אייזן ביי ס'זייניקע... נאָר איך האָב מיר געטראַכט: „טי מאָוו אַ יאַ זדראָוו." והא ראיה: נישט אָפּגעגאַנגען קיין צען טריט, אַ-האַ! דער שטאַנגאַרעט לויפט מיר נאָך: „כ'זאָל למען השם, מאָרגן אַריבערקומען!" כע-כע... נו, איר פאַרשטייט שוין דאָס קטורת?... וועט ער דערלייגן?... כע-כע... אַ קלער?... אַ... דאָך אוודאי פרעגן: „אַלמאַי, ר'האָט מיך באַלד נישט צוריק גערופן?" זאָל איך זאָגן: ער וויל זיך נעמען אויף אַ ישוב מיטן ווייב? ווי זאָגט דער שטאַנגאַרעט? ער האָט מער ווייבער ווי יתרו נעמען... און פון וואַנעט יענער ווייסט וויפיל נעמען יתרו האָט געהאַט, ווייס איך אויכעט נישט.. איך מיין: ס'האָט אים נישט געפּאַסט זיך גלייך אונטערצוגעבן, נאָר דערנאָך... און אַלץ צוליב דעם כראַביע... יענער זיצט אים איצט ווי אַ גרעט אין האַלז... זיך גיכער געלאָזט אַרויסנעמען צוויי ציין, אויב נישט מער, ווי נאָך אַמאָל צו הערן זיין נאָמען... אַ פשיטא שוין: אויב ס'האַנדלט זיך אין עטליכע טויזנט קערבלעך... כע-כע... אַצינד וועט ער שוין געבן... כ'זאָל אַזוי בטוח זיין צו הערן שופר של משיח, ווי ער וועט דערלייגן... און אַלץ צוליב דעם אויפטו, מיין אויפטו... אַ ייד האָט לכתחילה אויף אַלעם אַן אויפטו...

ר' ב ר ו ך

מילא, כ'ברויך טאַקע נייטיק האָבן דאָס געלט... נאָר ס'אי זיך נישטאָ וואָס מער צו זיין; אַז מ'וועט לעבן, זיך נאָך מאַכן אַ רעכטער קונה אויכעט...

מ ש ה

ער ברויך זיך גאָרנישט מאַכן, ווייל ר'האָט זיך שוין מיט מזל פון אַ גוטע מינוט געמ כט; איידער איר וועט זיך נאָך רעכט איבערשלאָפן, דער שטאַנגאַרעט ביי מיר, ביי מיר קלאַפּן אין פענסטער.. דער כראַביע אים געוויס נישט לאָזן איינליגן... פון בעט אַרויסוואַרפן...

ר' ב ר ו ך

ס'אַפילו ביז איבערמאָרגן אויכעט נישט אַזוי ווייט...

מ ש ה

אַז מ׳זאָגט אייך מאָרגן, איז נישט איבערמאָרגן; און אַקעגן דעם, איר זאָלט וויסן: איך האָב אַ קונה אויף די האַנט, און אַ גוטן קונה... און זיך נישט צוהערן צו נחום מעקלער, וואָס הערט נישט אויף אָנצודילן אַ מוח, זאָגט אייך צו הרים וגבעות, עפּעס אַ קונה מיט מיליאָנען... אַ נעכטיקער טאָג... באַלד ווי ער גייט נאָר אַוועק פון אייער שטוב, מעגט איר גלייך מאַכן די ברכה: „על מצות שוא-ושקר!"... אויסשאָקלען דעם אַרבל און זאָגן רבנן קדיש... וואָרן ווי לאַנג דער ייד מעקלט, — האָט ער נאָך נישט אויסגעמעקלט קיין צירת מטבע פאַר זיינע אויגן... דאָס ווייב נישט איינמאָל שוין געהאַט מיטן אַ דין-תורה, און משלח געווען פון שטוב... נאָר ס׳אייגענע צוריק געשמועסט: איז זי אויכעט גאָט די נשמה שולדיק... האָט ער מיט איר, זיי זאָלן אים לעבן און געזונט זיין, אוודאי ניין שטיק, — אַזוי אין געהרגעריי, געררייסעריי, און מיט דין-תורות... איין גאָט ווייסט: ווי אַזוי?... נאָר, מ׳קאָן דאָך אין זיינע וועגן נישט אַריינטראַכטן... אַז ער גיט, מוז מען מקבל זיין באהבה... וואָרן בעסער אַלץ, אַז ער גיט, ווי חלילה, ער נעמט... דאָס איז שוין גאָרנישט גוט... מיר מוחל זיין, ווי שפּעט איז?...

ר׳ ב ר ו ך

קוקט אויפן זייגער

אַרום עלף.

מ ש ה

אַזוי פרי? געמיינט: ס׳אי שוין נאָך די האַלבע נאַכט...

ר׳ ב ר ו ך

וואָס איז אייך די נפקא מינה? אַנדערע מסחרים נאָך היינט צו דערליידיקן?

מ ש ה

נייטיק באַדאַרפט אַהיימגיין, אַוועקלייגן די ביינער, האָב איך מורא: אַז ס׳קליינוואַרג ליגט נאָך נישט איינגעלייגט, און מיך וועלן צעטראָגן, צעפליקן אויף שטיקער, — כ׳זאָל זיי געבן ברויט... אוודאי איז גוט צו געבן, אַז מ׳האָט... נאָר אַזוי ווי כ׳האָב אָבער נישט, מיך מוזן אַרומ-

דרייען נאָך אַ גוטע שעה אויף די גאַס, הינטער די מויערן, ביז כ'וועל זיכער זיין, אַז די ווערים האָבן שוין געכאַפּט אַ פּלעט... אַ, מ'קאָן כאַפּן אַ שטיין אין קאָפּ אַריין?... מאַ, דאַרויף איז מע דאָך אַ ייד... און מ'מוז זיין אָנגעברייט דאַרויף...

ר' ברוך

נאָך קאָנען זיצן אַ ביסל... אַריינקוקן אין אַ ספר, אויב ר'ווילט?... כ'טרייב קיינעמען נישט אַרויס... איך מוז אַריינגיין אַ בליק טון.

הייל צוריק.

משה

וואָס וועל איך זיצן, אַז מ'ברויך גיין... קושט די מזוזה געדענקט, ר' ברוך, טאָמיר קומט ער אַהער, נחום מעקלער, און ס'זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן ווי יאָ, — אַז דער שלימזל זאָל זיך ביי אים איבערדרייען, און מצליח זיין? איז, לחצאין! נישט אַנדערש! איך בין מיך שוין אויכעט געזוג אָגגעגאַנגען... באַלד די שיך צעריסן... כ'פאַרשטיי: איר וועט נישט האָבן גאָר קעגן דעם, און צו קיין דין-תורה אויכעט נישט קומען... נאָר גלייכער, איר זאָלט אים נישט גלייבן פּי-הוה-זה... מאָרגן אין דער פרי כאַפּ איך מיך אַריבער צו אים אַ טאָפּ טון דעם דופק, און פון אים גלייך אַהערצו... אַ גוטע נאַכט... אָפּ.

ר' ברוך

אַ גוטע נאַכט.

משה

קערט זיך גלייך אום

נישט האָבן קיין פאַריבל, אייך בעטן אַ קערבעלע?... איר פאַרשטייט? ס'קאָן דאָך געמאָלט זיין: איך זאָל קומען אַהיים, און חברה נישט נעמען קיין שלאָף פאַר די אויגן, ווי קאָן מע גיין שלאָפן הונגעריק? און נאָך האָבן אַריינגעכאַפּט אַ שטיין אין קאָפּ, אויכעט?

ר' ברוך

אויף אַ קערבל געברויכט פאַרלייגן אַזוי פיל אַרבעט?

משה

אַ ישר־כּוח! נישט ווי איר זאָגט: בלויז דאַרויף אָוועקגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט, נאָר אויף צו פאַרקויפן ס'דאָרף, און מיר נאָך ברויכן צו דערלייגן ביז אַ פּאָר מאות... דאָס איז נאָר אַ התחלה... און אַ גוטע... ס'דאָרף איז פאַרקויפט... איר קאָנט שוין רעכענען: ווי ר'וואָלט געהאַט ס'געלט אין קעשענע דערפאַר... און מיר קומט אַ רובל ווייניקער בייַ אייך...

פּאָרהאַנג

סאָוויעטיש, נעבעך!

מאָנאָלאָג

העלאָ! העלאָ! אָבער אַ גאַסט! נישט געזען קיין וועלט מיט יאָרן! וואָס מאַכסטו? מיך ווידער געקומען איבעררעדן: איך זאָל אַריין צו דיר אין די סאָסייטי? לאָך דיך אויס! מיר נעמען אַ פרישן שטיין אויפן האַלז? די לאַנדסלייט האָב איך ווייניק, און מוז נאָך אַריינשטעקן אַ פוס אין דיין סאָסייטי אויך? באשר-ובכן, מיין באָבע איז געווען זייערס אַ לאַנדס-יידענע? נו, ברויך איך זיי דערפאַר צאָלן דיוס? כאַ-כאַ! אַ שיינע זאַך, כ'לעבן... היינט קומסטו מיט דיין סאָסייטי, כ'זאָל מיך לאָזן פאָרשלאָגן אין איר, ווייל די באָבע איז געווען אַ דאָרטיקע... מאָרגן קומען נישט קיין קלענערע מחותן פאַר דיר, און האָבן אַ טענה, און אַ געררעכטע: היתכן? פאַרוואָס כ'זאָל מיך נישט לאָזן פאָרשלאָגן אין זיין סאָסייטי, באשר-ובכן, — דער זיידע איז געווען אַ דאָרטיקער?... מיט וואָס, זאָלסט מיר געזונט זיין, האָט די באָבעס שטאָט אויף מיר אַ גרעסערן מאָרגעדזש ווי דעם זיידענס שטאָט?... און כ'זאָל אים, כ'מיין: די לאַנדסלייט זיינע, פאַרשעמען?... צוריקגעשמועסט: כ'זאָל ברויכן באַלאַנגען לויט די פאַמיליע, האָב איך דאָך עפעס, אומאויסגערעדט, דאָ משפחה אויף משפחה... און יעדעס שטיקל משפחה פון אַן אַנדערע שטאָט... מער שטעט ווי האָר אין קאָפּ... יעדע שטאָט איר סאָסייטי... יעדע סאָסייטי, מ'זאָל באַהיט ווערן, איר סעמעטערי... געוואַלט, אַזוי פיל סעמעטעריס!... דאָך אויסקומען: זיי זאָלן זיך נאָך מיין טויט ברויכן אַרומקריגן, און נישט וויסן אויף וועלכע פריער מיך צו לייגן!... ס'איז גוט צו ליגן צווישן לאַנדסלייט?... דאָס קאָן זיין, וויסטו בעסער, ווייל דו ביסט שוין נישט איינמאָל ביי זיי געליגן אין דרערד... אָ, דו מיינסט עס אַקעגן דעם וואָס ס'איז גוט אַ סך צו באַלאַנגען?... און אַז ס'איז גוט צו פאָרן אין אַן אייגענער קאַר, און מ'האָט נישט? ווייניק גוטע זאַכן, און מ'מוז זיך אָן זיי באַגיין!? וואָרן, די סאָסייטי וועט דיך האַלטן פאַר נאָט נג? ס'לוינט צו באַלאַנגען, ווייל כ'וועל מיר אויסשלאָגן די פאַר טאָלער, וואָס כ'וועל זיי אָוועקגעבן איבערן יאָר? וואָס בין איך, אַן עקטער? כ'לויף יעדעס יאָר אַ בענעפיט, און האָבן, וואָס מער כ'וועל באַלאַנגען, — מער טיקעטס וואו אויסצובערענגען?... אַ סאָסייטי שלעפט נישט בלויז דיוס... וואו איז קאָפּ-טעקס פון די מעמבערס?... און סתם טעקס, אַז קיין מעמבער וויל נישט שטאַרבן... כ'האָב געדל שוין אַ באַרגען, אַז אַ מעמבער שטאַרבט, — כ'קום אים אָפּ מיט אַ טאָלער!... אַנישט, קאָסט עס ביי זיי נישט ווייניקער ווי אַ דרייערל; זיי וואָלטן ביי

אַ טויטן נאָכמער געגומען, ווען זיי זאָלן עס קאָנען נעמען פאַר זיך, נאָר אויב ס'איז פאַר די אַלמנה, — ווי קאָן מע איר אַזוי פיל אָוועקגעבן ?... זיי וועלן עס דאָך אויסקרענקען !... ווילסט וויסן : איז מיר די איינע סאָסייטי אין וועלכע כ'באַלאַנג, אויך נמאס ; נישט מער, כ'מוז אין איר באַלאַנגען, כ'זאָל מיך אויסקויפן פון די לאַנדסלייט, און טאַקע ריכטיקע לאַנדסלייט, נישט פון די באָבעס צד, און נישט פון זיידענס צד, נאָר טאַקע פון איין שטאָט, פון איין גאַס, פון איין מקווה... וואָס קאָן נאָך זיין מער ?... אוי, געוואַלט ! בערל, הירשל, מאָטל, אינאיינעם געלערנט אין חדר... אַרויסגענאַרט דעם רבין אויפן גליטש... געמאַכט מענטשעלעך אין שניי... געטרעטן אויפן אָפּגעשניטענעם היי... אויסגעציפּט ביי דער קאָזע די האָר פון די באָרד... און דערנאָך, אַז מ'איז אונטערגעוואַקסן, אינאיינעם געקראָכן וואו מ'ברויך נישט... און שאַ, שטיל, די וואָנסעס אָפּגעווישט... פאַרוואָס זאָלן מיר טאַקע דאָ, אַז מ'איז אויסגעריסן געוואָרן פון די אַלטע היים, פאַרוואָרפן אַזוי ווייט, מעבר לים, — זיך נישט האַלטן אינאיינעם ?... זיין צעריסן און צעפּליקט, און אַפילו בלויז פון דער ווייטנס ? ס'וואָלט דאָך געווען די גרעסטע עוולה אין דער וועלט... צווישן זיך גערעדט : דאָס זיי אויכעט מוחל געווען... נאָר, מ'מוז דאָך אַ קלער טון : איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר ? מ'איז דאָך נישט מער ווי אַ לעבעדיקער מע.טש ?... אַ, ס'אי זיך דערפאַר אויך נישטאָ וואָס צו שרעקן... וויפיל מענטשן עס שטאַרבן דאָ אין איין טאָג... איבער אַ וואָך... און וואָס מ'ציטערט אַזוי, מ'פלאַטערט : נישט זיין ווער ס'זאָל באַגראָבן נאָכן טויט ? ווייז מיר איינעם וואָס זאָל בלייבן ליגן ווען אַפילו ר'האָט נישט באַלאַנגט צו אַ סאָסייטי, געצאָלט ס'גאַנצע לעבן דיוס, און זיך נישט געקאָנט האָבן פון איר אויסגעצאָלט ?... אַ גרויסער חילוק, זאָגסטו, ווי אַזוי מ'באַגראָבט ?... אַ הונט באַגראָבט מע אויכעט ?... לאָך דיך אויס! ס'אי נאָר בלויז פאַרן לעבעדיקן... און דעם טויטן איז אַלצאיינס : צי מ'לייגט אים אַריין אין אַ זאַמדיקע ערד, וואו ער קאָן ליגן אַ יאָר לענגער, ביז ס'וועט פון אים גאָרנישט ווערן, אָדער אין אַ קבר מיט וואַסער, זיין שטיינערן האַרץ זאָל גיכער דערווייקט ווערן... און דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן אויף נאָכן טויט... אויף נאָכן טויט וועט דיר קיינער נישט קאַרגן... דיר צוזאָגן די גרעסטע גליקן... פּרווו נאָר אויסציען די פיס, און מ'וועט דיך באַגילטן... רייך מאַכן... און ביים לעבן ?... ס'זאָל אַזוי נישט אויסקומען ווי ס'קומט נעבעך יאָ

אויס, — ברויך מע זיך פריער לאָזן דעם קאָפּ צראַפּהאַקן, איידער צו זיי אָנצוקומען... כ׳רעד שוין נישט פון קיין געלט... ווילסט נעמען געלט ביי די סאָסייטי, און ס׳בלוט זאָל אין דיר נישט געזעצט ווערן ?... לוינט דאָך אוודאי פריער אַ שפּיי טון אויף אַזאַ געלט, פון וועלכן ס׳בלוט ברויך געזעצט ווערן... נישט מער, ס׳מאַכט זיך, דאָס די סאָסייטי ברויך אַמאָל נעמען אַ האַנט, לאָזן פאַלן אַ גוט וואָרט פאַר אַ ברודער, וואָס קאָן מער האָבן ממשות ווי איינער, צוויי, צי אַפילו דריי זאָלן עס זאָגן ?... נו, נו... ברויך דאָס, ראשית, קומען פאַר די „פלאָר !“... אָן די „פלאָר“ הייבט זיך ביי זיי גאָרנישט אָן... מוז דאָס יעדער מעמבער פריער גוט צעקייען און באַשפּייען... און כאָטש עס רירט נישט קיינעם אָן, זיך פונדעסטוועגן יעדער ברודער גלייך פאַרשרייבן צום וואָרט... ס׳וועט זיך אויפהייבן אַ „דעבעיט“ מיט אַ „מאָשן“ צו די טשער... אַ „פּאָינט“ אויף אָרדער... צו וואָס ?... נאָך ווען ?... אַ זאַך, מ׳וואָלט אַפילו נישט באַדאַרפט אַריינטון די האַנט אין קאַלטן וואַסער, און מ׳וואַרפט זיך אַריין מיט אַזאַ ברען, מ׳ברענגט אויס אַזוי פיל כוחות, מי יודע: די סאָסייטי וואָלט דערפון געקאָנט אונטערגיין... מ׳נעמט זיך אַזוי אַרומרייסן ביי די קעפ, און אויסרעכענען די חטאים שוין גאָרנישט ווי קיין ברידער, נאָר טאַקע ווי אַלטע, היימישע, און ריכטיקע לאַנדסלייט... וואָס ווייסן דעם יחוס ביזן צענטן געבוירט, און אויב נישט מער... קאָנען אַריינזאָגן ... און אַריינטרעפן מיטן שפּיץ, ריכטיק וואו מ׳ברויך... „הע נאָר, דו... דיין טאַטע, דער פאַרך, האָט זיך אויך אַזוי צוועקגעבערענגט פאַר יענעמען ?...“ אָדער: „יענעמס מאַמע, די אַראָפּגערוקטע קוזקע, וואָס האָט פרייטיקצונאַכטס געקאָנט צראָפּנעמען די לייכטערלעך פונם טיש, אַז מ׳האָט איר נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר די חלה ?... זינט ווען ביסטו ווידער געוואָרן אַזאַ גוטער מענטש, און צערייסט דיר דעם לעטניק פאַר יענעמען ?“... און כאָטש די אָרימע סאָסייטי איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק, און ס׳ברויך איר קיין צעבראָכענע פעני נישט קאָסטן, — פונדעסטוועגן נישט אויסמיידן צו נעמען די „טרעזשורע“ אין מויל אַריין, און שרייען געוואַלט: אַז די סאָסייטי איז נישט בלויז פאַראָרימט, נאָר אויך פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ... אַפילו די סעמעטערי, וואָס ברויך נאָכמער ? די אייגענע סעמעטערי, וואָס איז ס׳גאַנצע לעבן ביי זיי, — איז נישט זיכער מיט די טויטע אין דרערד, מ׳זאָל זיי פון דאָרט נישט אַרויסוואַרפן, און מאַכן צו מופת ?... און וואָס נאָך ?... וואָס

נאָך ?... וואָס נאָך ?... אַז די מעמבערס זענען פויל צו צאָלן די דיוס... נאָך שולדיק פּאַר טיקעטס פון פּאַראַיאָריקן באַל... ס'ליגט זיי גאָרנישט אין זינען דער טעקס... ווידער דער טעקס !... נאָר ווי אַזוי זאָלן זיי נישט שולדיק זיין, אַז די לאַנדסלייט ראָנען אַ באַנקעט, אַזוי מוז דאָס פּאַרגעניגן אָפּקאָסטן די ברידער נישט ווייניקער ווי צען טאָלער אַ קאָפּ !... מע מוז דורכויס זען אָנצופּאַשן דעם האָלקיפּער, און געבן יאַנקלען מיט משהן אַ גרויסן ביין אַרומצוגריזשען... שינדען פון אים פּאָרויס אַ גאַנץ גייענדיק יאָר די הויט, ער זאָל ברויכן אויסקרענקען דעם ביסן, איידער'נעמט אים נאָך אין מויל אַריין... אים געבן פּאַר אַ טאָלער מיט אַ קוואָדער אָפּצועסן אין אַ לייטישן רעסטאָראַן, ער זאָל קאָנען, ראשית, „ענדזשאיען" דעם „מיעל", און והשנית: זיך אָנהערן די שרעק־עכצע נסים ונפלאות פון די סאָסייטי, וואָס האָט רייך געמאַכט אַמעריקע, און באַגליקט אירע מעמבערס, דאָס וועט נישט טויגן, אַ ?... און דאָס אַלץ איז מיר נישט, דיר נישט, ביי אַ גוט וואָרט... ווי איז נאָך: אַז גאָט שיקט צו עפּעס אַ רעכט כשר שטיקל אַרבעט, וואָס אויב די ברידער זענען ערליכע און געטריייע ברידער, און סטיקן צו דער סאָסייטי, ברויכן זיי דאָך אוודאי אַזוי זען צו עקטן: ס'זאָל נישט אָפּגיין גלאַטיק !... אַזוי האָט זיך אַנימעלטן אַ ברודער אויפּגעשטעלט, און אָפּגעגעבן: דאָס אַ ברודער איז קראַנק !... מילא, ליגט ער דאָך אוודאי נישט קיינעם אין די לינקע פּאה... נאָר דאָס מאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן: דאָס ער איז קראַנק שוין נאָך די זעקס וואָכן, פּאַר וועלכע ער איז געווען ענטייטעלט צו קריגן זיין כשרן בענעפּיט; די קרענק האָט זיך, ווי אויף צו להכעיס ביי אים ערשט צעפּלאַקערט, און די קאָנסטיטושן האָט אים ניין איילן טיף אין דרערד... מ'ברויך נישט מער ווי אַ קלייניקייט: מ'זאָל אים אַוועקנעמען, און טאַקע גלייך, טאַקע באַלד, טאַקע שוין, די מינוט, אין האָספּיטאַל אַריין... און קיין אייגן געלט איז נישטאָ.. אַז אָך און וויי, פון די זיבן טאָלער אַוואָך, וואָס דער קראַנקער האָט געזעצלעך געקריגן, — האָט אַפילו נישט געקלעקט פּאַרן דראָג־סטאָר; נישט, ער האָט נאָך דערפון געזאָלט האָבן אָפּגעשפּאָרט אויף אַזאַ אומגעריכטע זאַך, ווי אַ האָספּיטאַל ?... נו־נו... דאָס דערהערט איז געוואָרן שאַ, שטיל... האָבן אַלע אָנגעשפּיצט די אויערן... און ס'האָבן גענומען פליען נעמען: גראַס ! שמאָס ! קעין ! שפּעין ! האָזניסל ! גענזנפּיסל ! אַלע פּאַרשרייבן זיך צום וואָרט... די גאַנצע סאָסייטי שטייט אויף די פיס... איינער גיט אַ ניס,

דער צווייטער אַ כראָקע, מ׳גרייט אָן די כּלים ווי כּלי־זמרים פאַרן באַ־
דעקנס... מ׳רייבט זיך אַזש די הענט... אַז ס׳האָט זיך יאָ געמאַכט אַזאַ
הענט?... גאָט איז געווען אַזוי גוט און דערבאַרימדיק, נישט פאַרגעסן
אָן די סאָסייטי, איר צוגעשיקט אַ כּשרע טויב אין מויל... און מ׳גייט
זיך דאָ וואַשן צום קראַנקן ברודער... אים זיין רעכטס טון... קאָן זיך
דאָך עמעצן דאַכטן: אַז ס׳איז דערפאַר: ווייל ס׳איז פאַראַן אַזוי פיל
רשעות?... און איין לאַנדסמאַן, חלילה, געוואָלט זען אין אַנדערן זיין
בלוט?... אָדער אים דערטרינקען אין אַ לעפל וואַרים וואַסער?... און
ס׳קאָן עמעצן איינפאַלן, אַז פון דעם גאַנצן געוויש, און פון די אַלע
לייבן, וואָס זענען אויף יענעם אויפגעשטאַנען, איז כּמעט געווען אייגער
אָדער אַ הונדערטסטל פון איינעם, וואָס זאָל נישט באַשטיין, און מספּים
זיין: אַז מ׳ברויך דעם קראַנקן ברודער נעמען אין האָספּיטאַל אַריין?...
ס׳הייבט זיך ווערנישט אָן... ס׳איז פּשוט דערפאַר, ווייל ס׳איז ביי די סאָ־
סייטי אַ מצווה צו רעדן. און יעדער וויל נאָכקומען דעם יצר הרע זיי־
נעם, די תּאווה, און רעדן; און אַז איינער רעדט אָפּ, לאָזט זיך דערמיט
דער צווייטער ברודער נישט באַגניגן, נאָר ער מוז דאָס זעלביקע נאָכאַ־
מאָל אַרויפנעמען אויף דער קאָפּיטע; נאָך אים ווידער אַן אַנדערער, און
נאָך אַן אַנדערער, אַזוי לאַנג, ביז ס׳כאַפּט אָן אַ חלשות און אַ בראָכונג
פאַר אַלע; עס ווערט איינעם מיאוס פאַרן צווייטן, דעם צווייטן פאַרן
דריטן, און אַלע איינאיינעם פאַרן צענטן; און נעמען זיך נאָך פריער צו
צעקריכן, איידער מ׳איז אַרויס מיטן לעצטן, וואָס אי דאָ אויפן צעטל;
און אַז מע דערלעבט שוין מיט מזל, מ׳קומט צום אָפּשטימען, — וואו
איז שוין דאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין?... אַ ליידיקע האַל!... נישט
געבליבן קיין מנין יידן... אַפילו מיט די ווייבער. מ׳זאָל זיי מעגן צורע־
כענען צום מנין... בלייבט: כאָטש מ׳ווייסט גוט, ס׳איז קיינער פון די
ברידער חלילה נישט געווען, און אויך נישט זיין דאַגעגן: מ׳זאָל דעם
קראַנקן ברודער סייפן זיין לעבן, און אים נעמען אין האָספּיטל אַריין?...
בלייבט פונדעסטוועגן, אַז מען זאָל פאַררופן אַ ספּעשל מיטינג. און דאָס
אויפנעמען שוין אָן אַ „דעבעיט“... נאָר דער קראַנקער האָט ביי זיין
באַסטן ווילן, זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויפן ספּעשל מיטינג, כאָטש
מ׳האָט אים באַשטימט נישט שפּעטער ווי אין אַכט טאָג אַרום; און ביז
מ׳וועט זיך אויפסניי צונויפקומען, איבער אים זיצן און שוויצן, און
אַוועקגעשטאָרבן, זיך אָפּגעטראָגן און געגאַנגען זיין וועג... און מ׳האָט

שוין אָנשטאָט דעם האָספּיטאַל צו אים באַדאַרפט דעם אַונדערטייקער... נו, אַז ס׳האַלט שוין אַזוי ווייט ווי ביים אַונדערטייקער, מוז מע שוין אַ ביסל פאַרקוקן... פאַר אַ טויטן ברודער האָט מע גאָר אַן אַנדערן רעספּעקט... מ׳רופט נישט מער קיין מיטינג... און ממילא קומט נישט צו קיין „דעבעיט“ אויפן פלאָר... און ס׳פאַרשרייבט זיך קיינער נישט צום וואָרט... מ׳שטויסט נישט קיין וואַסער... דרך ארץ פאַר די סעמעטערי!... פּונקט ווי אַלע מעמבערס וואָלטן געווען אָפּגעשראָקן פאַרן טויטן ברודער, וואָס מ׳האָט אים געלאָזט אַוועקשטאַרבן פאַר זייער תאווה צום רעדן... צי גאָר פאַרן טאָלער קאָפּ-געלט, וואָס וועט באַלד אַרויפקומען אויפן ביל, און אים היילק ברויכן צו באַצאָלן?... נישט קיין חילוק: מיט דער מינוט און מיט די רגע, דער ברודער צי יענער, אַזוי ווי מ׳דערשמעקט נאָר: דאָס אַ ברודער האָט ערגעץ אויסגעצויגן די פיס מיט אַלעם, לויפט מע אים נאָך גיכער באַגראָבן... מ׳לאָזט אים חלילה נישט ליגן קיין איבעריקע האַלבע מינוט... דעם שבת קאָן מע זיי יאָ נאָכזאָגן, אַלע סאָסייטיס: אַז אויף צו באַגראָבן און לייגן אין דרערד אַריין די מעמבערס, זענען זיי די גרעסטע בריות, און קיין שום חברה קדישה קאָן זיך צו זיי נישט פאַרגלייכן... אָבער ביים לעבן וואָס מ׳האָט, און מ׳קאָן אויך האָבן?... פּרווו נאָר קראַנק ווערן, און טרייען ביי די סאָסייטי אַרויסצוקריגן די זעקס-זיבן טאָלער אַ וואָך קראַנקען-בענעפיט? דענסטמאָל געוואָר ווערן וואו גאָט וואוינט!... אַזוי ווי דו וועסט דיך נאָר איינמעלדן צום האָספּיטעלער, זיך אַ שעה דערנאָך אויפמאַכן די טיר, און אַ קאָמיטע-מאַן וועט אַריינשמעקן די נאָז: „יאַנקל, וואָס מאַכסטו?“ „טאַקע זיך אויף קיין געלעבטער, נישט נאַריש?“ דער וועט אַרויס, אויף צומאָרגנס ווידער אַריינקומען אַ צווייטער: „נו, גייסט נאָך אַלץ נישט אַרונטער פון בעט?“ איבערמאָרגן דיך קומען וויזיטן אַ פרישער: „נו, נעמסט נאָך אַלץ די פּרעסקריפּשן פון דאָקטאָר?“ אַזוי כסדר: איין קאָמיטע-מאַן אַרויס, דער אַנדערער אַריין; יעדן טאָג אַן אַנדערן קאָמיטע-מאַן; און זיך נישט באַניגן לאָזן וואָס ר׳זעט מיך ליגן געשוואָלן ווי אַ באַרג, און קאָן מיך נישט רירן, און נאָך אַרומגיין שנאַפּן צווישן די שכנים: אויב מ׳האָט מיך, חלילה, נישט געזען מיט אַ זאָק אויפן פוס?... און מ׳היט מיך שוין דענסטמאָל נישט ווי קיין ברודער, נאָר פליין ווי אַ גנב, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אויף די טרעזשורי פון די סאָסייטי, און וויל פון איר צאַפּן געלט... אָבער, ווען ס׳קומט אַזוי

פאַרקערט: מ׳ברויך באַצאָלן אין די סאָסייטי, דינסטמאָל זיך נישט איילן צו שיקן אַ קאָמיטע, אויסגעפינען: אויב דער ברודער קאָן גראָד נישט באַצאָלן?... איז אַן צרבטס... זיי טאָר מען דאָך גאָרנישט שולדיק זיין... מ׳האַלט דיך רק ביים גאָרגל: ערשטע איינצאָלונג, צווייטע איינצאָלונג... דריטע איינצאָלונג... מעגסטו האָבן באַלאַנגט צען, צוואָנציק, דרייסיק יאָר, געצאָלט די בילס ווי אַ טאַטע, און אַז ס׳קומט שטרייך אוועגט, איז נאָ עקסקיוז! רופט מע אויס דיין נאָמען בקול רם, לפני קהל ועדה, פאַר אַלע אין די אויגן: „וואָס זאָל מע טון מיטן ברודער זרח, וואָס האָט נישט איינגעצאָלט פאַרן קוואַרטל דיוס?” און אויב ס׳אי נישטאָ קיינער וואָס זאָל זיך איבער דיר דערבאַרימען, דיך נעמען אונטער זיינע פליגל, ביסטו, מיטן קאָפּ אין דרערד, און סוספּענדירט!... און אויס מיט דעם איינציקן, וואָס דו קאָנסט איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר דערוואַרטן פון דער סאָסייטי, אַז זי זאָל דיך באַגראָבן... נו, פרעג איך דיך: איז ווייניק, וואָס כ׳בין איינגעשטעלט ביי מיינע לאַנדסלייט, מיט וועלכע כ׳האָב צוזאַמען געלערנט אין חדר... אַרויסגענאַרט דעם רבין אויף די גליטש... געמאַכט מענטשעלעך אין שניי... געטראָטן אויפן אָפּגעשניטענעם היי... אויסגעצופּט ביי דער קאָזע די האָר פון די באָרד... און דערנאָך, אַז מ׳איז אונטערגעוואַקסן, אינאיינעם געקראָכן וואו מ׳ברויך נישט... שאַ, שטיל, די וואָנסעס זאָגעווישט... ברויך איך נאָך, מ׳זאָל מיך קומען סטראַשען מיט די באָבעס לאַנדסלייט, מיטן זיידענס לאַנדסלייט... און סתם לאַנדסדסלייט... כל ישראל חברים, וועלכער ייד איז דאָס נישט קיין לאַנדסמאַן?... ד׳העל מיט אים!... לאָמיך פריער אויסלעבן מיינע יאָרן אין פריידן, מגדל זיין די קינדער לתורה לחופה ולמעשים טובים, און באַשטיי ס׳זאָל מיך קיינער פון זיי דערנאָך נישט וועלן באַגראָבן, דאַטס אָל! צלך, וואָס זיי קאָנען מיר אָפּטון, די סאָסייטיס...